STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04012

ZSHAN ARTUR REMBO

Malka Locker

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זשאַן אַרטור רעמבא



JEAN ARTHUR RIMBAUD

מלכה לאָקער

זשאַן אַרטור רעמבאָ

(Jean Arthur Rimbaud)

פאַרלאַג „אידישער קעמפער"
ניו־יאָרק 1950

Copyright 1950 *by*
MALKA LOCKER
JERUSALEM, ISRAEL

געדרוקט ביי ברידער שולזינגער

Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING AND PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET NEW YORK 3, N. Y.

253

בערל׳ען

הקדמה

יעדער שטאַם האָט ערגעץ וואו שרשים, יעדער שטראָם אַ קוואַל; דער קוואַל פון אַלע קוואַלן זיינען הימל און ים. אייביקייט איז אייביקע נייגעבורט, און אין־סוף — דער בראָקן ערד אויף וועלכן מיר געפינען זיך באותו רגע. עס איז שווער, אָבער אפשר גאָר ניט נויטיק צו דערווייזן, פון וועלכן קוואַל אַרטור רעמבאָ איז אַרויסגעבראָכן. עס זיינען מסתם געווען מערערע און גלייכצייטיקע. וויכטיק איז ווי־אַזוי האָט די וועלט אים אויפגענומען, וויאַזוי האָט זי אים געטייטשט, וויאַזוי פאַרשטאַנען, וויאַזוי האָט זי זיך מיט אים מתיחד געווען. מיר שרייבן 1942. די סכנה פון פול־שטענדיקן חורבן מאַכט די וועלט, אויף דעם אופן, דורך צום ערשטן מאָל זייט איר באַשטאַנד. אָבער דער באַרג רעמבאָ־ליטעראַטור וואַקסט, שטענדיק, איינגעשפּאַרט. ער איז איבערזעצט געוואָרן אין יעדער אייראָפּייאישער און אַ גרויסן טייל אַזיאַטישע שפּראַכן. עס קומען אַלץ נאָך אַרויס טייל־איבערזעצונגען, אָפּשאַצונגען, מאָנאָגראַפיעס, עסייען, פּרובן צו טייטשן און צו פאַרשטיין אַרטור רעמבאָ. כמעט יעדער איבערזעצער מאַכט די קליינע רעזערוואַציע, אָנ־צורופן זיין אַרבעט ניט איבערזעצונג, נאָר „לויט״ „אָדער״ „נאָך״ אַרטור רעמבאָ. בנוגע דעם קליינעם באַנד פון 32 געדיכטע איבערזעצט אויף ענגליש פון נאָרמאַן קאַמעראָן, זאָגט ג. ו. סטאָניע: „די אויפגאַבע צו איבערזעצן רעמבאָ איז אומגעהייער. די איינפאַכקייטן ווערן שטאַר, דאָס העפ־טיקע ווערט זויער, אַלץ ווערט אָנשטרענגונג, געבריל און געקריץ...״

אַרטור רעמבאָ איז געווען ווייט פון געזאַנגליכקייט. ער האָט בכיוון זיך געהיטן פאַר זיסקייטן און פאַלשע חנדלעך. די באַדייטונג פון וואָרט נויטיקט זיך ניט אין אָרנאַמענטן.

דאָס וואָרט אין זיין אַלכעמי אַנטהאַלט אין זיך די מוזיק וואָס איז אין אים אָרגאַניש פאַראַן, וואָס איז צו אים אָר־גאַניש באַשטימט. עס איז פאַר זיך גענוג, אויב עס ווערט געברויכט מיט זיין פולן געהאַלט און אין שאַרף געצייכנטער פאָרעם.

די באַדייטנדיקסטע, פולשטענדיקסטע אַרבעטן וועגן אַרטור רעמבאָ אין ענגליש זיינען די ביכער פון עניד סטאַרקי, „אַרטור רעמבאָ", „רעמבאָ אין אַבעסיניע"*. עט־לעכע אַרבעטן ווערן פון איר נאָך צוגעגרייט — ציטאַטן ברענגט סטאַרקיע נאָר אין אָריגינאַל. פון דעסטוועגן קען מען ניט זאָגן, אַז ער איז געמיינגוט פון דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור אין געוויינטלעכן זין פון וואָרט. ער איז אַלץ נאָך דער פאַרבאָרגענער אוצר פאַר יחידי סגולה. און עס איז אפשר באַזונדערס כדאי אין דעם מאָמענט, ווען די ווענט פון דער איראָפּייאישער קולטור זיינען צוזאַמענ־געבראָכן איבער אונזערע קעפּ אויף א ממשותדיקן אופן, ווען — אויב אפילו ניט זייער מוטיק — הויבט די וועלט דאָך אָן צו ריידן וועגן דער נויטיקייט פון אינטעגריטעט פון גייסט, איז עס כדאי זיך צו פאַרנעמען מיט איינעם, וואָס די שלמות פון אידייע איז אים געווען אַזוי ערנסט אַז ער האָט די אידייע געלעבט, ביז ער איז פון איר פאַר־ניכטעט געוואָרן.

***

ער באַוועגט זיך אויף שווערע, גרודיקע, אומבאַריכטע שליאַכן. די גלאַטיקע ווייכט ער אויס אין א ווייטן בויגן. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אַרויסגעפירט די ליטעראַטור פון די גרעניצן פון ליטעראַטור, וואָס האָט זיך געלאָזט אויפן וועג, צו זוכן דאָס וואָרט. דאָס וואָרט

---

*) דאָס ערשטע אַרויס ביי פאַבער און פאַבער, לאָנדאָן ; דאָס צווייטע קלאַרידן פרעס, אָקספאָרד.

וואָס איז פּייזאַזש און איז רוף, וואָס איז קלאַנג און איז אידייע און געפינט זיך גלייכצייטיק אויף אַלע דימענזיעס. עס קומט פון אַלע זינען און דערגייט צו אַלע.

רעמבאָ האָט פאָרויסגעזאָגט — האָט אויף זיך גענומען זיין גורל. אין דעם באַוווסטן בריף צו פּאָל דעמעני זאָגט ער: „עס וועלן קומען אַנדערע שרעקלעכע אַרבעטער. זיי וועלן אָנהויבן פון יענע האָריזאָנטן וווּ ער האָט זיך אָפּגעשטעלט״. איינער פון די „געוואַלטיקע״ אַרבעטער איז בלי ספק געווען דזשיימס דזשאָיס. ניט אונזער אויפגאַבע איז עס צו דערווייזן אַז ער איז דערגאַנגען, עס איז גענוג צו דערווייזן, אַז ער האָט זיך באַוועגט און געראַנגלט אויף די זעלביקע ליניעס, הגם דער ציל פון זיין וועג איז געווען אַן אַנדערער. אין אַ בריף צו זיין ברודער איבער גערהאַרד הויפּטמאַן, וועלכן ער האָט שטאַרק באַוואונדערט שרייבט דזשאָיס: „זיין (הויפּטמאַנס) טעמפּעראַמענט האָט עטוואָס פון רעמבאָ אין זיך. אַזויווי ביי אים וועט עמיץ אַנדערש זיין זיין צוקונפט...״

די דערשיטערונג פון צעבראָכענע גרענעצן, דאָס פּלוצימדיקע געפינען זיך אויג אין אויג מיט כאָאָס האָט אפילו אַזעלכע גייסטיקע פּאַטענצן ווי פּאָל קלאָדעל און זשאַק ריוויער דערשראָקן אימת מות, דעריבער האָבן זיי געזוכט שוץ ביים קאַטאָליציזם. דאָס אָבער איז רעמבאָ ניט אויסן געווען.

מ. ל.

זשאַן אַרטור רעמבאָ

דאָס אויפבּרויזן פון אַ קלאַנג באַשאַפט אַ בילד. אין דערזעלביקער רגע. אין דעמזעלביקן רוים. ביים אויסקלינגען שטייען בילד און קלאַנג האַנט אין האַנט. בולט, פּלאַסטיש, איינגעקריצט אין מח. עס איז געווען איינער פון באָדלערס חלומות, די שייכות צווישן קלאַנגען, פאַרבן און ריחות צו רעגולירן, צו געשטאַלטן. רעמבאָ האָט זיך דערמיט פאַרנומען, זיי קודם כל פעסטצושטעלן, און טאַקע דאָ, באותו רגע אָן שום קאָנצעסיעס אָוועקצושטעלן זיין אויסגאַנגספּונקט. ובכן האָבן קלאַנגען פאַרבן, וואָקאַלן גאַנץ באַשטימטע פאַרבן. „וכל העם רואים את הקולות...״

וואָקאַלן

אַ, שוואַרץ, ע, ווייס, או, גרין, אָ, בלוי, וואָקאַלן!
אַמאָל אַנטפּלעק איך דעם סוד, די געבורט פאַרבאָרגן,
אַ, פלושענע יופּע, פעט — פליגן אין האָרדן
אַרום פוילע נבלות, געשטאַנקען פון שטאַלן,
אַ שאָטן־גאָלף. ע, פון ריינקייט געפרוירענע
פאַרעס און כמאַרעס, גלאָז־בלויע גלעטשערס,
מלכים פון שנייאיק־ווייסן געדויערן
אי, פּורפּור געשפּיגענע בלוט, באַגערן צושמעטערט
געלעכטער פון שכרות, פון כעס און חרטה:
או, עיגול צובושעוועט, פלוטן פון ימים
רואיק אַ טאָל פון ווייס אָפּגעגאָלטע צוצויגענע רייפן,
קנייטשן פון חכמה געצייכנט אין פלאַמען,
אויף גרויע, אין פאַלבן פאַרזילבערטע שלייפן:
אָ, הייליקער האָרן פון זעלטענע תקיעות,
געמאָסטענע שטילקייט צווישן עולמות און כרובים,
אָ, אָמעגאַ, שטראַל פון וויאָלעטער קדושה,
שטראַל פון זיין ראיה!

דער פּאַרנאַס האָט דאָס דאָזיקע וואָקאַלן־ליד פאַרלאַכט ביז גאָר. מאָדערנע ענגלישע מחברים פּרוּוון עס אָוועק־

שטעלן אַלס אַ מין קינדערליד; עניד סטאַרקיע שרייבט עס צו צו דער השפעה פון באָדלער, וועמעס טעאָריע עס איז זיכער ניט געווען אומבאַקאַנט פאַר רעמבאָ. באָדלערס חלום פון שייכות צווישן פאַרב, קלאַנג און ריח; זיין טרוים פון Les Correspondances האָט רעמבאָ איבערגענומען אויף זיין אומבאַדינגטן אופן. „דער זאַפט — שרייבט באָד־לער — שטייגט און מישט די פּרינציפּן; ער בליט זיך פאַ־נאַנדער אין געמישטע טענער; די בוימער, די פעלזן, די גראַניטן, לייגן זיך אין וואַסער און פאַרשפּרייטן דאָרט זייערע רעפלעקסן. אַלע דורכזיכטיקע זאַכן טשעפּען זיך צו צו די פאַרבייפּאַסירנדיקע ליכטער און צו נאָענטע און ווייטע פאַרבן. אין דערזעלביקער מאָס ווי דער שטערן רוקט זיך אָפּ, בייטן די טענער די ווערטן אָבער זיי באַ־ציען זיך שטענדיק גלייך מיט זייערע סימפּאַטיעס צו שנאה׳ס, בעת זיי זיינען ממשיך צו לעבן דורך געגנזייטיקע קאָנצעסיעס... אָבער באַלד יאָגן ווייטע, בלויע שאָטנס פאַר זיך אין קאַדענצן די מאַסע פון אָראַנזשענע טענער, וואָס זיינען ווי אַ ווייטער עכאָ אָפּגעשוואַכט פון ליכט. אָט די גרויסע סימפאָניע פון טאָג, וואָס איז די אייביקע וואַר־יאַציע פון נעכטן, דער דאָזיקער נאָכאַנאַנד פון מעלאָדיעס, ווו די פאַרשידנקייט גייט אויס תמיד פון אין־סוף, דער דאָ־זיקער קאָמפּליצירטער הימן רופט זיך אָן פאַרב. מען גע־פינט אין דער פאַרב די האַרמאָני, דעם קאָנטראַ־פּונקט.“

אַזעלכע דיבורים זיינען ביי רעמבאָ געפאַלן אויף אַ פּרוכטבאַרן באָדן.

רב סעדיה גאון האָט אין זיין טראַקטאַט וועגן מוזיק פאַרפאַסט אַ טאַבעלע פון אַכט נאָטן, אַ מוזיקאַליש סיס־טעם פון וועלכן יעדע נאָטע קאָרעספּאָנדירט מיט פאַרב מיט ריח מיט הומאָר א. א. וו. פאַראַן סטרונעס וואָס באַרירן געוויסע שליימצעלן וואָס דערוועקן מרה שחורה, דער־נידערונג וואָס באַצייכנט די צייט פון טאָג, פון יאָר, די עלטער, אונטער וועלכן שטערן מען איז געבוירן א. א. וו.

אַנדערע סטרונעס דערלאַנגען צו אַ ליכטיקערער סובסטאַנץ און זיינען מסוגל אַרויסצורופן און אָנצוווייזן סיי פיזישע, סיי זעלישע, פּאָזיטיווע פּאָטענצן אין דער מענטשלעכער נשמה. דאָס איז געווען צוריק מיט אַן ערך טויזנט יאָר. די גריכן האָבן איבערגענומען זייער סקאַלן־סיסטעם פון מזרח, די דאָקטרין פון עטהאָס, דעם באַנעם פון די האַרמאָניעס אין די ספערן. עס איז אפשר ניט קיין פּאַראַדאָקס דאָ צו זוכן די אינספּיראַציע צו דעם מאָדנעם „קינדערליד״.

**
*

ווערטער זיינען סימבאָלן, נעמען פון באַגריפן, פון געפילן, פון מינים, פון זאַכן. פאַר די מקובלים זיינען דאָס אותיות, נקודות שוין געווען. מיט דער הילף פון ציפערן און צאָלן האָבן זיי פאַרויסגעזאָגט די צוקונפט פון דער וועלט און אונזער אייגענע. חוץ דער קאָנקרעטער ווירקליכער עקזיסטענץ האָבן זיי תופס געווען אַ העכערע מיט כל־ערליי ספירות.

דער קלאַנג, דער נאָמען אַרטור רעמבאָ רופט אַרויס אַ בילד פון אַ יונגן זאַפטיק־קרעפטיקן בוים — אינדער־מיטן אָפּגעהאַקט. אָדער פון אַ מעכטיקן אָדלער, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן אויף אַ וועלט, ווו קיין רוים איז ניטאָ. שווער צו זאָגן וואָס עס מאַכט אויס דעם כשוף, דאָס פאַרכאַפּנדיקע פון אַ נאָמען: פאַרוואָס עס זיינען פאַראַן נעמען, וואָס רופן אַרויס אַסאָציאַציעס, און אַנדערע וואָס גייען אַדורך אַן אַ ווידערקול. אַ נאָמען דערפולט זיך ווען ער ווערט באַגריף. דעם אמתן תיקון דערגרייכט ער ווען ער האָט זיך מיטן מענטשן וואָס טראָגט אים אַזוי צונויפגעוואָקסן, אַז ביים אויסקלינגען זיינען מיר זיך ניט באַוווסט, וואָס עס פרעסט זיך איין אין זכרון: דער מענטש צי דער נאָמען. ווייל ערשט דעמאָלט האָט דער נאָמען אויסגעמאָסטן אַלע טרעפּ פון׳ם טרעגער, ער איז ערשט דעמאָלט געוואָרן זיין באַגריף.

דער נאָמען אַרטור רעמבאָ רופט אַרויס אַ געפיל פון מורא, פון פּחד פאַר עפּעס וואָס מוז קומען ווי עס קומען טאָג און נאַכט. ניט אויסצוהיטן זיך דערפאַר. עס איז דאָס איינמאַליקע, דאָס עלעמענטאַרע, וואָס דערשרעקט אונז, עס איז דער גורל פון אַ געצייכנטן וואָס ער נעמט אויף זיך, אין זיין אומבאַדינגטקייט, ווייל אומבאַרירטקייט; מיר זיינען פאַרכאַפּט פון דער קוואַל־פרישקייט, דערשיטערט פון דער קוואַל־טיפקייט פון זיין וועזן. מיר שטייען פאַר דעם אויסטערלישן פּראָצעס ווו דאָס קאַריקע פון פויערים־אָפּשטאַמונג פאַרדיכטעט, האַרטעוועט זיך ביז עס דערגייט צו געשליפענער לויטערקייט פון אַ דימענט.

דער טראַגישער וועג און סוף פון באָדלער, דער וועג פון אַ מערטירער, פילט אונז אָן מיט האַרצווייטאָג און צער, און דאָך איז די סכנה געלעגן אויף אַן אַנדער ליניע. באָדלער האָט געהאַט אַ געניע, אפילו אַ היפּער־עמפּינד־לעכע דיפערענצירונג צווישן גוט און בייז, און ער האָט געקאָנט נצול ווערן, ווען... מיר האָפן די גאַנצע צייט מיטן דיכטער און זיינען שטאַרק באַרעכטיקט דערצו. רעמבאָ אָבער ברענגט זיך מיט פולן באַוווסטזיין צו דער עקידה.

דער בוים וואַקסט מיט אומהיימלעכער גיכקייט, שטיל, איזאָלירט, אין הימל אַריין. יעדער צווייג איילט זיך, וואַקסט קרעפטיק ליידנשאַפטלעך: יעדעס בלאַט עטעמט מיט טיפע צוגן, מיט לוסט און מיט אַן אומגעדולדיקער מורא ניט צו פאַרזאַמען דעם נעכסטן צוג. דער בוים לעבט אין יעדן בלאַט, יעדעס בלאַט מיט דער פולער גאַנצקייט פון בוים.

***

ער האָט געדיכטעט זיין ווערק אין משך פון דריי יאָר. פון זעכצן ביז ניינצן. פון דעסטוועגן קענען מיר עס איינטיילן אין דריי טיילן. דער פּעריאָד פון רעבעל, פון זעער, פון זמן אין גיהנם.

עס איז שווער צו באַשטימען אַ געניע ליניע, ווו אַ

תקופה הויבט זיך אָן, און ווו זי פאַרענדיקט זיך. אײדער דער רינג פון אײנער שליסט זיך אָפּ קומט אונטער אַ נײער, געבוירן פון אַ שטויס, ווי אַ כוואַליע, און גיסט זיך פּאַמעלעך איבערן באַטרעפנדיקן צײטרוים, בעת קלאַנגען פון פריערדיקן פּעריאָד שווינגען אַלץ נאָך אין דער לופט. פאַרבן פון פריער באַווירקן אַלץ נאָך דעם דעסיין. בכן איז דאָס בילד אין אָנהויב אומקלאָר, אפילו קאָנפוז. מיט דער צײט אָבער נעמט דער נײער שטראָם איבער דאָס בעט, שפּרײט זיך פּאַמעלעך איבער שכנותדיקע געביטן, ווערט פולער, ווערט וואָלומינעזער און בניה וביה ווערן די קאָנטורן קאָנקרעט, דאָמינירנדיק, זײ ווערן דאָס נײַע. אויף דעם אופן האָט דער פּאָזיטיוויזם פאַרנומען דעם אָרט פון דער ראָמאַנטיק, וואָס צײלט צו אירע פאַרטרעטער וויקטאָר הוגאָ, אַלפרעד דע וויני, טעאָפיל גאָטיע, אַלע די פּראָמינענטע רעפּרעזענטאַנטן פון פּאַרנאַס און במילא פון סימבאָליזם. וויקטאָר הוגאָ שטײט נאָך בײ דער וויג פון סימבאָליזם און באַווײזט נאָך אָנצורופן אַרטור רעמבאָ: שעקספּיר ענפאַן „דאָס שעקספּיר־קינד".

קלאַנגען פון פריער באַווירקן דעם דעסיין. זײ קלינגען אין רעמבאָ׳ס ערשטלינגס־שאַפונגען, אין אַ גאַנצער שורה פון געדיכטן לאָזט זיך בפירוש נאָכווײזן די השפעה אפילו פון אַזעלכע, וואָס ער האָט שפּעטער געצויגן אַ שאַרפן שטריך צווישן זיך און זײ. אָבער אין זײן בריף פון׳ם 25 מאי 1870 שרײבט ער צו טעאָדאָר דע באַנוויל: „אויך איך, טײערער מײסטער, וועל זײן אַ פּאַרנאַסיסט. איך שווער צו דינען צו צוויי געטינ׳ס! צו דער מוזע און צו דער פרײהײט".

„אין כל חדש תחת השמש". עס האַלט ניט תמיד אויס דעם פּרווו, הגם עס האָט אין זיך די גילטיקײט פון פאָלקס־וואָרט — אָבער ווען מיר שטעלן זיך אָפּ פאַר אַ ווײל אויף דער תקופה 1830 הערן מיר די קלאַנגען — פון לאַמיר זאָגן בערך אַנדערטהאַלב יאָרצענדליק צוריק, כמעט ווי אַן עכאָ פון יענע טעג.

עס זיינען די טעג פון פוריע און סען סימאָן. „אַלע פּראָדוקטיווע כחות פאַר דער זאַך פון דער מענטשהייט". דער קינסטלער באַלאַנגט ניט צו זיך אַליין, טאָר ניט גיין די וועגן וווהין זיין פאַנטאַזיע פירט אים. ער מוז זיך האַמע־ווען, פאַרגעסן אָן זיינע אייגענע השגות און זיך שטעלן אין דינסט פון דער מענטשהייט. די סען־סימאָניסטישע שול ווערט געגרינדעט. אין די גאַסן קלינגען לאָזונגען וועגן דער סאָציאַלער פונקציע פון דער קונסט, און במילא דאַרף דאָס זשעני ניט גיין מיטן שריט פון דער מענטשהייט נאָר איר פאָרויס, ווייזן איר אַ וועג ... דער סען־סימאָניסט בעראָלט גייט אַרויס מיט אַ דעקלאַראַציע „צו די אַר־טיסטן!" וואָס פּרווווט זיין אַ דעפיניציע פון אַלטער און נייער קונסט: „אַוועק איז די צייט פון סענטימענטאַלע אויסגוסן, פון דער דעסאינטערעסירטער אומאָפּהענגיקער קונסט, פון פּאָעזיע פון לוקסוס, פון פיינציזעלירטע סטראָפן! ניט לויט קלאַנגען פון אָרקעסטער דאַרף דער קינסטלער טאַנצן, די גאַנצע מענטשהייט מוז מאַרשירן לויטן קלאַנג פון זיינע אַקאָרדן, לויט דער קראַפט פון זיין קולט. אויף דעם אופן ווערט די קונסט דער קולט, דער קינסטלער דער כהן גדול ... מען לעגט אין זיינע הענט די ענינים פון דער מענטשהייט, ער שטעלט זיך אין דינסט פון דער זאַך ..." עס גיט זיך איין סען סימאָן צו געווינען אַזעלכע וויכטיקע פיגורן ווי טעאָפיל גאָטיע, לעקאָמט דע ליל און אַנדערע.

אָבער די מוזעס זיינען פאַרשייטע מיידלעך.

„ניטאָ קיין מאָס אויף דיינע וועגן,
אַלע מאָסן נאַרן ..."

די דערניכטערונג קומט גאָר באַלד. דער ענטפער בולט און שאַרף. „ל'אר פור ל'אר!" די קונסט פאַר דער קונסט! די אָנפירער זיינען די זעלביקע. גאָטיע, לעקאָמט דע ליל,

טעאָדאָר דע באַנוויל, צו וועלכן רעמבאָ האָט זיך געווענדט מיט זיינע פּאַרנאַסיסטישע ערשלינגס־ווערק אָן דערפּאָלג...

***

זשאַן אַרטור רעמבאָ איז געבוירן געוואָרן דעם 20טן אָקטאָבער אין יאָר 1854 אין שאַרלעוויל, די אינדוסטרי־שטאָט אויף דער בעלגישער גרעניץ, וואָס איז פלאַמיש שפּראַכגעביט און וואָס רעדט גלייכצייטיק די שפּראַך פון מאָדערנע אינדוסטרי־שטעט, פון פאַבריקן און קוימענס און קויל. זייער גרויסע טרויריקייט געשפּענסטערט איינגע־שפּאַרט אין רעמבאָ׳ס „דערלויכטונגען״, אַזוי ווי דאָס זונ־טאָגדיקע ביבל־לייענען אין „סעזאָן אין גהינם״.

„אָט די מילאָנען מענטשן וואָס ווינטשן זיך ניט צו באַקענען איינער מיטן אַנדערן, זיינען זיך מתעסק מיט דערציאונג, אַרבעט און זיקנה אויף דעמזעלביקן אופן, אַזוי אַז די לעבנס דויער איז בעצם קורצער ווי די משוגענע סטאַטיסטיק רעכנט דאָס אויס פאַר פעלקער און קאָנטי־נענטן. אַזוי זע איך פאַר מיין פענסטער אַנטקעגן אין אייביקן רויך פון קויל, פלאָנטערן זיך די נייע געשפּענצ־טער; דאָס איז דער שאָטן פון אונזערע וועלדער, דאָס איז די ווייכקייט פון אונזער זומערנאַכט! און די פוריעס אַרום מיין הויז וואָס איז מיין הימלאַנד, און מיין גאַנץ האַרץ וואָס איז געגליכן דערצו... דער טויט אָן טרערן, אונזער אַקטיווע טאָכטער, דינסט, ייאוש און ליבע, אַ חנ־עוודיקער חטא, אַלץ כליפּעט און קויט פון גאַס...״

„ווארום יהוה דיין גאָט איז אַ צאָרנדיקער גאָט, רעכנט זיך מיט די זינד פון די פאָטערס אין דריטן און פערטן דור...״

די האַרטע קאַנטיקע, פויערים־טאָכטער וויטאַלי קיואיף איז ניט געוואָרן ווייכער ווייל קאַפּיטאַן רעמבאָ, אַרטורס פאָטער האָט אין אַ שיינעם טאָג די ענגע, בײ־גאָטישע אַטמאָספער געפונען צו ענג און „איז אויסגעוועזן

די צייט״. דער דאָזיקער האַרטער קלאַפּ האָט דעם רינג פאַרענגערט, דעם אויסבליק פאַרשטעלט. די אַטמאָספער איז ביגאָטיש און שטרענג. דער איקאָן, דאָס ביבל־לייענען אין לאַנגע זונטאָגן, זיינען יונג אַרטורס גייסטיקע חיונה. זיין פלייס איז מוטער רעמבאָ ניחא, אָבער פאַר זיינע פּעאַי־קייטן דערשרעקט זי זיך. אַלץ וואָס איז אומגעוויינטלעך איז איר ניט צום האַרצן, איז חשוד אויף עפּעס, וואָס זי האָט מורא דערפאַר. און זי ווערט זיך. ווען אַרטור׳ן פאַרווילט זיך אַ קלאַוויר, האַלט זי דאָס פאַר אומגעלומפּערט און גיט ערשט נאָך ווען אַרטור שניידט איין קלאַווישן אין אַ קאָסט־באַרן טיש, כדי צו איבן סקאַלעס און אַקאָרדן.

עס איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, ווי שווער עס האָט געמוזט זיין זיך אָנצושלאָגן אויף שריט און טריט אָן אַ טונקעלער פּאַטענץ, ווי אָן אַן האַרטער מויער. בייקומען האָט ער זי נאָר געקענט מיט ערפאָלגן אין שול. זיינע פרייע ארבעטן, זיינע לאַטיינישע איבערזעצונגען ברענגען באַוווּנדערונג און פרייזן. ער איז אַ שטענדיקע איבעררא־שונג פאַר די לערער, דער שטאָלץ פון דער שול. זיין אינטעלעקט איז ברענענדיק, זיין סאַטירע רייף און קאָמ־פּעטענט. אָט ווי עס לייענען זיך עטלעכע אויסצוגן פון אַ שולאַרבעט, וואָס איז אַ מין פּעטיציע צום קעניג צו באַ־פרייען דעם דיכטער און באַנדיטן־פירער פראַנסאָאַ וויאָן. דער סטיל פון פופצן יאָרהונדערט איז געטראָפן מיט דער קאָמפּעטענץ פון אַ געלערנטן, מיט דער זיכערקייט פון אַ רייפן קינסטלער. אין עלטער פון 14 יאָר!

„האַר, די צייט האָט אַראָפּגעלאָזט איר רעגנמאַנטל: די שליחים פון זומער זיינען געקומען. לאָמיר משלח זיין די מרה שחורה! זאָלן לעבן מעשה׳לעך און באַלאַדן, מאָ־ראַליטעטן און פייערליכקייטן! די געדיכטן־שרייבער פירן אויף נאַרישע שפּילן: לאָמיר זיך איינהערן אין דער מאָראַליטעט פון די ווילגעראַטענע און שלעכט־געראַטענע, פון דעם איבערטריט פון קלעריקער טעאָפילוס און ווי

סאַנקט פּעטער און סאַנקט פּויל זיינען געגאַנגען קיין רוים און ווי זיי זיינען דאָרט געוואָרן מערטירער. זאָלן לעבן די דאַמען מיט פיין געפּרעסטע קראַגנס, מיט פּאַרפּוץ און שטיקעריי!...

„דער מייסטער פראַנסאָא וויאָן, דער טייערער צו־טומלטער, דער חנ׳עוודיקער אָפּשפּעטער, וואָס גראַמט און זינגט אונטער שלאָס און ריגל, וויינט און קלאָגט נאָך אַלץ אין דער טיפקייט פון שאַטעליי״. „דו ווערסט געניזוקט ווערן״, האָט מען אים פּשוט געגעבן צו פאַרשטיין. אַזוי אַז דער אָרימער פאַרצווייפלטער חסר־דעה׳ניק האָט שוין פאַר זיך און זיינע חברים אויפגעשטעלט אַ מצבה. און די אַלע אַנדערע חנ׳עוודיקע גאַלאַנען, וועמענס פערזן איר האָט דאָך ליב, זאָלן אַצינד טאַנצן אויפן בערגל מאָן־פאָקוין אין רעגן און זון, צושטאָכן פון די פייגל ווי די פינגערהוטן.

„אָ, מיין האַר! ניט צוליב פאַרשייטקייט איז פראַנ־סאָא וויאָן דאָרטן. אַזעלכע געדולד־פּרעסער קומט דאָס לעבן ניט אָן צו לייכט. יונגע קלעריקער, וואָס וואַרטן צו ווערן אויפגערופן צו דער אוניווערסיטעט, צייטפאַרשווענ־דער, אָפּן־פירער, מוזיקאַנטן מיט דריי סטרוניקע פידלען, וואָס באַצאָלן זייער מאָלצייט מיט לידער און באַהאַלטן זייערע קעפּ ליבער אין צינערנע בעכערס ווי אונטערן קריי־גער־העלם, אָט די דאָזיקע חברה, שוואַרץ און טרוקן ווי די קוימען־קערערס, וואָס זעען דאָס ברויט נאָר אין די וויט־רינעס, וואָס לאָזן זיך וואַרעמען זייערע פינגערשפּיצן פונם ווינטער — זיי האָבן אויסגעקליבן אונזער מייסטער פראַנ־סאָא פאַר זייער פאָרבילד. יאָ! גויט פאַרדאַרבט דעם מענטשן! הונגער מאַכט שפּרינגען דעם וואָלף פון וואַלד...״

אָדער אַזאַ מין שטעלע: ער וויזט אונז אַ דאָמקאַפּלאַן וואָס זיצט אין גוט וואַטירטן צימער און באַלוסטיקט זיך מיט זיין דאַמע, און ער דערציילט ווי דער פרומער פּאַס־טוך הערט נאָר אויס דעם ודוי פון שטוב־מיידלעך און חתונה־געהאַטע פרויען, און ער, רעמבאָ, ראָט זיי, אָט די

פרומע צדיקים זיך צו פאַרנעמען מיט באַטראַכטונגען פון אונטער דעם בעט־פאָרהאַנג. דעריבער מוז דער גוטמוטי־קער, שמייכלענדיקער זינגער וואָס איז חנ׳עוודיק ווי אַ לערכן־פאלק ציטערן אין די קראַלן פון די הויכע ריכטער, פון יענע שרעקלעכע שוואַרצע פויגל מיט זייער חבריה פון ראָבן און קראָען...

„דעריבער וועלן ער און זיינע לייכטע געזעלן הענגען ווי אַ משונהדיקער רויזן־קראַנץ אויף די וואַלד־אָרעמס. און דער ווינט וועט מיט זיין רוישן זינגען זאַנפטע קלאָגלידער פאַר זיי — איר אָבער, גרויסער האַר, און אַלע יענע וואָס האָבן ליב דעם דיכטער, וועט קיינמאָל ניט קענען לאַכן, סיידן איר וועט צוגלייך וויינען זיך דערמאָנענדיק אָן זיינע פריילעכע באַלאַדן און אַז מען האָט דעם זינגער וואָס האָט אַזוי געזונגען פון אַ פולער קעל געלאָזט אויפהענגען...״

זייטנלאַנג ציט זיך די דאָזיקע בייסנדיקע סאַטירע מיט אַן אויסגעהאַלטן אַנטיקן סטיל אויבן־אראָפיק און מייסטערהאַפט!

*
**

דער פאַרנאַס קומט איבער זיין פאָזיטיוויסטישן פּער־יאָד. אויפן אָרט פון עטישן תוך קומט אַ דראַנג נאָך עסטע־טישער געשטאַלטונג. די שיינקייט פון פאָרעם, איר שלמות נעמט די אויבערהאַנט און ווערט אַלץ פאָרמאַלער, מען זינגט איינגעשפאַרט דיאָניזיש און די וועלט ווערט גע־ציכטיקט פון עריניעס און פוריעס.

קוים זעכצן־יעריק שרייבט רעמבאָ אַ יוגנטלעך־התפעלותדיקן בריף צו טעאָדאָר דע באַנוויל: (24 מאַי 1870) „מיר זיינען אין חודש פון ליבע. איך בין אַלט זיבעצן יאָר (ער איז נאָר אַלט געווען זעכצן) עס איז די עלטער פון האָפענונגען און כימערן, ווי מען זאָגט — און אָט ווי איך בין אַ קינד, אָנגערירט מיטן פינגער פון דער מוזע — און זיך דערשרעקנדיק פאַר אפשר האָבן אי־

בערגענומען די מאָס — זייט מוחל אויב דאָס איז באַנאַל — און: אויך איך מיינע הערן פון זשורנאַל (לע פּאַרנאַס קאָנטאַמפּאָרען) אויך איך וועל זיין אַ פּאַרנאַסיסט. איך שווער, טייערער מייסטער, תמיד מתפלל צו זיין צוויי געג־טינס, צו דער מוזע און צו דער פרייהייט ...״

ער האָט באַלאַנגט צום פּאַרנאַס. אויף וויפל זיין אַלץ אַרומנעמענדיקע נאַטור איז געווען טייל פון אַלץ אין דער נאַטור. ער האָט באַלאַנגט צום פּארנאס ווי ער האָט באלאַנגט צום סימבאָליזם. ער האָט באַלאַנגט צום קאַטאָליציזם, ווי ער האָט באַלאַנגט צום פּאַגאַניזם. ער האָט באַלאַנגט צו דער רעוואָלוציע. אָבער דאָס אַלץ זיינען נאַרמען, שאַרף געצייכנטע באַגריפן. אַרטור רעמבאָ איז געווען מחוץ פון נאָרם. אָבער אין אים איז געווען דאָס ענאָרמע. בלאספעמיע און שולדבאַוווסטזיין,ביידע ווייזן מיט אַ רויטן פייל צו דער קירכע. די קירכע! מיט אירע וועגן און אויסוועגן. ניין ניט זיינע מאָסן, ניט זיינע דרכים.

***

פּאַן, אַ יונגער בחור, שפּילט אויף אַ פּלייט, פּוינען און סאַטירן און פאַרפּירערישע נימפן טאַנצן אין צולאָזע־נער לעבנס־פרייד דערצו. ער פּילט דאָס היידניש, פול־בלוטיק.

פּאַון

צירונג און געבלעטער, פּאַון־קאָפּ גאָלדגעטשעקט,
צירונג און געבלעטער, פלאַטער־נעסטלעך אָפּגעדעקט,
אין די בושן פאַרבאַהאַלטן רוט דער קוש געוועקט
פון שוואַלבן, אין אַ גרינגעוועבטן בלאטגעוועקס,

אַ פאַרלאָפּענער פּאַון. אַ פּייער אין די אויגן
רויטע בלומען, ווייסע ציין איינגעביסן און געזויגן
בלוטיק ברוין ווי אַלטער ווייַן
טריפט געלעכטער פון די צווייגן.

לויפט אַ פאון אַ וויזל פלינק
געלעכטער פערלט בלאַט נאָך בלאַט
אַ מאָנאַך פון שרעק פאַרזינקט
דער וואַלדקוש גליט אויף יעדן שליאַך.

„לאָז אונז ווידער ווערן קינדער פון דער זון...
„מיר האָבן אַזויפיל צו פאַרגעסן... ווען מיר וואָלטן קענען פאַרגעסן אונזערע נעכטנס...״ ...„אין דעם מאָרגן ווען דער מענטש און זיינע זכרונות וועלן זיך ניט אויפכאַפּן אין איין און דערזעלביקער צייט — אָדער בעסער נאָך אויפן מאָרש איבער טראַקטן, ווען דער גוף און נשמה זיינען פאַר־נומען מיט דער ריטמישער דיסאָנאַנץ, שאַפט זיך אַ מין אויסגעלייזט ווערן פון קאָנטינואיטעט. אַ מין אָפענער היפּ־נאָז עטאַבלירט אַ צושטאַנד פון ריינער עמפּפענגלעכקייט וואָס איז זייער מאָדנע. די צונג נעמט וויניקער אויף ווערטן פון אויסדרוק ווי פון צייכנס. די באַפעסטיקטע ווערטער שטייגן צו דער אויבערפלאַך פון גייסט, דער רעפריין, די באַזעסנקייט פון דער פראַזע חזרט זיך איבער, שאַפט אַן אופן פון אינקאַנטאַציע, וואָס פאַרענדיקט זיך אין גערינגען דעם באַוווסטזיין. אין דערזעלביקער צייט ווערט אונזער אינעווייניגסטער שפּיגל אָפּגעלייזט פון צוזאַמענהאַנג מיט די זאַכן פון מחוץ אין אַ כמעט מאַטעריעלן צושטאַנד. זיין שאָטן פּראָייצירט זיך דירעקט אויף אונזער דמיון און דריקט אויף זיין אירידיסצענץ. מיר זיינען פאַרבונדן.״

אָבער דאָס גייט שוין אָן אין זיינע „דערלויכטונגען״ און מיר האַלטן נאָך אַלץ ביי רעמבאָ דעם רעבעל.

ער איז געווען איינער פון יענע וואָס יעדע פון זיינע באַוועגונגען איז טרעכטיק מיט באַדייטונג. שטעלן זיי אַוועק אַ פוס אויף אַ שוועל, דריקט זיך אויס אַ צייכן, א חתימה. מ׳דערפילט, עמעץ איז געקומען. גייט ער אָבער בלייבט אַ חלל, הגם דער רוים איז ניט ליידיק. דער צייכן איז געבליבן. ער אָבער איז געגאַנגען. איינמאָליק, ענדגילטיק.

אין דרויסן איז מלחמה. די פראַנצויזן זיגן. זיין ברו־

דער פערדינאַנד מעלדט זיך פרייוויליק צום פראָנט. אַר־טור פאַרשווינדט אויף פיר טעג צווישן די סאָלדאַטן. ער אַנטלויפט „אָן אַ זיי געזונט״. פאַלט אַרויס אין פאַריז ווי אַ טרעמפּ, ווערט אַרעסטירט אַלס פאַרדעכטיק אין יע־נע באַוועגטע צייטן און מוז ווידער בעל כרחו צוריקגיין דעם וועג קיין גאַלגאָטאַ ד. ה. אַהיים. אָן אַ גראָשן פּרוווט ער זיך נאָך אין שאַרלעראָאַ צו געפינען אַרבעט אין אַ רע־דאַקציע — און אַזוי ווי ער האָט נאָך ניט פאַרגעסן צו שטוינען, וווּנדערט ער זיך ניט ווייניק, וואָס דאָס גיט זיך אים ניט איין. די טעג אָבער אין שאַרלעוויל זיינען פול פון שאַפונג און פון רייפונג. זיין שפּראַך אַנטוויקלט זיך, פּול־סירט אין גייסט און רימטען מיט אָנהויבן פון אונזער ערא.

ווייל פּאָעזיע איז לויט רעמבאָ לעבן, פונקציע פון לעבן, אוניווערסאַלע פונקציע, לויט זיין אייגענער טערמי־נאָלאָגיע. פאַראַן דיכטער וואָס קאָנצענטרירן זיך אויף איין אַספּעקט פון אוניווערסאַלער פונקציע. אָט לאָמיר זיך באַנוצן מיט אַ משל מיט אַ יאָרצענט צוריק: ד. ה. לאָרענס למשל האָט זיך קאָנצענטרירט אויף איין מאָמענט אין דער אוניווערסאַלער פונקציע, אויף סעקסועלער דערפולונג, כדי אויף דעם אופן צו דערפירן צו ערהאָטישער באַנייאונג. רעמבאָ וואָס איז געבוירן אויף דער שוועל פון דער מע־כאַנישער תקופה איז תיכף תופס, אַז פּאָעזיע איז אַן אוני־ווערסאַלע פונקציע און די כעמישע און סאָציאַלע עקספּע־רימענטן זיינען אויך עלעמענטן אין זיין לאַבאָראַטאָריע פון אַלכעמי פון וואָרט. יעדער פענאָמען פון לעבן באַלאַנגט אין שטח פון פּאָעזי. די רויז און דער רינשטאָק קענען זיין טיילן פון איר און קענען אויך זיין מחוץ פון איר. דאָס פּראָבלעם איז ווי ווייט און ווי טיף זיינען זיי אַבסאָרבירט פון אמתן לעבן. דעריבער איז פאַבריק, קוימען, די רעדער וואָס דרייען זיך און העגריקעס געטשעקטע, לייוונטענע קליידל (אין דער דערלויכטונג „אַרבעטער״) וואָס זי טראָגט זונטאָג נאָכמיטאָג אויפן שפּאַציר, אויף די ברעגעס

פון דער מעוזע, וואָס איז קאַלמוטנע און אייליק פון די עקסקרעמענטן פון פאַבריקן, — אַט די גאַנצע פּראָזע פון לעבן איז פּאָעזי.

די איבערגעשראָקענע

אין שניי און נעפּל שוואַרץ,
ביים קעלערלאָך האַלב פאַרשטאַרצט
די הינטערלעך רונד,
קניען קינדערלעך פינף, אַ בונד.

דער בעקער מאַכט ברויטן בלאָנדע
און לאַכט,
פעט איז דער טייג
דער אָרעם איז שטאַרק,
גרויס איז דער מאַרק
דער אויוון איז גרייט.

זיי האָרכן און קוקן, דאָס גוטע ברויט זידט
דער בעקער צופרידן זינגט אונטער אַ ליד,
דאָס ברויט איז געראָטן, איז הייס, און עס בריט . . .

אומבאַוועגט די קינדערלעך הויערן,
גליסטן און שפּיצן די אויערן
צו די וואַרימע ברוסטן פון אויוון.

„פאַר וועלכן יום טוב ?
וואָס פאַר אַ סעודה ?"
געראָטן ווי פלאָדן
לאַכט פון די שאַנקען דאָס ברויט —
פון פרישקייט דאָס קנאַקן
פאַלן קרישקעס אויסגעבאַקן
פּנימלעם פלאַמען גאָלד־געל און רויט —
ווי עטעמט דער קעלער פון לעבן.
פון אונטער צעריסענע קליידלעך הערט זיך
נאָר איינער אַ זיפץ !
ווי ווויל איז אַזוי זיך צו לעבן !
פאַרפרוינע יעזוסלעך אונטער אַ מויער

פּרעסן פּיסקעלעך ראָזעווע קאַלטע צום טויער,
תּפילות פון חיה׳לעך, געקאַרטשעטע גופה׳לעך
געווענדטע צום אָפענעם הימל פון אויוון
אַזוי הייס, ביז עס פּלאַצן די הייזעלעך
און עס וויען די סטענדעלעך
ווי פענדלעך אין ווינטערדיקן ווינט.

עס איז ניט וויכטיק וואָס דאָס געדיכט טראָגט נאָך אויף זיך די הומאַניטאַרע זיסקייט פון פראַנסאָא קאָפּע, ניט אינטערעסאַנט אַז דאָס געדיכט איז געשריבן אין די צייטן ווען ער זאָגט צו, צו זיין גוט און פרום און צו ווערן אַ פּאַרנאַסיסט, וויכטיק איז דער אויסערגעוויינלעכער כח פון זען, די רייפע מישונג פון רחמנות און הומאָר, פון אויגן וואָס זעען ליכט און באַליכטונג און האָבן די פּעאי־קייט פון ריינער געשטאַלטונג.

אָבער עס איז ניט קיין צייט פאַר רואיקן שאַפן. עס איז אַ צייט וואָס דערמאָנט אַזוי פאַטאַל אָן אונזערע טעג, הגם די מהומה האָט ניט געהאַט אַזאַ אוניווערסאַלן אויס־מאָס. רעמבאָ געפינט זיך אין דעם לאַגער, אין וועלכן מיר דערוואַרטן אים צו געפינען: „לאַ פּאַטרי עט אַן דאַנזשעי״... דאָס פאָטערלאַנד איז אין געפאַר, פלאַמט פּאָל דע קאַסיניאַק צום פראַנצויזישן פאָלק. ער רופט אויף דאָס יונגע פראַנק־רייך צו טון וואָס זייערע פאָטערס האָבן געטאָן אין די יאָרן 1792 און 1793, די וואָס האָבן אָוועקגעלייגט אין אַ זייט אַלע פּאָליטישע און אַנדערע שאַטירונגען און חשבונות, און זיינען אויפגעשטאַנען ווי איין מאַן צו ראַטעווען פראַנק־רייך, פון די לאַפּעס פון שותפותדיקן שונא. אונטער אָט דער אינספּיראַציע מסתמא שרייבט רעמבאָ דעם סאָנעט „צו די טויטע פון וואַלמי״ מיט אַ מאָטאָ פון פּאָל דע קאַ־סאַניאַק:

פראַנצויזן פון זיבעציק, באָנאַפּאַרטיסטן,
רעפּובליקאַנער, געדענקט אייערע פאָטערס פון צוויי און
ניינציק.

טויטע, פון צוויי און נײַנציק, פון דריי און נײַנציקסטן יאָר,
פון קרעפּטיקן קוש פון דער פרייהייט, בלאַס
אין האַלצערנע שיך, פּשוטע ביז גאָר
האָט איר צוטרעטן דעם יאָך
אויפן שטערן פונ׳ם מענטשן, געשמידט דורך האַס :
מענער, צו התלהבות דערהויבן אין יסורים,
וואו אונטער לאַכעס די הערצער האָבן פון ליבשאַפט געברענט,
סאָלדאַטן,
דער טויט האָט געזייט אייך, נסתרים
פון ווידערגעבורט, פון אַ פאַרוויסטעטן פעלד
אייער בלוט האָט געוואַשן
די גאַנצע פאַרברודיקטע טראַכט
טויטע פון וואַלמי,
פון פלערי,
פון איטאַלי
מיליאָנען דערלייזערס מיט אויגן ווייכע ווי נאַכט,
מיר וואָלטן אייך לאָזן שלאָפן מיט דער רעפּובליק
מיר געבויגענע אונטערן שטריק פון מלכים
די פ. דע קאַסאַניאַק דערציילן אייערע שבחים.

דאָס מלחמה־גליק בייט זיך. די דייטשן פאַר פּאַריז. אויף איינעם פון זייערע לאַנגע שפּאַצירגענג אַרום שאַר־לעוויל, באַמערקט זיין פריינט דעלאהיי, וואָס איז באַטראָפן פון דער שטראַמקייט פון דער דייטשער סאָלדאַטעסקאַ : „זיי שטייען דאָך איבער אונז...״ רעמבאָ ווערט אין כעס און ענטפערט מיט אַן איינזיכט פון זייער פאַטאַליטעט וואָס איז כמעט נביאיש : „ניין, זיי זיינען אינפעריאָר אין פאַרגלייך צו אונז... די טפּשים ! אונטער זייערע שאַר־פע טראָמפּעטן און זייערע פלאַכע פויקן, — ווען זיי וועלן זיך אומקערן אין זייער לאַנד צו זייער קרויט און וווּרשט, וועלן זיי מיינען, אַז אָט האָט עס גענומען אַ סוף. אָבער, וואַרט אַביסל. זיי זיינען אַצינד מיליטאַריזירט ביז צו די ציין און וועלן דאָס בלייבן גאָר לאַנג אונטער אויפגע־בלאָזענע אַריסטאָקראַטן וואָס וועלן זיי ניט שוינען, זיי וועלן שלינגען יעדע שמוץ פון דער גלאָריע... איך זע פון דאַנען אַן אַדמיניסטראַציע פון אייזן און פון משוגעת,

וואָס וועט באַזעצן די דייטשע געזעלשאַפט אין אַ קאַזאַרמע".
די דייטשן אַוואַנסירן. אַ יונגער וואַלד ווערט אָפּגעזעגט. רעמבאָ באַמערקט טרוקן: „פֿאַראַן נאָך אַנדערע אַלטע בוימער וואָס מען וועט מוזן אונטערהאַקן: נאָך אַנדערע הונדערטיעריקע 'שאַטנס', וועמענס ליבליכע געוווינט־שאַפט מיר וועלן מוזן אויפגעבן. די דאָזיקע געזעלשאַפט אַליין, מען וועט זיך צו איר נעמען מיט האַמער און האַק, מיט ניוועלירנדיקע וואַלצן. מען וועט אָפּראַזירן די פֿאַר־מעגנס, באַקעמפן די גאוה. עס וועט נאָר בלייבן די נאַטור".
דער רעבעל האָט אָנגעהויבן ווו עס הויבן אָן אַלע רעבעלן. ביי די אַרויסגעשטויסענע. ער שליסט זיך אָן אין דער קאָמונע, ווי נאָר זי ווערט געגרינדעט. ניט קיין נפקא מיניה ווי לאַנג ער וועט זיך דאָרט אויפהאַלטן. ער קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. די מאָסן פּאַסן ניט. ניט אין לעבן און ניט אין דער קונסט. שטייט ער מחוץ למחנה. אין לעבן ווי אין דער קונסט. די שאָסיי איז זיין בעט, דער הימל זיין דאַך, דער קוואַל פון חיונה ניט זעלטן דער רינשטאָק.
די באַציאונגען צווישן אים און זיין מוטער ווערן אַלץ אומדערטרעגלעכער. ער באַשליסט צו לעבן אין אַ הייל. דעלאַהיי נעמט זיך אונטער צו ברענגען ברויט און ברענ־גען אין דערזעלביקער צייט ידיעות וועגן דער קאָמונע, וועגן די געשעענישן פון 18 מערץ. זיין האַרץ איז מיט דער רע־וואָלוציע, זיינע מחשבות טראָגן אים אַהין „צו זיי"...
זעקס טעג פון מאַרש און ער געפינט זיך ווידער אין פּאַ־ריז, פּרעזענטירט זיך תיכף דער ערשטער בעסטער גרו־פּע, וואָס ער באַגעגנט, מיט די דאָזיקע ווערטער: „איך האָב מאַרשירט זעכציק מייל צופוס כדי צו דערגיין צו אייך..."
„זיינע טיפבלויע אויגן פון אַ זומער נאַכט", לויט מאַל־אַרמיי, איבערצייגן די קאָמונאַרדן און אָט איז אַרטור רעמבאָ אַ פראַנקטירער פון דער רעוואָלוציע. די איבערלעבונגען אין דער דאָזיקער סביבה לאָזן איבער ניט איין זכר אויף זיין סענזיבלער, אַלץ אויפנעמענדיקער נשמה, ניט איין פּאַר אים

שמערצליכן זכר... „מיין טרויעריק האַרץ כלינעט אויפֿן...‟ אַ ליד ציניש און טרויעריק. ער פּילט עפּעס קענטיק די ערשטע סעקסועלע איבערלעבונג צו וועלכער ער האָט זיך געפּילט צוגעצויגן און אָפּגעשטויסן. פֿון דעסטוועגן איז ער ניט געבליבן אין פּאַריז. אַ סטרונע אין זיין היפּערסענסיטיווער נשמה האָט זיך איבערגעריסן אויף תמיד.

צוריק אין דער היים פּאַרשליסט ער זיך אין שטוב, אָדער פּאַרבלאָנדזשעט ווידער אין אַ הייל. די וואַנדאָם־זייל איז געפּאַלן, דענקט רעמבאָ, דער אַכט־טעגיקער באַריקאַדן־קאַמף, וואָס האָט זיך פּאַרענדיקט מיטן זיג פֿון די רעגי־רונגס־טרופּן שטייט פֿאַר זיינע אויגן, דאָס פּאַרבלוטיקן פֿון די געפּאַנגענע רעוואָלוציאָנערן אונטער דער מויער „פּער־לאַ־שעז‟, צווישן זיי זיינער אַ פריינט מיט וועלכן ער האָט געוועבט צוקונפט־חלומות וועגן אַ פרייער און שיינער וועלט.

„מיין איינציקע טרייסט איז, שרייבט ער צו זיין לערער און פריינט איזאמבאר, איך וועל זיין אַן אַרבעטער. דער געדאַנק האַלט מיך ווען משוגענער כעס וויל מיך צוטרייבן צו דער שלאַכט פֿון פּאַריז, ווו עס שטאַרבן אַצינד, בעת איך שרייב אָט די שורות, אַזויפיל אַרבעטער: נאָר ניין איך סטרייק!‟

די אומגעוויינטלעכע לאַסט פֿון זשעני מיטן באַוווסט־זיין פֿון שליחות, די גרויסע אחריות פֿון וויסנדיקן — קומט אים אויס צו טראָגן אין פּובערטעטס־עלטער!

פאריז באפעלקערט זיך ווידער

אָט איז זי, פּחדנים! פאַרלאָזט די וואָגזאַלן!
געטרוקענט האָבן לונגען פון זונען,
עיר מקלט אין מערב מיט הייליקע האלן,
איבערנאַכט איבערפאַלן. פאַרפלייצט פון באַרבאַרן!

גייט! מען וועט ניט דערלאָזן די שפע פון שרפות,
פריי זיינען סקווערן, קעיען, בולוואַרן
און הייזער באַשטראַלטע, אזורן צושמייכלט,
איבערנאַכט פון באָמבעס געזעצט אין פּאַזשאַרן.

באַדעקט טויטע פּאַלאַצן אונטער טיפע באַלקנס
וועט דער אַלטער טאָג פון גרויל דערפרישן נאָר דאָס אויג
ס׳קומט אָן די רויטע מחנה, היפּטן אין לויזע פאַלבן
משוגעים זייט, דאָס איז וואָס איר טויגט:

איר סטאַדע הונט, איר פרעסט דעם שמוץ פון זנות,
דאָס קול פון גאָלדענע הייזער שרייט ביינאַכט
די נאַכט איז פול מיט תאוה, פול פון שטות
אַראָפּ אין גאַס, שכורים איר, אין נאַרן־טראַכט

טרינקט! קומט דאָס ליכט אינטענז און רויט.
און שפּרייט פאַר אייך גלאַנץ און גאָלד,
ניט שפּייט אין אייגן גלאָז, איר בלייבע ווי טויט
די אויגן אויסגעלאָשן, בטל און פאַרשאָלטן!

טרינקט! טרינקט! די קעניגן זי טאַנצט, ווי האָפּקען אירע הינטערטיילן
הערט ווי זי באַוועגט זיך טפשותדיק,
אין גליענדיקע נעכט זעט הוועיות פון די זקנים
אידיאָטן כאָרכלענדיקע, כאָכליעס און לאָקייען!

הערצער קויטיקע! מוראדיקע מיילער
סאָפּעט שטאַרקער, מיילער פול געשטאַנק!
ווייַן אויף די טישן פאַר די שפעטע ווייַלער
אייערע אינגעווייד זיינען פול מיט שאַנד, איר זיגער!

פאַר אויסטערלישער מיאוסקייט אייער חוש הריח
פאַרגיסט מיט שטאַרקע סמים די שטריק פון אייער האַלדז,
די האַנט פון דיכטער נידערט פון דער הויך,
אַרויס פון כלים, דראַבעס, אויף ווונדן שיט אויס זאַלץ!

ווייל איר פייטשט מיט תאוה דעם לייב פון דער פרוי
האָט מורא איר פאַר קראַמף פון איר עקל־צאָרן
זי וועט ברילן אַ דערשטיקטע, אַזוי
רייסנדיק פון אינגעווייד די זאָמען, פויל געוואָרן.

סיפיליטיקער און נאַראָנים, מלאכים און טייוואָלים!
וואָס זיינט איר פאַר איר, פאַר דער זונה, פאַריז,
אייערע גיפטן און גופים, נשמות און אברים,
זי טרעט אַלץ מיט די פיס, אַלץ וואָס איז איר מיאוס...

און ווען איר וועט ליגן אויף אייערע אייגענע אינגעווייד,
צוברעכן רוק און לענד, און דערשראָקן מאָנען אייער געלט,
די רויטע קורטיזאַנע מיט ברוסטן האַרט פון פעלז
וועט אויסשטרעקן אַ פויסט, גליטשיק און געשענדט!

ווען ס'האָבן געטאַנצט דיינע פיס, שטאַרק אין זייער צאָרן
פאַריז! פון מעסערס אַזויפיל בלוטיק געשטאָכן
האָבן דיינע אויגן מיט גוטן און מיט קלאָרן
באַנייערטן פרילינג אַרויסגעבראָכן,

טרויעריקע שטאָט, שטאָט ווי געשטאָרבן
איבער דיין בלייכקייט מיליאַרדן פון טויערן,
פון קאָפּ און פון ברוסטן געווענדעטע צום מאָרגן
דער טונקעלער עבר וועט בענטשן דיינע מויערן.

מאַגנעטיזירטער קערפּער אין אויסטערלישער פּיין
ווידער טרינקסטו שרעקנס־ווייַן פון לעבן
און פילסט אין אָדערן רינט אַ ווערעם־בלייכע פלוט
אייז־פינגער גליווערן ליבע דיר און מוט.

און דאָך עס שטייט ניט שלעכט: בלייכע ווערעם
וועלן ניט שטערן דעם ווינד־הויך פון פּראָגרעס,
ווי נאַכט וואָס קען ניט לעשן דאָס אויג פון קאַריאַטידן
צו טרערן וואָס פאַלן גאָלדן פון בלויע הימלס־ספערן.

ווי שרעקלעך עס זאָל ניט זיין צו זען דיך אָט אַזוי,
אָ שוואַרצער אולסער פון אַ שטאָט
אויף גרינער ערד באַדעקט מיט טוי
דער דיכטער רופט דיר צו:
ווי פּרעכטיק איז דיין גענאָד,

דער שטורעם ער הייליקט דיך, הויכע שירה
זי שטאַרקט געוואַלטיקע וואָגלעניש פון קרעפטן
דער טויט ווייכט פול צאָרן פאַר דיין יצירה
זאָל קלאַנג פון טעמפּן האָרן זיך מיט דיין האַרץ באַהעפטן.

דער דיכטער וועט קלויבן דאָס כליפּן פון די אינפאַמע
די שנאה פון פאַרגעוואַלטיקער און ווייען פון דער טומאה
די שטראַלן פון זיין ליבשאַפט וועלן פּייטשן אַלע פּרויען
די טראָפן וועלן טאַנצן, הולטייעס! דאָס איז גרויען!
און אַלץ איז פונקט ווי פריער, דער עולם און די אָרגיעס

דאָס הייזל מיטן לאָמפּ ביים טיר, די מויער רויט,
לאַטרינעס אין דעליר
בלייערנע אזורן מיט וועגן אָן אַ שיעור.

⁂

אַלט געווען איבער זעכצן יאָר, מיט אָט דער לאַסט אויף די פּלייצעס. מיט דעם כעס, דעם מוראדיקן כעס אין האַרצן. מיט דער גרויסער, אומבארחמנותדיקער אחריות פון איינעם וואָס שלעפּט דעם יאָך:

„דער דיכטער וועט אויפקלייבן דאָס כליפּן פון די אינפאַמע...
די ווייען פון דער טומאה...“

פון יענער צייט שטאַמט דאָס רואיקע, רייפע געדיכט: די אָרימע אין קלויסטער געשריבן מיט אַ נאַקעטן ברו־טאַלן רעאַליזם, מיט אַ קאַלטן כח פון אָבסערוואַציע וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם:

די אָרעמע אין קלויסטער

אויסגעזעצט אין דעמבענע בענק אין קלויסטער־ווינקל
שווערער ריח פון קעלט געפּרירט, אויגן שטומע
אויפן מזבח, מיט כאַר פון צעך און גאָלדגעפּינקל,
צוואַנציק מיילער ציקלען אויס קאַנטיקן פרומע:

ווי פון ברויט פרישן ריח, זיי זאַפּן די געסרוחה
עניוותדיק, גליקליך געשלאָגענע הינט
אָרעמע פון גאַס, מיט תפילות און מיט שפּרוכן
איינגעשפּאַרט און שפּלדיק, מיט הערצער פול מיט זינד.

די ווייבער, זיי קוועטשן גלאַנציק אויס די בענק
וויגן זיך און טוליען אין זייערע מאָדנע פּעלצן,
נאָך זעקס פאַרשוואַרצטע טעג, וואָס גאָט האָט זיי געשענקט,
פון באַקן רינען טרערן און שמעלצן.

אויסגעשטייפטע בוזעמס, וואָס נערן זיך פון סוף,
אַ ליידיק האַרץ און אויגן שמן־זית
באַטראַכטן זיי מיט קנאה גאָר אַ יונגע גרופּ
מיידלעך, מיט היטלען אויפן קאָפּ ווי פאַרשייט
אין דרויסן הונגער, קעלט, די מענער שוין אין שענק.

גם זו לטובה. נאָך אַ שעה: דאַן רשעות אָן אַ שיעור,
ווייבער זיפצן, שנייצן, שושקען זיך אויף בענק
אַלטע ווייבער בלאָזן זיך, אין פענדלעך אויסשטאַפּירט.
די עניוותדיקע און די חולה־נופלים

מען האָט זיך אויפן גאַס פון זיי אָוועקגעדרייט,
וואָס שטעקן זייערע נעזער אין אַנטיקע באָוולען
בלינדע, פון אַ הונט געפירטע אויף אַ קייט.

זיי פּלאַפּלען מלא שקר פון אמונה
ברומען זייער ניגון צו ישו'ן וואָס טרוינט
ווייט אין וויטראַזש און חלומט אָן סכנה
פאַרגיילט פון ליכט, פון נויט וואָס קריכט, פאַרשוינט.

ווייט פון ריחות פליישיקע און פון סטעכלע שטאָפּן
פון טונקעלער שפלות מיט מיאוסע העוויות
אָט בליען תפילות אויף אַ געהויבענעם אופן
מיסטיציזמען שיטן זיך איצט מלא ראיות.

זון און גוף

זון, דו וואַרעמע היים פון ליבע און פון לעבן,
דו גיסט תאוה גליאיקע צו דער אַנטציקטער ערד.
און ליגנדיק אין טאָל פילט מען ווי געוועבן
פון שטראַלנדיקן גוף, וואָס שטראָמט און יערט
ליבשאַפט הייסע ווי פון גאָט, וואַרעם לייב ווי פון אַ פרוי
וואָס שוואַנגער זי שליסט שטראַלן איין, און זאָמען מיטן טוי,
עמבריאָס אַ וועלט, ווי מערישקעס אין זשומען.
און אַלץ וואַקסט און אַלץ שטייגט, אַ ווענוס, אַ געטין
ווי בענק איך נאָך דער צייט, דער יוגנט פון אַנטיקע,
פול מיט תאוה די סאַטירן, פוינען ווי די חיות
קושן נימפן בלאָנדע, אין ליליעס אונטער בריקן,
געטער בייסן צווייגן, ליבן אָן שום ראיות,
מיר בענקט זיך נאָך דער צייט, ווען זאָמען פון דער וועלט
וואַסערן פון טייך, ראָזע בלום פון גרינעם בוים,
אָדערן פון פאַן פאַרגיסן רויט דעם אוניווערס :
ווי האָט די ערד געציטערט אין איר גרין געצעלט
אונטער אַ שריט פון אַ שעפעלע, אין שפּינען פון אַ טרוים
זינגנדיק אַ לויבגעזאַנג פון ליבע אין איין פערז.
די ליכטיקע סירינקס קושנדיק שטייט פאַן,
נייגט זיך איבערן טאָל און דערהערט מיטאַמאָל
די תשובה צו זיין רוף, אין ווידערקול, אין שפּאַן
פון אַ לעבעדיקער וועלט, וו ניט ווייט אין טאָל
וויגן שטומע בוימער אַ פויגעלע וואָס זינגט.
ווי עס וויגט די ערד דעם מענטשן, דעם גאַנצן בלויען אָקעאַן
און גאָט ליבן חיות אַלע, און ליבע, ליבע קלינגט,
איך בענק אויך נאָך דער צייט פון קיבעלע הקדמונית
וואָס פלעגט גיגאַנטיש שיין אין אַרצענער קאַרעטע
צו פאָרן איבער פראַכט־מדינות און געוואַלטיקע שטעט
איר דאָפלדיקע ברוסט פלעגט צו גיסן די מזונות
טריפן פערל־ריין, פון אוראייביקן לעבן, טריפן און באַגערן.
אוי ווײ אַצינד, די זאַכן וואָס איך ווייס, זאָגט ער,
טוט אויגן, אויערן פאַרמאַכן, ניטאָ קיין געטער מער
דער מענטש־זון איז מלך, דער מענטש־זון איז גאָט,
אָבער די ליבע, די גרויסע אמונה ! די גרויסע גענאָד !
וואָלט דער מענטש דיין ברוסט נאָך געזויגן,

מוטער גרויסע פון געטער און מענטשן, קיבעלע
געדינט צו עשתרות דער אייביקער כלה
אין ליכט אין אימענזן, וואָס איז אויפגעשטויגן,
אין לייב פון בלויער כוואַליע, בלום פאַרפיומט פון ים
איר ראָזע נאָפּל האָט באַוויזן באַשנייט פון וויסן שוים
און זינגען געמאַכט האָט דעם זיג אין אויגן שווארצע
פון דער נאַכטיגאַל אין וואַלד, די ליבע אין מענטשנס האַרצן.

2

איך גלויב אָן דיר, איך גלויב אָן דיר, געטלעכע מוטער
מאַרינע אַפראָדיטע! דער וועג איז לאַנג און ביטער,
זינט יענער גאָט האָט אונז אויף זיין קרייץ געשפּאַנט.
לייב, מאַמראָר, ווענוס, בענטש מיט געטלעכער האַנט
דעם מענטשן, וואָס איז טרויריק און אונטער ווייטן הימל
מיאוס,
איינגעהילט אין קליידער וייל פאַרלאָזן פון זיין צניעות:
ער האָט זיין צלם אלוקים אומווערדיק פאַרשמירט,
אומריין אין עבדות, אַ געצקע, אין פייער איבערגעפירט
נאָכ'ן טויט אפילו אַ סקעלעט וואָס איז פאַרשטיינערט
וויל לעבן ער, און איז מבזה זיין שענקייט די ריינע,
דעם אידעאַל וו דו לייגסט אַריין אַזויפיל צניעות,
ווי דו פאַרגעטערסט אונזער עפר ואפר, די פרוי,
כדי דער מאַן זאָל זיין שפּל'ע נשמה דערלויכטן און אַזוי
עולה זיין פאַמעלעך, געלייטערט אין נחמה,
אין געוואַלטיקער ליבע אויפשטייגען אין פלוג
פון ערדישער תפיסה צו דער שיינקייט פון טאָג.
די פרוי זי קען קוים נאָך זיין אַ קורטיזאַנע
אַזוי איז זי די פאָרעם! וווהין דאַן פון דאַנען?
שפּאָט פון דער וועלט אין דיין זיסן נאָמען, אָ ווענוס
ווען די צייט וואָלט זיך אומקערן, די צייט וואָס איז געווען...
דער מענטש — ער האָלט ביים סוף, אויסגעשפּילט די ראָלן,
אין יענעם גרויסן טאָג, מיד פון ברעכן אידעאַלן
וועט ווידער ער אויפשטיין פון אַלע געטער פריי,
און אַזוי ווי ער קומט פון הימל, דערגרייכט הימל ער אויפסניי
דער אידעאַל האָט מנצח געווען, דער אייביק ריינער רעיון.
ווען דו וועסט דערקענען, דעם האַריזאָנט דערזען
און יעדער גאָט וואָס לעבט אונטער זיין לייב פון ליים
וועט עולה זיין, וועט עולה זיין און גליען מיט דיין חן

פון אַלטע יאָכן פריי, פאַראַכטער דו, פון אַלע מוראָ'ס
ווּעסטו אויפשטיין און אויסלייזן קומענדיקע דורות,
פּרעכטיקע, שטראַלנדיקע אויף דער גרויסער ברוסט פון ימים
הויך איבערן ווייטן אוניווערז דערהויבן ווּעסטו וואַרפן
ווּעסטו וואַרפן אומענדלעכע ליבע אין אַ שמייכל אָן אַן ענד,
פאַרציטערן וועט די וועלט ווי איין גרויסע האַרף
דערשיטערט פון קוש, פון פייער צוברענט!

די וועלט גאַרט נאָך ליבע, דו ווּעסט זי דערנייערן,
הערלעכקייט פון גוף, פּראַכט אידעאַלע,
באַפרייאונג פון ליבע, אויראָרא־טריומפאַלע
דיר צופיסענס קניען געטער, קניען די העראָען,
קאַליפיגע די ווייסע, און ליבער, קליינער עראָס
די פרויען און די בלומען וועלן זיך פאַנאַנדערבליען,
אונטערן ווייסן רויזן־שניי וו דיינע סטאָפּעס גליען.
אָ, גרויסע אריאַדנע, וואָס דו שליידערסט דיין כליפּען
אויפן ברעג, ווען אַנטפליען דו זעסט איבער וועלן ליפּן
פון אייגענעם שטראַלן ווייס, דעם שלייער פון טהעזעע;
אָ יונגפרוי, אָ זיסע, קינד וואָס אַ נאַכט האָט צעטרעטן
זיי שטיל! אויף זיין גאָלד־קאַרעטע געבערעמט מיט שוואַרצע
טרויבן
דורך פריגישע פעלדער איז ליזעיאָס געצויגן,
פאַרביי די גליסטיקע טיגערס און פאַנטערס די רויטע
איבער לאַנגע, בלויע טייכן זיך גערויטלט האָבן טונקעלע
מאָכן,
וו צעאוס דער בול וויגט אויפן האַלדז ווי אַ קינד
דעם הוילן לייב פון אייראָפּע, איר ווייסער אָרעם לינד
אויפן האַלדז פונם גאָט, וואָס ציטערט אויף דער וועלע,
זיין אויג ווענדט פאַמעלעך זיך צו איר. די וואַסערן וואַליען,
לייגן איר בלייך געזיכט ווי אַ בלום אויפן שטערן פון צעאוס,
אירע אויגן געשלאָסן, אין געטלעכן קוש פאַרגייט ווי אַ רויז
זי, עס מורמלט די פלוט, פון גאָלדענעם שויס בליען אירע האָר
צווישן לאָרבערן, ראָזע און לאָטוס פלוידערער,
פאַרליבט גליטשט זיך דער שוואַן, דער גרויסער, דער טרוימער
לעדאַ ווערט דערטרונקען אין פליגל פון אַ צויבערער
בשעת פאַרביי פליט ציפּריס די אויסטערלישע, שיינע
אַנטבלויזט די רונדע גלידער מלא, מלא חנ'ן,
איר שנייאיקער לייב פאַרהויכט מיט שוואַרצן פלידער

אַנטפּלעקט זי שטאָלץ און פרײַ די הערלעכקייט פון גלידער;
הערקולעס דער באַצווינגער ווי נאָר פון גלאָריע שטאַרק
געגאַרטלט גוף אין לייבן־פעל נענטערט זיך און וואַרט,
זײַן שטערן איז שרעקלעך, זײַן שטערן איז מילד צו האָריזאָנט
צוגענייגט
דורך דער זומער־לבנה, וואג צו באַלויכטן פלעגט
גאַנץ נאַקעט, פאַרחלומט אין דער בלאַסקייט פון גאָלד
טשעקן פלעגט די פלוט מיט בלוי די האָר, ווייכע און האָלד
דער דריאַד, שווער פאַרקוקט אין שטילע הימלען.
אין געטעמפּטן ליכט ווי עס שטערנט זיך דער שוים
לאָזט אַראָפּ די ווײַסע סילענע איר שלייער אין געטומל
דערשראָקן צו די פיס פון שיינעם ענדימיון
זי הויכט אים צו אַ קוש, אין שטראַל ווי אין טרוים,
פון ווייטן ווינט דער קוואַל אין אַ הייסן עקסטאַז
און עס טרוימט אַ נימפע, דעם אָרעם אויף אַ וואַז
פון שיינעם, יונגן מאַן, איר כוואַליע האָט געדריקט
עס האָט די נאַכט אַ בריזע פון ליבע צוגעשיקט
און אין הייליקע וועלדער, אין שרעק פון הויכע בוימער,
שטייען מאַיעסטעטיש טונקעלע מאַרמל־שטיינער
געטער מיט שטערנס וו עס שטעלט דער פינק זײַן נעסט אויף
זיי האָרכן די געטער, צו מענטשן, צו וועלט און צו אין־סוף.

מאַי 1870

אָפּעליאַ

אויף שוואַרצער, אויף ווייכער כוואַליע, וווּ שטערן שלאָפֿן בײנאַכט
שווימט בלייכע אָפּעליאַ, אַ ליליע אַ ווייסע
אין לאַנגע וואָאַלן געבעט, פֿאַמעלעך, זאַכט
פֿון ווייטן וואַלד הערן זיך קולות וואָס גוסס׳ען.

בלייכע אָפּעליאַ, אַריבער טויזנט יאָר
שווימט אַ פֿאַנטאָם איבער שוואַרצן שטראָם,
דיין זיסן ראָמאַנס איבער טויזנט יאָר
דער אָונט־ווינט טאַנצט איבער ווייסן שאָם.
דיינע ברוסטן קושט אַ ווינט, פֿאַלבעוועט אַ בלומענקרוין,
לאַנגע וואָאַלן געוויגטע אין טייך,
פֿרירנדיק ווערבעס ווייגען אין טרוים,
אויף דיין הויכן שטערן ווערן רויזן בלייך.
וואַסער־ליליעס פֿרירן, זיפֿצן אַרום דיר,
און וועקסטו זיך אויף אַמאָל, אַ שרייטעלע אויף אַ צווייג
פֿון נעסט אַנטלויפֿט אַ פֿליגעלע באַוועגט
פֿון גאָלדענע שטערן פֿאַלט אַ מיסטעריעזער שיר.
אַ בלייכע אָפּעליאַ שיין ווי דער שניי,
טויט ביזטו קינד, פֿון טייך אַוועקגעטראָגן
די ווינטן וואָס וואָיען פֿון נאָרוועגנס בערג און בעי,
פֿלעגן שאַרף דיר דעם סוד פֿון פֿרייהייט אָנצוזאָגן.

דאָס האָט אַ פֿרעמדער הויך געוויעט אין דיינע האָר
אין דיין פֿאַרטרוימט געמיט געטראָגן אַ זעלטענעם רויש
דאָס קול אין דער נאַטור איז דיר געוואָרן קלאָר,
נאַכטיק קלאָגן פֿון אַ בוים, דאָס זיפֿצן פֿון אַ רויז.

ווייל דאָס קול פֿונם ים מיט זיין געוואַלט, געבריל
האָט געשפּרענגט דיין מענטשלעך זיסע קינדער־ברוסט
ווען ס׳האָט אַ שיינער, בלייכער פּרינץ צומאָרגנס אין אַפּריל
פֿון זינען שטום, צופֿיסנס דיר געקניט אין שטילער לוסט.

הימל, ליבע, פֿרייהייט, סאַראַ טרוים פֿון זינען, זיסע
דו האָסט פֿאַרקאָרעט זיך אין אים ווי פֿייער אינם שניי,

דיינע זעאונגען זיי זיינען גורם צו דיין מיתה
עס האָט דער שרעקלעכער אין סוף דיין אויג געשפּרענגט
פון וויי.

און דער דיכטער זאָגט, אַז אין די שטראַלן פון די שטערן
האָסטו די נאַכט געזוכט מיט רויטע רויזן פול, פול מיט
בלויען טימיאַן
אויסגעבעט אויף דיינע שלייערס האָט ער געזען מיט טרערן
שווימען דיך, ווייסע אָפעליא, ווי אַ ווייסע ליליע.

אַ שכּור שיף

ווי איך האָב זיך געלאָזן איבער אומבאַוועגטע שטראָמען,
האָבן די שיפער פאַרלוירן די וויאָסלעס פון האַנט,
רויטהויטן, שרייערס האָבן זיך גענומען פאָגראָמען,
צו צילן אויף שיפערס, צו קאָווען צום וואַנט.

איך האָב ניט געדאגה׳ט פאַר מיינע משרתים,
ניט פאַר זאַנגען פון פלאַנדערן, ניט ענגלישן פלאַקס,
ווי נאָר די בהלה איז געוואָרן פאַרלאָשן
האָבן כוואַליעס געטראָגן, וו עס פירט נאָר אַ טראַקט.

אין דער ברילנדיקער פוריע פון די געוועסער
בין איך יענעם ווינטער, טויבער נאָך פון קינדער־מח
געלאָפן איבער צושלאָגענע האַלבאינזלען, שלעסער
ס׳הוליעט אַ תוהו ובוהו מיט טריומפירנדיקן כח.

דער שטורעם האָט געבענטשט מיין אָקעאַניש דערוואַכן
מיט כוואַליעס סכנות, געפאַלענע קרבנות,
ווי אַ קאָרק געטאַנצט האָב איך, לייכט מיט די דראכן
צען נעכט לאַנג, ניט געדורשט נאָך היים און בטלנות.

זאַנפט ווי די קינדער פלייש פון זויערע עפּל
האָבן וואַסערן גרינע מיין סאָסנאָווע לאָדקע געלעקט,
אַנקער און שטיינער, הינטער זיך אין נעפּל
ריין זיך געוואַשן, פון ווייַנען בלויע, פון ברעכן פאַרפלעקט.

זייט דעמאָלט בין איך געבאָדן אין שירה
פון ים, באַלויכטן פון מילך־פּלאַנעטן,
פאַרגאָסן פון גרינע אַזורן, וואָס צירן
בלייך דערטראָנקענע אויף ווייכע וואַסערבעטן.

און פלוצים צוגאַנגען, רויטקייט, דעליריעס
און ריטמען לאַנגזאַמע אונטער רויטקייט פון טאָג,
ווייטער ווי ווייַן, פאַרשייטער פון לירעס
יערן דאָ ביטערע רויטן פון ליבע גענאָגט.

פון הימלען ווייס איך, וואָס שפּאַלטן זיך אין בליצן
שטורמען און מילשטראָמען, בושעווען און דרייען,
פרימאָרגנס עקזאַלטירטע ווי טויבן־פאָלק אין היצן
און לאו כל אדם זוכה וואָס איך האָב געזען —

לויטן פעלז־קלאַפּ פון כוואַליעס, חדשים זיך געיאָגט
היסטערישע ווי סטאַדעס פון חיות צורייצטע,
וואָלטן דען ליכטיקע פיס פון מאַריאַ׳ס דעם כח פאַרמאָגט
צו פאַרשטאָפּן דעם מויל פון אָקעאַנען פאַרפלייצטע.

איך האָב געזען אַ זון אין מיסטישע שרעקן,
אין וויאָלעטער גלוט אַ גערונען געטשעקטע,
ווי אַנטיקע אַקטיאָרן אין טאָגאַס צעפלויגן,
איבער פלוטן ציטעריקע פאַנאַנדערגעצויגן.

איך האָב געחלומט אַ גרינע נאַכט מיט בלענדיקע שנייען,
קושן, וואָס שטייגן פּאַמעלעך צו אויגן פון ימים,
פון פאַרבאָרגענע קרייזן זאַפטן און ווייען
געזאַנגען פון געלע פאָספאָרן, אויף שוימיקע וואַסערקאַמען.

דערגאַנגען צו אויסטערלישע פלאָרידן, — איר ווייסט ?
בלומען, פּאַנטער־אויגן מיט מענטשלעכער הויט געשווייסט,
דאָרט הענגט אַ רעגנבויגן ווי אין צוים געשפּאַנט
איבער בלוי־גרינע סטאַדעס אונטערן ים־האָריזאָנט.

די זומפּן געזען וואָס יערן דאָרט פול סם,
אין מיסט פוילט דאָרטן די פּראַכט פון לויתן,
וואַסער־שטורמען ברויזן אין מיט פון שטילן ים
אין אַ תהום איז געזונקען קאָמפּאַקטע יבשה.

גלעטשערס, זילבער־זונען, פּערל־כוואַליעס, פלאַמען־הימלען
טאַנצן
גרוילעכע חורבות אויפן גרונט פון ברוינע ימים,
וו ריזן־שלאַנגען פאַלן צוביסן פון וואַנצן,
פון פאַרקוילטע בוימער מיט שוואַרצע פאַרפיומען.

קינדער וואָלט איך וועלן ווייזן יענע דעלפינען,
פיש פון גאָלד און פיש, וואָס זינגען אין בלויע פלוטן,
אין האַפנס שוימען בלומען וואָס בענטשן מיינע זינען
און ווינטן אין לשער באַפליגלען די מינוטן.

און אָפּטמאָל אַ מערטירער, מיד פון פּאָלן און פון צאָנען,
דער ים וואָס זיין כליפּען האָט מיין נע־ונדקייט געוויגט,
האָט דערלאַנגט מיר בלומען פון שאָטנס, געלע מאָגנען
איך בין געפּאַלן אויף די קני ווי אַ פרוי, געדריקט.

ס'האָט אַ האַלב־אינזל געשליידערט אויף מיינע דעקס, איך
האָב אין קויט
פון פויגל־שרייערס מיט אויגן בלאָנד
געגליטשט זיך, בעת דערטראָנקענע, טויט
האָבן בר־מנן'ס דורך מיינע נעצן געלאָזט זיך צום גרונט.

רויכערנדיק, פריי, געטראָגן פון נעפּלען וויאָלעט,
ווי אַ וואַנט געלעכערט פון רויטלעכן הימל
געטראָגן קאָנפיטירן פאַר ווילע פּאָעטן,
גירלאַנדן פון זון אויף אַזורענע שימלען.

לויפנדיק, פון עלעקטרישע לבנות געפלעקט,
אַ באַלקן מטורף פון ים־פערד באַלייט,
ווען עס האָבן תמוזן צובראָכן פון האַמערקלעפּ
אולטראַ־מאַרינע הימלען מיט קראַטערס פאַרזייט.

אויף פופציק מייל האָב איך געפילט די לוסט־געשרייען
פון בהמות און מעל־שטראָמען געדיכטע אין שטורעם!
אַן אייביקער באַסיאַק פון אומבאַוועגטע בלויען,
איך בענק נאָך אייראָפּאַ'ס אַלטן בלויען טורעם.

אינזלען האָב איך געזען און שטערן־סיסטעמעס,
אָפן פאַרן וואנדערער דעלירענדיקע הימלען,
זיינען דאָס די נעכט אָן גרונט, פון גלות און פון אמת,
מיליאָנען פויגל פון גאָלד און כוחות וואָס דרימלען.

איך האָב צופיל געוויינט, צו טרויריק מיין באַגינען,
די לבנה איז צו בייז, די לבנה איז צו ביטער,
יסורים פון ליבע האָבן פאַרסמט מיינע זינען,
ווער צושפּרונגען מיין שיפל! פאַרשלינג מיך געוויטער!

אויב פאַר אייראָפּאַ אַ וואַסער איך גאַר,
איז עס די אָזערע די טיפע, קאַלט און שוואַרץ
אין שמעקנדיקן בין השמשות קניט אַ קינד פול צער,
לאָזט לויפן אַ שיפל ווי אין מאי אַ שמעטערלינק, צאַרט.

צו טיף זיך געבאָדן אין בענקשאַפט פון ים׳ען,
איך קען ניט מער פירן קיין פלאַקס און קיין זאַנגען,
ניט ברעכן דעם שטאָלץ פון פאָנען און פון פלאַמען
אונטער אויגן פון בריקן אין שרעק זיך ניט ראַנגלען!

**
*

אָט איז אַ קוק אין דער צוקונפט. אין זיין אייגענער, אין דער צוקונפט פון דער וועלט. ער זעט ליכט און באַלויטונג, געשעענישן און געשטאַלטן, דערשיינונגען, גרויסע, קליינע, און פילט די אומבדערבאַרעמדיקע לאַסט פון גענאַד, די צווייזייטיקע שווערט פון חסד.

די ראָבן

באַשעפער, ווען פרעריעס ווערן קאַלט
און עס שווייגן די אַנגעלוס־גלאָקן, איבער קוואַלן פאַרטרוקנט,
און פראָסט־געקאָוועט הויכט דער וואַלד,
זאָלן הימלען טיף זיך בוקן,
שוואַרץ פון קראָען, פול פון קראָען.

בייזע ווינטן איבערפאַלן אייער נעסט,
מחנה מאָדנע מיט קולות שטרענגע,
איבער אָזערעס, איבער טייכן געלע,
צו קאַלוואַריען־בערג די וועגן מעסט
איבער היילן, איבער ברייט און לענג וואַנדערט,
זאַמלט אייך, פליט אייך פאַנאַנדער.

טויזנטער, קומט איבער פראַנקרייך׳ס טאָל
וווּ עס שלאָפן די טויטע פון אייערנעכטן,
קומט אין ווינטער, און קומט מיטאַמאָל
זאָלן זיי אַלע איבערטראַכטן, רופער צו התחיבות
שוואַרצע פויגל פון לויות.

הויך איבער דעמבעס און הימל, איר הייליקע
אין מאַסטן זיצט דער אָוונט, וואָס איז פאַרגאַנגען
פאַר יענע אין טיפוואַלד געפאַנגען,
פאַרטרייבט די הנאות פון מאַי, די אומצייליקע
פאַר יענע אָן אַ מאָרגן, אָן אברים, אָן אַ בריק
אונטערן גרינעם דעקטוך, ניטאָ קיין צוריק...

**
*

שווער צו באַשטימען, ווו א תקופה הויבט זיך אָן און ווו זי פאַרענדיקט זיך. אין געשיכטע, אין ליטעראַטור, צו ביים יחיד.

אויף אַ וועלט וואָס איז אַמאָל געווען אָנגעפולט מיט לעבן, טראַכט רעמבאָ, וואַנדערן אַצינד געשפּענסטער און סכעמעס. ווו קלאַנג איז געווען, הערן זיך נאָר אָפּקלאַנ־גען. אויסגלייכונגען און צוגלייכונגען פאַרנעמען דעם אָרט פון קאַנטיקן קאָנטור; פון דער ליניע, וואָס האָט כאַראַק־טער. אַט אַזאַ וועלט איז אַ בית־עולם און רעמבאָ קען זיך אין איר קיין אָרט ניט געפינען. ווער און וואָס האָט גע־בראַכט די וועלט צו דעם דאָזיקן מצב? פאַר אַלעמען — אַזוי גלויבט רעמבאָ — דער קאַטאָליציזם מיט זיין אונ־טערשיידן פון גוט און פון בייז, מיט זיינע קאָרומפּירענדיקע וועגטילן פון מחילה און באַרעמהאַרציקייט, דאָן די קונסט מיט אירע ניוועלירנדיקע פאַקטאָרן, די קונסט, וואָס איז צום טייל אַנטשטאַנען אין זיין דינסט, צום טייל האָט זי באַוועגט זיך פאַראַלעל אין איין און די זעלביקע ריטמען. „דער דיכטער אָבער איז פּראָמעטעאוס, דער גנב פון פייער".

דער זעער איז דער לאָגישער המשך פון רעבעל. אין „זון און גוף", איינע פון רעמבאָ'ס פאַרנאַסיסטישע שירים געפינט זיך שוין אַזאַ פּאַסוס:

...איך גלויב אָן דיר, איך גלויב אָן דיר געטלעכע מוטער,
מאַדינע אַפראָדיטע! דער וועג איז לאַנג און איז ביטער,
זינט יענער גאָט האָט אונז אויף זיין קרייץ געשפּאַנט..."

אָבער דער ערעטיקער שטעלט זיך ניט אָפּ ביי רע־ליגיע. צוויי בריף, געשריבן, אָדער בעסער געזאָגט אַרויס־געבראַכן, דעם 13טן און 15טן מאי 1871 צו זיינע פריינט

דזשאָרזש איזאַמבאר און פּאָל דעמעני, זיינען אַ דאָקו־מענט פון אומגעהייערער באַדייטונג. אין דעם דאָזיקן גלוי דעת ווייזט זיך שוין קריסטאַליזירטע זעאונג נאָך אַן אינ־טענסיוון פּראָצעס פון אינערן געראַנגל. דער פאַרהאַנג איז אויפגעצויגן, מיר פאַרנעמען דעם פּראָלאָג צו דער דערשיטערנדיקער דראַמע. פאַר אונז שטייט רעמבאָ, דער זעער. די שירים וואָס ער שיקט אין דערזעלביקער צייט האָבן מיט דעם אני מאמין פון די לידער ניט קיין שייכות. דער אני מאמין קומט ספּאָנטאַן, כמעט כאַאָטיש. דער נדר וואָס ער האָט אין די בריוו אויף זיך גענומען, גיט דעם דאָקומענט זיין זיטליכן געהאַלט — און ער האָט אים ממלא געווען ביז צום לעצטן אות, אַ דערשי־טערטער, אַ דערפּולטער מיט אַן עול פון אחריות ווי נאָר יחידי סגולה זיינען ראוי דערצו. „דער דיכטער טראָגט די אחריות פאַר דער מענטשהייט, אפילו פאַר חיות...״ נעמט ער אויף זיך דעם עול פון אַ בעל תשובה, צווינגט זיין לעבן צום גורל פון זיין אַ קרבן. ברענגט זיך פאַר אַ קרבן כדי אָפּצוּוואַשן חטאים פון צוויטויזנט יאָר גע־שיכטע, כדי מעגלעך צו מאַכן אַן אָנהויב אויפסניי! אַ זעלטזאַמער הייליקער, אָבער אַ הייליקער פון מעלה עליונה...

בריוו פון 13טן מאַי צו דזשאָרדזש איזאַמבאַר:

„זיינט איר, הייסט דאָס, ווידער פּראָפעסאָר. מען דאַרף זיך אָפּגעבן צו דער געזעלשאַפט, האָט איר געזאָגט: איר זיינט אַ טייל פון דער לערערשאַפט. איר געפינט אייך אויפן רעכטן וועג — איך אויך, איך בין דער פּרינציפּ: איך לאָז זיך ציניש אויסהאַלטן: איך גראָב אַרויס אַלטע טפשים קאָלעגן פון שול. אַלץ וואָס איך קען אויסטראַכטן פון בייזן, פון שמוציקן אין וואָרט און אין טאַט, ליפער איך זיי אָפּ, מ׳צאָלט מיר מיט ביר און מיט מיידלעך. די טרויעריקע מוטער שטייט, בעת דער זון העגנגט. מען דאַרף זיך אָפּגעבן

דער געזעלשאַפט, און איך בין גערעכט — און איר, איר זיינט אויך גערעכט, פאַר היינט. אין תוך אַריין זעט אויס, גלויבט איר נאָר אין סוביעקטיווער פּאָעזיע. אייער עקשנות, זיך אַנצושליסן דעם לערקערפּער פון דער אוניווערסי־טעט, באַווייזט דאָס. אָבער איר וועט תמיד ענדיקן ווי אַ צופרידענער, וואָס האָט גאָר ניט געטאָן און גאָר ניט גע־וואָלט טאָן. ניט נעמענדיק אין חשבון, אַז אייער סוביעקטי־ווע פּאָעזיע וועט תמיד זיין לאַקריצדיק. אין אַ שיינעם טאָג, האָף איך, און אַנדערע האָפן דיזעלביקע זאַך, וועל איך זען אין אייער פּרינציפּ, די אָביעקטיווע פּאָעזי — איך וועל זי זען ערנסטער נאָך, ווי איר וואָלט זי געזען!

איך וועל זיין אַן אַרבעטער. דאָס האַלט מיך צוריק ווען משוגענער כעס טרייבט מיך צו דער שלאַכט פון פּאַריז, וווּ אַזויפיל ארבעטער שטאַרבן, אַצינד אפילו, בעת איך שרייב אייך! אַרבעטן אַצינד, בשום אופן ניט: איך שטיי אין סטרייק.

אַצינדערט פאַרגראַב איך זיך אין זיך אַליין. פאַר וואָס? איך וויל זיין אַ דיכטער. און איך אַרבעט דעריבער צו ווערן זעענדיק. מ׳דאַרף דערגיין צו דער גרענעץ פון אומ־באַקאַנטן. איר פאַרשטייט ניט, און איך וויס אפילו ניט, ווי־אַזוי צו דערקלערן. מען דאַרף דערגיין צום אומבאַקאַנטן, איך וויל דאָס דערגרייכן דורך דער אַנטרעגלונג פון אַלע זינען.

די יסורים זיינען אין לשער, מען דאַרף זיין שטאַרק, מען דאַרף געבוירן זיין אַ דיכטער. און איך האָב דערקענט, אַז איך בין אַ דיכטער. דאָס איז באין אופן ניט מיין פעלער. ס׳איז פאַלש צו זאָגן: „איך טראַכט״; מען וואָלט דאַרפן זאָגן: מ׳טראַכט מיך, איך איז אַן אַנדערער. ביטער פאַרן האָלץ וואָס ווערט געוואָר, עס איז אַ פידל, און איז מבטל די עם־הארצים, וואָס אַמפּערן זיך איבער זאַכן, וואָס זיי פאַרשטייען לחלוטין נישט.

איך קען פון אייך ניט לערנען. איך גיב אייך דאָס:

איז דאָס סאַטירע, וואָלט איר זאָגן? בכל אופן איז דאָס נישט פאַנטאַזיע. אָבער איך באַשווער אייך: שטרייכט ניט אונטער, ניט מיט קיין בליישטיפט, ניט במחשבה: (דאָ קומט רעמבאָ צו זיין געדיכט „דאָס פאַרגעוואַלטיקטע האַרץ״) דאָס מיינט גאָר ניט. ענטפערט מיר...״

בריוו צו פּאָל דעמעני, פונם 15טן מאי 1871:

איך האָב באַשלאָסן אייך געבן א שעה פון נייער ליטעראַטור. איך הויב אָן מיט אַ קאַפּיטל תהילים פון אַקטואַליטעט. (פאָלגט דער געזאַנג פון דער פאַריזער מלחמה).

און אָט איז די פּראָזע וועגן דער צוקונפט פון דער פּאָעזיע: יעדע אַנטיקע פּאָעזיע איז צוריקגעקומען צו דער גריכישער פּאָעזיע. האַרמאָניש לעבן. פון גריכנלאַנד ביז צו דער ראָמאַנטישער באַוועגונג — מיטלאַלטער — פאַראַן ליטעראַטן, ווערסיפיקאַטאָרן. פון עניוס צו טעראַלדוס, פון טעראַלדוס צו קאַזימיר דעלאַוויניע, אַלץ געגראַמטע פּראָזע. אַ שפּילעריי, די תמ׳עוואַטיקייט און די גלאָריע פון אומצייליקע אידיאָטישע דורות. ראסין איז דער ריינער, דער שטאַרקער, דער גרויסער. וואָלט מען נאָך אַ בלאָז געטאָן אויף זיינע גראַמען, צעוואָרפן זיינע אַלעקסאַנדרינער, און דער געטלעכער נאַר וואָלט געווען פונקט אַזוי אומבאַקאַנט ווי דער ערשטער בעסטער פאַרפאַסער פון „לעס אָריזשין״. נאָך ראַסין איז דאָס שפּיל פאַרשימלט געוואָרן. דאָס האָט געדויערט צוויי טויזנט יאָר!

אָן חכמות און אָן פּאַראַדאָקסן. די פאַרנונפט גיט מיר מער זיכערקייט וועגן די דאָזיקע ענינים ווי יונג פראַנקרייך איז זיך בכח מוסר נפש צו זיין, איבעריגענס איז עס דער שטייגער פון די יונגע, צו פאַרשפּאָטן די אַלטע. מען פילט זיך ביי זיך אין דער היים און מ׳האָט צייט דערצו.

מען האָט די ראָמאַנטיק קיינמאָל ניט ריכטיק באַאורטיילט. ווער האָט איבער איר געזאָלט אורטיילן? דער

קריטיקער? דער ראָמאַנטיקער? ווער באַווייזט אַזוי גוט אַז דאָס ליד איז אַזוי זעלטן ווערק ד. ה. געזונגענער געדאַנק, פאַרשטאַנען פונ׳ם זינגער.

ווייל איך איז אַן אַנדערער. אויב דאָס קופּער דער־כאַפּט זיך אַז עס איז אַ טראָמפּעט, איז דאָס ניט זיין שולד. דאָס איז קלאָר. איך העלף מיט צום אויסטראָגן פון מיין געדאַנק. איך באַטראַכט אים, איך הער אים אויס, איך דריק אַ פייל פון בויגן. די סימפאָניע מאַכט דורך איר איבער־שיכטונג צו די טיפן אָדער קומט מיט אַ שפרונג אויף דער סצענע.

וואָלטן די אַלטע טפשים ניט געפונען קיין פאַלשע אויסטייטשונג פונם איך, וואָלטן מיר ניט דאַרפן שטאַפּלען מיליאָנען סקעלעטן וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט פון ששת ימי בראשית, די פּראָדוקטן פון זייער אָבסקורער אינטעלי־גענץ, דערפאַר ווייל זיי רופן זיך אָן אויטאָרן.

אין גריכנלאַנד האָב איך געזאָגט, פערזן און לירעס, ריטמען: די טאַט. נאָך דעם זיינען מוזיק און גראַם שוין שפּיל. דאָס שטודיום פון דער פאַרגאַנגנהייט אַנטציקט די נייגעריקע. אַ טייל פרייען זיך אַזעלכע אַנטיקוויטעטן אויפצופרישן: דאָס איז פאַר זיי. די אוניווערסאַלע פאַרנונפט האָט אירע געדאַנקען תמיד נאַטירלעך אַרויסגעזאָגט: די מענטשהייט האָט אָנגעזאַמלט אַ טייל פון די דאָזיקע פירות פון געהירן, פון זיי זיינען זייערע מעשים באַשטימט גע־וואָרן. וועגן זיי האָט מען ביכער געשריבן. אַזוי איז גע־גאַנגען דער וועג. דער מענטש האָט איבער זיך נאָך ניט געקאָנט אַרבעטן. ער איז נאָך ניט געווען דערוואַכט. לכל הפחות ניט מיט דער פולקייט פון גרויסן טרוימבילד. פונק־ציאָנער, שרייבער, אויטאָר, באַשאַפער, פּאָעט. דער מענטש האָט נאָך קיינמאָל ניט עקזיסטירט!

דאָס ערשטע שטודיום פון אַ מענטשן וואָס וויל זיין אַ דיכטער איז, זיך גרינדליך צו באַקענען מיט זיך אַליין. ער זוכט זיין נשמה, ער פאָרשט זי אויס, פּרובט זי אויס,

ער פאַרנעמט זי. און ווען ער דערקענט זי, מוז ער זי אויס־בויען. דאָס, דאַכט זיך, איז איינפאַך, אין יעדן געהירן איז פאָרגעקומען אַ נאַטירלעכע אַנטוויקלונג. אַזויפיל עגאָ־איסטן האַלטן זיך פאַר אויטאָרן! אַנדערע שרייבן זיך אַליין צו זייער אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג! — אָבער עס האַנדלט זיך וועגן דעם, צו מאַכן די נשמה מאָנסטראָז! מאַלט אייך אויס צו פלאַנצן וואָרצלען אין פּנים און זיי אויסצוכאָוועז! איך זאָג מען דאַרף זיין זעענדיק! זיך מאַכן זעענדיק.

דער פּאָעט מאַכט זיך זעענדיק דורך אַ לאַנגער, אי־מענזער, אויסגערעכנטער אַנטרעגלונג פון אַלע זינען. אַלע פאָרמען פון ליבע, פון ליידן, פון משוגעת; ער זוכט אַליין, ער שעפּט אויס אַלע גיפטן, כדי נאָר צו באַהאַלטן די קווינטעסענץ. אומדערבאַרעמדיקע טאָרטור, ביי וועלכער ער נויטיקט זיך אין דער גאַנצער אמונה אין דער גאַנצער איבערמענטשלעכער קראַפט, ביי וועלכער, ער ווערט, צווישן אַלע, דער גרויסער קראַנקער, דער גרויסער פאַרברע־כער, דער גרויסער פאַרשאָלטענער און דער סופּרעמער וויסנדיקער! ווייל ער איז דערגאַנגען צום אומבאַקאַנטן! און ווייל ער האָט קולטיווירט זיין נשמה, שוין סייווי רייך, ווי קיינער נישט, דערגייט ער צום אומבאַקאַנטן! און אויב ער זאָל אַראָפּ פון זינען, און אָנווערן דעם כח תופס צו זיין זיינע וויזיעס, ער האָט זיי געזען! און אויב ער זאָל צעבראָכן ווערן אין זיין צוזאַמענשטויס מיט אומגעזאָגטע און אומצייליקע ענינים... ס׳וועלן קומען אַנדערע מורא־דיקע אַרבעטער: זיי וועלן אָנהויבן ביי די האָריזאָנטן ווו ער איז אויפגעריבן געוואָרן".

***

אַזוי שטייט רעמבאָ איינער אַליין אין חלל און ראַנגלט זיך צו דערגיין צו כאָאָס. ראַנגלט זיך צו דערגרייכן צום מחוץ פון גוף און נשמה, ראַנגלט זיך צו געפינען דעם

שליסל צום גרויסן מיסטעריום און געפינט זיך פלוצים אויפן וועגן צו זיינע „דערלויכטונגען" צו זיין „זמן אין גיהנם". —

„המשך קומט אין זעקס מינוט — איז רעמבאָ ממשיך זיין בריף — דאָ שטעל איך אַריין אַ צווייטן קאַפּיטל תהלים מחוץ פון טעקסט און לייט מיר אויס אַ פריינטלעך אויער... דעם בויגן אין האַנט און איך הויב אָן:

מיינע קליינע פּאַרליבטע

(דאָס ליד איז ניט פאַראַן)

„אַט אַזוי. איך האָב מורא געהאַט איך אויסצובערענגען מיט מער ווי זעכציק סאַנטים פּאַרטאָ — איך אַרעמער „איבערגעשראָקענער" (אַן אַלוזיע צו זיין געדיכט „די איבערגעשראָקענע") האָב זייט זיבן חדשים ניט געהאַלטן קיין איין בראָנזענע מטבע אין מיינע הענט! — איך וועל אייך נאָך דערלאַנגען „די ליבהאָבער פון פּאַריז", הונדערט העקסאַמעטער, מיין הער, דער טויט פון פּאַריז, צוויי הונדערט העקסאַמעטער. (די שירים האָבן זיך ניט געפונען) איך בין ממשיך:

איז דאָס דער פּאָעט דער אמתדיקער גנב פון פייער. ער טראָגט די אחריות פאַר דער מענטשהייט, אפילו פאַר חיות. ער דאַרף מדריך זיין, ער דאַרף מאַכן פילן, אָנטאַפּן, אויסהערן זיינע דערפינדונגען. אויב דאָס וואָס ער גיט איבער פון דאָרט האָט פאָרעם, גיט ער פאָרעם, אויב עס איז אומפאָרעם, גיט ער אומפאָרעם. געפינען אַ לשון. — בכן, אויב יעדעס וואָרט וועט זיין אידייע, וועט קומען די צייט פון אַן אוניווערסאַלער שפּראַך! מען דאַרף זיין אַן אַקאַדעמיקער, ד. ה. טויטער פון אַ פאַסיל, אויסצומאַכן אַ ווערטער־בוך פון וועלכער שפּראַך עס זאָל ניט זיין. די שוואַכע וועלן זיך נעמען טראַכטן וועגן ערשטן אות פון א״ב, און דאָס וואָלט באַלד געקאָנט פירן צו משוגעת.

די דאָזיקע שפּראַך וועט זיין פון נשמה צו נשמה, רעזיומירנדיק אַלץ, פאַרפיומען, קלאַנגען, פאַרבן. מחשבה קייטלט זיך צו מחשבה, ציט אַנדערע נאָך זיך. דער דיכ־טער דעפינירט די קוואַליטעט פון אומבאַקאַנטן, דער־וואַכנדיק אין זיין צייט, אין דער אוניווערסאַלער נשמה. ער וועט געבן מער ווי די פאָרמולע פון זיין דענקען, מער ווי פּירושים פון זיין גאַנג צום פּראָגרעס. ווען ענאָרמי־טעט וועט ווערן די אַבסאָרבירטע נאָרם פאַר אַלע, וועט ער באמת ווערן אַ פאַרפילפאַכער פון פּראָגרעס!

די דאָזיקע צוקונפט וועט זיין מאַטעריאַליסטיש, זעט איר. תמיד פול פון צאָל און האַרמאָניע, וועלן די פּאָעמעס זיין פון בלייבנדיקן ווערט. — אין תוך אַריין וועט דאָס ווידער זיין אַביסל גריכישע פּאָעזיע.

די אייביקע קונסט וועט האָבן אירע פונקציעס, אזויווי פּאָעטן זיינען בירגער. די פּאָעזיע וועט ניט מער ריטמיזירן די טאַט, זי וועט איר גיין פאָרויס. די דאָזיקע פּאָעטן וועלן קומען! אַז מען וועט צעברעכן די אומענדלעכע שקלאַפעריי פון דער פרוי, ווען זי וועט לעבן פאַר זיך, און דורך זיך, ווען דער מאַן, — ביז אַצינד מיאוס — וועט האָבן איר געגעבן איר באַפרייאונגס־בריף, וועט זי זיין דיכטער, זי אויך! זי וועט געפינען דעם וועג צום אומבאַקאַנטן. אירע אידייען־וועלטן וועלן זיך אונטער־שיידן פון אונזערע? זי וועט אויסגעפינען זעלטזאַמע זאַכן, אומדערפאָרשבאַרע, אָפּשטויסנדיקע, ווונדערבאַרע; מיר וועלן זיי אָננעמען, מיר וועלן זיי פאַרשטיין. וואַרטנדיק פאָדערן מיר פון פּאָעט דאָס נייע. אידייען און פאָרמען. די רוטינירטע וועלן באַלד מיינען, אַז זיי האָבן צופרידן געשטעלט די דאָזיקע פאָדערונג — אָבער ניין, דאָס איז ניט דאָס!

די ערשטע ראָמאַנטיקער זיינען געווען זעער, ניט אָפּ־געבנדיק זיך וועגן דעם קיין דין וחשבון: די קולטור פון זייערע נשמות האָט זיך אָנגעהויבן דורך צופאַלן: פאַר־

לאָזענע לאָקאָמאָטיוון, נאָר ברענענדיקע, וואָס האַלטן זיך נאָך אַ ווײַלע אויף די רעלסן. — לאַמאַרטין איז צומאָל זעענדיק, נאָר דערשטיקט פון אַלטער פאָרעם. — הוגאָ, צו אײַנגעשפּאַרט, האָט וויזיע און די לעצטע בענדער פון לע מיזעראַבלע זײַנען אַן אמת פּאָעם. איך האָב די שאַטימאַן (די ציכטיגונגען) בײַ דער האַנט: סטעלאַ גיט איבער די מאָס פון דער וויזיע פון וויקטאָר הוגאָ, צופיל פון בעלמאָנט און לאַמנעע, פון יהוה און פון זײַלן. אַלטע צעבראָכענע ענאָרמיטעטן. מיוסיי איז פערצן מאָל צום ברעכן פאַר אונז, טרויעריקע דורות! און באַרויבט פון זעעאונגען — ווי האָט דאָס באַליידיקט זײַן פוילקייט פון אַ מלאך! און די זיסלעכע דערציילונגען און גלײַכווערטלעך! אָ! די נעכט! אָ די ראָללאַ! אָ נאַמאָנאָ, אָ דער בעכער! אַלץ איז פראַנצויזיש, ניט פּאַריזעריש! נאָך איין ווערק פון דעם פּאַרהאַסטן זשע־ני, וואָס האָט אינספּירירט ראַבעליי, וואָלטער, זשאַן לע פאָנטען, קאָמענטירט פון ה. טאַין! פרעגנטאַניע דער גייסט פון מיוסיי! זיס זײַן ליבשאַפט. אָט האָט איר מאָלעריי אויף עמייל, סאָלידע פּאָעזיע! מען וועט זיך נאָך לאַנג דע־לעקטירן מיט פראַנצויזישער פּאָעזיע, נאָר אין פראַנקרייך. יעדער קרעמער איז בכח אויסצוקראַצן אַ ראָללאַ׳שן אַפּאָ־סטראָף. יעדער סעמינאַריסט טראָגט זיך אַרום בסוד סו־דות מיט פינף הונדערט גראַמען אין זײַן נאָטיץ־ביכל. מיט פופצן יאָר לייגט דער דאָזיקער אויפברויז פון ליידנשאַפט די יונגע אויף קוילן, מיט זעכצן באַניגענען זיי זיך אים מיט האַרץ צו רעציטירן, מיט אַכצן, מיט זיבעצן אפילו, שרײַבט יעדער סטודענט זײַן ראָללאַ! אַ טייל וועלן נאָך שטאַרבן דערויף. מיוסיי האָט גאָר ניט געקענט. פאַראַן געוועזן וויזיעס אונטער טיולענע פירהענגלעך: ער האָט די אויגן פאַרמאַכט. פראַנצויזן, ברויטזוכער, דערצויגן אין קאַפּעהויז. קאָלעג־שרײַבטיש. דער שיינער טויטער, ער איז טויט און אגב נעמען מיר זיך אפילו ניט די מי, אים אויפצווועקן דורך אונזער פאַראַכטונג! די צווייטע ראָ־

מאַנטיקער זיינען זייער זעענדיק: טעאָפיל גאָטיע, לעקאָנט דע ליל, טעאָדאָר דע באַנוויל. אָבער אַריינצודרינגען אין אומזעבאַרן, אויסצוהאָרכן דאָס אומהערבאַרע, דאָס מיינט עפּעס אַנדערש ווי ווידער אויפנעמען דעם גייסט פון טויטע זאַכן.

באָדלער איז דער ערשטער זעענדיקער. אַן אמת׳ער גאָט. און אפילו ער האָט געלעבט אין אַ צו אַרטיסטישער סביבה. און זיין באַרימערישע פאָרעם איז צו קליינלעך. אַנטפּלעקונגען פון אומבאַקאַנטן פאָדערן נייע פאָרמען. (דאָ פאָלגט אַ לאַנגע אויפציילונג פון דיכטער, וואָס „האָבן זייער ראָללאָ״) די נייע שול, ד. ה. די פּאַרנאַסיסטישע האָט צוויי זעער, אַלבערט מעראַ, און פּאָל ווערלען — אָט אַזוי. אַזוי אַרבעט איך כדי זיך צו מאַכן זעענדיק.״

***

אָט איז אַ קווערשניט דורך צוויי־טויזנט יאָר ליטעראַ־טור־געשיכטע. אָט דער אַלטער בנין וואָס די צייט האָט געפאָרעמט, געגלאַטיקט, פּאָלירט און דורך ווידערהאָלונ־גען דערפירט צו ווירטואָזיטעט, ד.ה. פון קונסט, אָט דעם בנין האָט רעמבאָ אַ טרייסל געטאָן ביז צו די גרונט־יסודות.

— — — — — — — — — — — — — — —

ער ווערט דינער, לייכטער, דורכזיכטיקער, דערגרייכט אַ מדרגה פון פליען. „דרייצן יאָר האָט ר׳ שמעון בן יוחאי געלעבט אין אַ הייל גרייטנדיק זיך פאַר דער גרויסער אַנטפּלעקונג. און נאָענט צו דער דאָזיקער הייל איז גע־וואַקסן אַ בוים, און אַ קוואַל האָט אַנגעהויבן רוישן...״

הונגער, מאַרשן, קעלט און האשיש (דער האשיש מייסטנס אין דער טעאָריע) ברענגען אונזער מתבודד צו יענע מדרגות. אָט שטייט ער פאַר אונז, דער „בחור״ פון דער ישיבה באַזעסן פון דער אידייע צו ברענגען די גאולה.

נאָר אונטער אַנדערע אומשטענדן, אויף אַן אַנדערן פּלאַן. — — —

צו לאַנג שוועבן אויבן האָט ער ניט געקאָנט. דאָס איז ניט געלעגן אין דער נאַטור פון דעם אומברחמנותדיקן הערעטיקער, מיט זיין אויסגעפּרעגטן זין פאַר׳ן קאָנקרעטן. ער האָט געמוזט שטיין מיט ביידע פיס אויף דער ערד. צו שטאַרק איז געווען זיין חוש פאַר אָבסערוואַציע, אַלץ וואָס ער לעבט און דערלעבט ווערט אַ פאַקטאָר אין דער לאַנדשאַפט פון זיין דראַמע, דעריבער זיינען זיינע סוזשעטן קיינמאָל ניט קיין אויסגעטראַכטע. טאָג־טעגלעכע פאַרקור־מענישן אָוועקגעשטעלט אין אַן אַנדער סדר, איינצל־הייטן, וואָס זיינען זייער ווייט פונאַנאַנדער, בינדט ער צענויף כמעט אומבאַוווסט, אַנגעהויבן סיי ווען. זאַץ פון קאָווע אויפן דנאָ פון קאָווע־שאָל רופט אַרויס אַסאָ־ציאַציעס: ביכער פון אומבאַקאַנטע אויטאָרן: „אַ פורפורע־נער חדר מיט פענצטער אויס געלן פאַפּיר״ אָדער „ביכער געבונדן מיט רוסישער לעדער״ אָדער „פאַרבאָרגענע בי־כער וואָס האָבן געשפּרייזט איבערן אָקעאַן״.

יעדער פונקט איז אַן אָנהויב און אויסגאַנג ערגיץ־וווהין. מען קען אַרויסגיין פון ערגיץ־ווו און דערלאַנגען אומעטום. צו טיפן, צו די הויכן. דער וועג איז דער עיקר...

ווי נאָר רעמבאָ איז אָוועק פון קאָסערן, שרייבט ער אַן אַ פּראָיעקט צו אַ רעוואָלוציאָנערער קאָנסטיטוציע, אינספּירירט פון די אידייען פון דער קאָמונע. לויט דע־לאָהיי, האָבן דאָס געדאַרפט זיין קליינע מלוכות, אַזוי ווי אין גריכנלאַנד. די אגאָרא (פאָלקס־פאַרזאַמלונג) באַשטימט די געזעצן אויפן פּלאַץ פון דער רעפּובליק. די געזעצן ווערן פאַרפאַסט פון די פאַרזאַמלטע בירגער מיט גלייכן רעכט צו שטימען: די רעפּרעזענטאַטיווע רעגירונג ווערט אָפּגעשאַפט. אויף איר אָרט קומט דאָס רעזשים פון פער־מאַנענטן רעפערענדום.

דער מאַנוסקריפּט איז פאַרלוירן געגאַנגען. ניט דער

איינציקער. ביים סוף ווינטער פון 1872—1873 האָט ער אַ נייעם פּראָיעקט פון שרייבן אַ סעריע פּראָזע־פּאָעמעס אונטערן טיטל L'Histoire Magnifique געוואָלטיקער און פּיטאָרעסקער פאַר מישעלע׳ס געשטאַלטונגען. מאַסן פון קאָלעקטיוון, פון אַקציעס. דער אַנטוואָרף האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ סעריע „פאָטאָגראַפיע פון פאַרגאַנ־גענע דורות". דעלאַהיי און ווערלען האָבן געהערט גרויסע טיילן דערפון. דער מאַנוסקריפּט איז פאַרלוירן געגאַנגען.

רעמבאָ געפינט זיך אויפן וועג. ווי תמיד. צי איז עס דער פוסמאַרש אויפן שליאַך, צי זיינען עס זיינע גייסטיקע הליכות. די מאָטיוון זיינען תמיד די אייגענע. עס איז שטענ־דיק דער האַרטער וועג פון זוכעניש, דער געיעג נאָכן שליסל צום מיסטעריום. עס איז דער מוראדיקער וועג אויף „צו זיין פאַרבונדן", דער וועג צו גלות מיט זיינע סכנות נפשות.

„דער דיכטער טראָגט די אחריות פאַר דער מענטש־הייט אפילו פאַר חיות"... אָבער ער מוז זיין נשמה אויס־הערן. און ווען ער דערהערט זי, זי אויסבויען, זי מאַכן גרויס. אומגעהייער. „איך האָב דערפילט אַז איך בין אַ דיכטער"... ער איז זיבעצן יאָר אַלט. ניט מער. מיט אויסגעהונגערטע זינען און אַן אומדערבאַרימדיקער שע־מעוודיקייט.

די מדבריות פון ליבע

הקדמה

„די דאָזיקע אויפצייכנונגען זײַנען פון אַ יונגן מענטשן. פון גאָר אַ יונגן מענטשן, וועמענס לעבן אַנטוויקלט זיך סיי ווו, אָן אַ מוטער, און אָן אַ לאַנד, אומבאַקימערט וועגן דעם וואָס גייט אָן, אַנטלויפנדיק פאַר יעדער מאָראַלישער קראַפט, ווי דאָס האָבן שוין געטאָן אַנדערע באַדויערנסווערטע יונגע לייט. ער אָבער, פאַרווירט און געלאַנגווײַלט, האָט זיך פּשוט געלאָזט שווימען אַנטקעגן סוף כל אדם, אַנטקעגן טויט ווי אַנטקעגן עפּעס אַ מוראדיקער, פּאַטאַלער בושה. פרויען האָט ער נישט געקענט, הגם ער איז געווען אַ יונגער און פולבלוטיקער מענטש; האָט זיך זײַן נשמה פאַרפּלאָנטערט אין זעלטזאַמע און טרויעריקע טעותים. די חלומות, דערנאָך זײַנע ליבשאַפטן! — זיי זײַנען צו אים געקומען, צו אין בעט, צו אין גאַס, זייער דויער און זייער סוף, פון וועלכע עס האָבן זיך אפשר אַרויסגעשיילט זיסע און זיטלעכע באַטראַכטונגען. מען וואָלט זיך קענען דערמאָנען אָן לעגענדאַרע באַשניטענע מחמד׳אַנער אין פאַרציקטן שלאָף. נאָר אָט דאָס ביזאַרע לײַדן באַזיצט אַזאַ מין באַאומרואיגענדיקע איבערמאַכט, אַז מ׳מוז אויפריכטיק האָפן, אַז די דאָזיקע נשמה וואָס בלאָנדזשעט צווישן אונז; וואָס באַגערט, ווי עס זעט אויס, דעם טויט, זאָל אין אַזעלכע מאָמענטן ערנסטהאַפט געטרייסט ווערן, און עס ווערט זײַן.“

I

„דאָסמאָל איז עס די פרוי וואָס איך האָב געזען אין שטאָט, צו וועלכער איך האָב גערעדט און וואָס האָט גערעדט צו מיר . . .

איך בין געווען אין אַ שטוב אָן ליכט. מען איז מיר גע־קומען זאָגן, אַז זי איז ביי מיר: און איך האָב זי געזען אין מיין בעט, אינגאַנצן מיין, אָן ליכט! איך בין געווען זייער באַוועגט. דערפאַר וויל עס איז געווען אין הויז פון מיין פאַמיליע. און עפּעס אַ פאַרצווייפלונג האָט מיך אַרומגענומען. איך בין געווען אין לאַכעס און זי וואָס האָט זיך מיר אָפּגעגעבן, אין רייכע מלבושים. זי האָט געמוזט גיין. אָ, יאוש אָן אַ נאָמען! איך האָב זי אָנגענומען און זי געלאָזן אַרויספאַלן פון בעט, כמעט נאַקעט. אין מיין גרויסער שוואַכקייט בין איך אויף איר געפאַלן און געוואַלגערט זיך מיט איר אויף די טעפּיכער אין דער פינצטער! דער לאָמפּ אין פאַמיליענהויז האָט דורכגעלויכטן פון איין שטוב אין דער אַנדערער. דעמאָלט איז די פרוי פאַרשוווּנדן געוואָרן. איך האָב געוויינט. גאָט אַליין האָט דאָס ניט געקענט פאַרלאַנגען.

כ׳בין אַרויס אין שטאָט, וואָס האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף. אָ, מיין מידקייט! פאַרגראָבן אין דער טויבער נאַכט אויפן אַנטלויף פאַר גליק. ס׳איז געווען ווי נאַכט אין ווינטער, מיט אַ שניי צו באַגראָבן די וועלט אויף אייביק. די פריינט, וואָס כ׳האָב געפרעגט ווּהין זי איז געגאַנגען, האָבן מיר געענטפערט אויף קאַפּויער. איך בין געגאַנגען צו די וויטרינעס ווּהין זי פלעגט גיין יעדן אָוונט. איך בין אַריין אין פאַרשנייטן גאָרטן, מען האָט מיך אַרויסגעיאָגט. איך האָב וועגן דעם אַלעמען שרעקלעך געוויינט. צום סוף בין איך אַוועק אויף אָן אָרט פול מיט שטויב און האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ הויפן ברעטער און האָב אויסגעוויינט אַלע טרערן פון מיין גוף אין יענער נאַכט. מיין איבערמענטשלעכע מידקייט איז פון דעסטוועגן אַלץ צוריקגעקומען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי איז צוריקגעגאַנגען צו איר טאָג־טעגלעכן לעבן און אַז דער אָנפאַל פון גוטסקייט איז אַזוי וויט פון אומקערן זיך, ווי דער לויף פון די

שטערן. זי איז נישט צוריקגעקומען. זי וועט קיינמאָל ניט צוריקקומען. די וווּנדערבאַרע, וואָס איז געקומען צו מיר, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט דערוואַרט. אמת, דאַסמאָל האָב איך געוויינט ווי אַלע קינדער פון דער וועלט צונויפגענו־מען אינאיינעם".

***

איבערלעבונגען מיט פּרויען האָבן זיך ניט איינגעגעבן. זיין שעמעוודיקייט און אומגעלומפּערטקייט האָבן אים גע־מאַכט צו אומבאַהאָלפן, געזאָגט אים ווי ווייטאָג, און ער האָט זיך ניט געקאָנט קיין עצה געבן. האָט ער זיך געלאָזט אויף דער ליניע פון לייכטן ווידערשטאַנד, אָפּגעקערט זיך פון פרויען מיט פוריאָזנער שנאה, פאַרשטאַרקט דורך אומ־וויסן און אומדערפאַרנקייט, און איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַזוי קינדיש ווייט צו באַטראַכטן אפילו דאָס פיזישע לעבן פון אַ פרוי פאַר אַ באַליידיקונג פאַרן מאַן. אָבער ער איז אַלט געווען זיבעצן יאָר — און האָט געשריבן, „זון און גוף"...

„זון, דו וואַרימע היים פון ליבע און פון לעבן,
דו גיסט תאווה גליאיקע צו דער אַנטציקטער ערד.
און ליגנדיק אין טאָל פילט מען ווי געוועבן
פון שטראַלנדיקן גוף, וואָס שטראָמט און יערט
ליבשאַפט הייסע ווי פון גאָט, וואַרעם לייב ווי פון אַ פרוי
וואָס שוואַנגער שליסט זי שטראַלן איין, זאָמען מיט'ן טוי,
עמבריאָס אַ וועלט, ווי מעריזשקעס אין זשומען
און אַלץ וואַקסט, און אַלץ שטייגט, אַ ווענוס, אַ געטין...

פון דעם פערז אַליין, פון דעם גאַנצן היידניש אוני־ווערסאַלן שיר וואָס נעמט אַרום די וועלט, לערנען מיר, אַז זיין שנאה צו פרויען איז געלעגן אויף אַן אַנדערער ליניע, לגמרי אויף דער אויבערפלאַך; בעיקר איז ער אין זיין וועלט־באַנעם דערגאַנגען צו די גרונט־יסודות אויף וועלכע

די וועלט שטייט, צו דעם לעצטן אמת, אַז ערד און פּרוי זייַ־נען איינס און אַז ביידע געבערן מיט בלוט...

וואָלטן זיינע פאַרבייגייענדיקע ערשטע באַגעגענישן ניט געווען אַזוי פאַטאַל אַן דערפאַלג, וואָלט מסתמא זיין וועג געווען געגאַנגען אויף אַ גאַנץ אַנדערער מאַרשרוט. אָבער ער איז זיבעצן יאָר אַלט, איבערשטראָמט פון קראַפט און פון יצירה! ער האָלט אין זיין קעשענע „דאָס שכורע שיף״ און ווערלען שרייבט:

„קומט, טייערע, גרויסע נשמה, מען וואַרט אויף אייך!״

ווערלען! דער וועג־ווייזער און דער אירוועג! דער דערמוטיקער, דער פאַרווירער, דער פריינט, דער גורל. ווערלען.

רעמבאָס דראַנג משנה צו זיין דאָס לעבן האָט זיין מקור אין זיין אומבאַדינגטקייט אין זיין אומדערבאַרימדי־קייט.. אָבער ווי ווייט דערגיין? און פאַרוואָס?! צוליב וואָס צעברעכן דעם רינג, וואָס טיילט אונז אָפּ פון דער אומענדלעכקייט? כדי, ווי ער האָפט „צו דערגיין צו דער מדרגה, ווו זכרון און זינען ווערן נאָר זיין דערנערונג פון זיין שאַפערישן טריב״ — דערלויכטונגען. ווידער אַנטפּלעקן די אומשולד די ווילדע, די היידנישע. זוכט ער דאָס ביי די גריכן מיט זייער מהות פון „וויזיע און אַקציאָן״, זוכט ער צו דערגיין צו דער חכמה פון אָריענטאַלישער מיסטיק, כדי, „זיך צו פאַרבינדן״.

„...זיי מטהר אונזער האַרץ, זיי מטהר אונזער לעבן...״

לויטן „זוהר״ ווערט די נשמה אַראָפּגעשיקט אויף דער וועלט, כדי זי זאָל נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין לעבן. זי מוז דורכדרינגען און זען זיך, אָפּשפּיגלען אין איר ליכט אַלע מעשים פון לעבן, מיט וועלכע דער גורל ברענגט זי צונויף. נאָר דעמאָלט קען די נשמה דערקענען איר אייגע־נעם שורש. די ריייניגונג פון לעבן ברענגט דעם מענטשן צו אַ האַרמאָנישן קאָנטאַקט מיט דער געטלעכער וועלט. ווער

ס׳קומט אַרויס פון שמעלצטאָפּ פון רייניגונג, איז אַליין געוואָרן אַ באַשעפער — אַ שותּף־יוצר צו גאָט און זיינע יצירות.״

„דער חלוק צווישן גאָט און זיינע באַשאַפונגען איז: זיי האָבן פאָרעם און ער איז אומפאָרעם ... „שלימות, זאָגט דער שפּאַניש־קריסטלעכער מיסטיקער לואיס דע לעאָן — מיינט, אַז יעדער איינער פון אונז מוז ווערן אַ שלימותדיקע וועלט אין זיך אַליין, ווייל אויב אַלץ איז אין מיר, און איך בין אין אַלעמען, אויב איך טראָג אַלץ אין מיר און אַלץ טראָגט מיך אין זיך, דאַן מוז דער מעכאַניזם פון גאַנצן אוניווערז זיין פאַרקייטלט און אַרומגענומען, איינער אין תּוך פון צווייטן ...״

„אויב דאָס וואָס דער דיכטער גיט איבער פון דאָרט, האָט פאָרעם, גיט ער פאָרעם — זאָגט רעמבאָ׳ס בריף צו פּאָל דעמעני, — אויב עס איז אומפאָרם, גיט ער אומפאָרעם. מיר ווייסן ניט צו זיינען קוואַלן פון זוהר געקומען אין זיינע הענט. דאָס אָנווענדן פון כמעט דערזעלבער טערמינאָלאָגיע פאַלט אין די אויגן. „די צווייטע ראָמאַנטיקער, זאָגט ער, זיינען זייער זעעוודיג: טעאָפיל גאָטיע, לעקאָנט דע ליל, טעאָדאָר דע באַנוויל. אָבער אַריינצודרינגען אין אומזע־באַרן, אויסצוהאָרכן דאָס אומהערבאַרע, דאָס מיינט עפּעס אַנדערש, ווי דאָס ווידעראויפנעמען דעם גייסט פון טויטע זאַכן. באָדלער איז דער ערשטער זעענדיקער, אַן אמתער גאָט — —״

„און לאו כל אדם זוכה, וואָס איך האָב געזען...״

דעם ים אָבער, האָט ער נאָך ניט געהאַט געזען, און האָט געפירט אין זיין קעשענע „דאָס שכורע שיף״.

ער צעברעכט אַלטע פאָרמולעס, שטרעבט צו באַ־נייאונג און מייסטערט מיט דערשטוינלעכער קראַפט זיין געוואַלטיק פערזענלעכע שפּראַך. אין דעם דאָזיקן שיר ווו ער גייט אַריבער די ברעגעס ווי אַ פרייער שטראָם, זאָגט ער נביאיש אַרויס זיין קומענדיקן גורל. אַלץ פילן, אַלץ זען,

אַלץ אויסשעפּן, אַלץ אויספאָרשן און אַרויסזאָגן. אַנטקעגן דעם אומגעאַנטן, אַנטקעגן דעם אומזעבאַרן, אַנטקעגן דעם נאָמענלאָזן, וווהין עס ציט אים זיין ווילדער, פּאַסיאָנירטער דראַנג צו וויסן.

און ער „האָט זיך געבאָדן אין דער שירה פון ים, באַלויכטן פון מילך־פּלאַנעטן" ווו עס שווימען פאַרביי „פיש פון גאָלד און פיש וואָס זינגען אין בלויע פלוטן", (דאָס שכור'ע שיף).

דורכגעלאָפן דעם ים פון אידייען און בילדער — און זייט אַ יאָר איז ער פאַרטאָן אין זיין עבודה „וואָס איז אײנ־פאַם, אומפאַסיק, איינגעשפאַרט, מיסטעריעז"... דערצו פײי־ניקן פאַרוואָרפן פון אַ מוטער, וואָס איז, „אַזוי איינגעשפאַרט ווי 73 אַדמיניסטראַציעס אין בליירענע קאַשקעטן", וואָס סטראַשעט אים אפילו אריינצוגעבן אין אַ פאַרבעסערונגס־אַנשטאַלט — אויב ער וועט ניט געפינען קיין אַרבעט. דאָס גיט אונזער מחבר פון „שכורן שיף" דעם לעצטן שטויס —ער פאַקט איין נאָך עטלעכע אַנדערע מיט דעם דערמאָנטן געדיכט, אַלץ אָרנטלעך קאָפּירט און שיקט זיי צו ווערלען, וואָס ענטפערט ענטוזיאַסטיש: „קומט, טייערע, גרויסע נשמה".

ווערט דאָס טאַקע אַן ערנסטער לאָזן זיך אין וועג אַריין. ער קריגט אַ שפּאָגל נייע אויסשטאַפּירונג, געבייט מיט דער מוטערס אייגענע הענט; אויף הוצאות הדרך גיט דעוריע, איינער פונם טריאָ, וואָס פלעגן זיך באַגעגענען אין קאַפע „אַלטע מיל" אין שאַרלעוויל.

דער בוים וואַקסט אין יעדן בלאַט, יעדעס בלאַט מיט דער פולער גאַנצקייט פון בוים. און לעבן און ווערק איז איין גרויסע, מיסטעריעזע גאַנצקייט...

ווערלען, שאַרל קראָס, וואַרטן ביים צוג. זיי פעלן זיך אויס. ווערלען ריכט זיך אויף אַ רייפן מאַן אין אַן ערך די דרייסיקער, און טרעפט שפּעטער אין דער היים אַן אויסגע־וואַקסענעם פויערים־אינגל מיט אומגעלומפּערטע באַווע־

גונגען, מיט רויטע פאַרפרוירענע הענט, און מיט אַ פרישן ראָז־צאַרטן פּנים פון יונגן עפּל־צוויט. דאָס איז עס דער מחבר פון קרעדאָ אין אונאם צו זון און גוף צו דאָס וואָס ס׳זאָגט אַ דיכטער וועגן בלומען, די ראָבן, און פאַר אַלעמען דאָס שכורע שיף...״

ווערלען איז איבעראַשט. די שטימע, דער דאָרפישער אַקצענט, נאָר אויגן, לויט מאלארמיי — „פון אַ זומער־נאַכט״.

מען זעצט זיך צום טיש. רעמבאָ רעדט ניט קיין וואָרט. שלינגט מיט אַן אַנימאַלישן אַפּעטיט און ענטפערט אומ־פריינטלעך און מיט בטול. ווען שאַרל קראָס פּרוווט עפּעס פרעגן וועגן זיין אַרבעט, צינדט ער אָן זיין פייקע, ציט אַ פאָר מאָל און — גייט שלאָפן. אַ שלעכטע איינפירונג! ווערלען פּרוווט לכתחילה פאַרענטפערן, אָבער די קליינ־בירגערלעכע אַטמאָספערע אין הויז פון ווערלענס שווי־גער־עלטערן איריטירט רעמבאָ ביז גאָר, ער ווערט אַלץ גערייצטער, אומדערטרעגלעכער, וואַרפט אויף ווערלע־נען גאַנץ ברוטאַל, וואָס ער לעבט אין דער דאָזיקער סביבה. דער האַרצלאָזער ווערלען האָט נאָר געדאַרפט אַזאַ מין סאַנקציע, כדי אָן שהיות צו צעררייסן וואָס עס האָט אים געבונדן צו הויז און פאַמיליע. און ביידע הייבן זיך אָן שלעפּן פון קאַפע צו קאַפע, פון שענק צו שענק, קומענדיק אַהיים זייער שפּעט און זייער שכור.

רעמבאָ פאַרלאָזט די לואי־פיליפּישע משפּחה, וואַל־גערט זיך ערגיץ־ווו אויף שאָסייען, שלאָפט אונטער בריקן, טיף אין פּראָצעס פון „אויסשעפּן אַלע גיפטן״. פּונקט אַזוי־ווי די פריערדיקע מאָל האָט ער געלעבט אין פּאַריז אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן אַ וואַרעמער מאַלצייט, זוכנדיק פאַר־צווייפלט אַרבעט, וואָס פאַר אַן אַרבעט עס זאָל נישט זיין, — ער האָט אפילו געפעדלט מיט שליסל־רינגען אויפן מאַרק. אין אַ שיינעם טאָג באַגעגנט אים ווערלען, אַ האַלב טויטן פון הונגער, אין צעריסענע קליידער אויפן גאַס. ווער־

לען איז גערירט ביז צו טרערן און באַשטעלט קודם־כל אַ וואַרעמע מאָלצייט: שאַרל קראָס, דער דיכטער־דאָקטאָר און אַנדריי זשיל דאַרפן דערוויילע זיך מיט אים פאַרנע־מען, און ער, ווערלען, איז זיך מישב מיט די בכבודע שטאָט־פאָטערס פון דער ליטעראַטור: עס איז דאָך ניט קיין תכלית צו לאָזן דאָס שעקספּיר־קינד, ווי וויקטאָר הו־גאָ רופט אים אָן, אויסגיין פון הונגער. איינער פון זיי איז טעאָדאָר דע באַנוויל, צו וועלכן רעמבאָ האָט זיך שוין צווייטמאָל געווענדט און וועלכער האָט פריינטלעך געענט־פערט, אָבער ער האָט ניט געפונען קיין פּלאַץ אין „פּאַרנאַס קאָנטאַמפּאָרען" פאַר זיינע לידער. אַצינד אָבער גיט ער אים איבער אַ ליכטיקע שטוב, אַ ריין בעט און חפצים וואָס זיינען נויטיק כדי צו פילן אַז מ׳האָט אַ דאַך איבערן קאָפּ. און — אַ שרעק! די שכנים זיינען ניט וויניק שאָקירט ווען רעמבאָ גייט צו צום פענצטער אַ נאַקעטער ווי די מוטער האָט אים געהאַט, און וואַרפט אַראָפּ אַ בינטל פאַרלייזטע לאַכעס, וואָס זיינען געווען זיינע קליידער. די דאַמען אין באַנוויל׳ס הויז נעמען זיך אַרומוואַשן און אויסקעמען דעם פאַרשמוצטן חוצפּהניק און רעמבאָ דאַנקט זיי מיט דעם ווונדערבאַרן, סאַרקאַסטישן געדיכט „די לייז־זוכערנס". נאָר רעמבאָ האָט געקענט אַזאַ טריוויאַלן סוזשעט אַרויפ־הויבן צו אַזעלכע היכן פון סובלימער מוזיק.

ניט לאַנג האָלט עס רעמבאָ אויס אין געאָרדנטן לעבן פון אַ רואיקער שטוב. ער פאַרלאָזט די באַנווילס און טרייבט זיך אַרום אין אַטעליע׳ס און נעכטיקט ווו מען אפערירט גאַסט־פריינטשאַפט פאַר אַ נאַכט.

ווען דעלאהיי באַגעגנט אים דאָס נעכסטע מאָל, צוויי חדשים נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזן שאַרלעוויל, ליגט ער, פאַרפלאָנטערט אין טראַנס פון האַשיש אין האָל פון האָטעל, עטלעכע מענער פון דער ליטעראַטור אַרום אים. ווען ער כאַפּט זיך אויף איז ער אַנטוישט און פול מיט עקל, ווייל דער „חלום" האָט נאָר געבראַכט אַ סעריע פון „ווייסע און

שוואַרצע לבנות״, וואָס האָבן געיאָגט איינע די אַנדערע אין פאַרשידענע ריכטונגען. דאָס איז געווען נאָוועמבער 1871.

דעלאַהיי באַטראַכט זיין שולפריינט. אויסגעוואַקסן מיט נאָך אַ קאָפּ, נאָר ניט מער קיין פויערים־יונג, און אומברחמנותדיק מאָגער. אַ צעריסענער אַלטער מאַנטל הענגט אין צויטן פון די פּלייצעס, אַ צובויגענע שליאָפּע זיצט פאַרשייט אויפן קאָפּ.

ווידער איז ווערלען דער גוטער מלאך, דער העלפער. ער דינגט אַ שטיבל אויפן בולוואַר מאָן פּאַרנאַס, רי קאַמ־פּעין פּרעמיע. עס איז יאַנואַר 1872 און רעמבאָ בלייבט דאָרטן ביז מערץ, און קערט זיך אום אַהיים קיין שאַרלעוויל. די אינטימע באַציאונגען צווישן רעמבאָ און ווערלען האָבן זיך משמעות אָנגעהויבן אין דעם שטיבל אין מאָנפּאַרנאַס.

ער קומט צוריק קיין פּאַריז און באַזעצט זיך, אין האָטעל קליני נאָענט צו דער סאָרבאָן, ביז יולי ווען ער פאַרלאָזט פּאַריז צוזאַמען מיט ווערלען.

— — — — — — — — — — — — — — —

פילאָזאָפישע אידייען, ליטעראַרישע באַנעמען, אַלץ וואָס זיין מח האָט איינגעזאַפּט אין שטאָט־ביבליאָטעק פון שאַרלעוויל, אין פּריוואַט־ביבליאָטעק פון זיין פריינט איזאַמבאַר — זיי האָבן ניט אויסגעהאַלטן דעם פּרוב. אין פּאַריז איז שוין פאַראַן אַ היפּשע צאָל פון גאַנץ וואַזשנע באַוווּנדערער, ער אָבער איז שוין ווייט, קודם כל אַוועק פון טראַדיציע. „אַזויפיל איבערקייער רופן זיך אָן אוי־טאָרן...״ מיר ווייסן פון די בריף אַז ער נעגירט אויסגע־טראָטענע וועגן. זוכט ער נייע, פרייע פאָרמען. ווער־לען ווערט תיכף זיין אומבאַדינגטער חסיד, שווערט צו רעמבאָ׳ס עסטעטישער דאָקטרין הגם — ער פאַרשטייט זי נישט.

ער אָבער נויטיקט זיך אין זיין דעמאָלטיקער גייסטיקער אינטענזיטעט אין פאַרשידענע אויסדרוקסמעגלעכקייטן,

זייענדיק צו אומגעדולדיק זיך צו האַלטן אָן דעם צו וואָס ער קומט שפּעטער אָן; אָן פּשוטער, ריינער נאַטירונג. דאָס יאָר 1872 גיט אונז רעמבאָ אין אַלע מדרגות. אָנגעהויבן מיטן אויסגעטראָטענעם וועג, צוגעגרייט פון ברילּיאַנטענער שולבילדונג, ביז צו יענער מדרגה וואָס ער האָט אַליין גע־גרייט און דערגרייכט.

ער איז טונקל, אומפאַרשטענדלעך, אַזוילאַנג מ׳ווייסט ניט, אַז דאָס זיינען דורכגעליטענע איבערלעבונגען, פּיק־סירטע רעמינעסצענצן, וואָס זיינען אויף דעם אופן אויפ־געשטאַנען תחית המתים . . .

„מען דאַרף הערן, זען, נאַטירן, פילן, אַוועק מיט פאַר־מאַליסטישע פאָראורטיילן, וואָס מאַכן איינעם צום דיכטער פון נעכטן, און אפשר גאָר אינגאַנצן פאַרשווינדן“ (אין בריף צו דעמעני) דער דיכטער פון נעכטן ווערט פאַרניכטעט פון דיכטער פון היינט, וועלכער דערגייט צו אַ העכערער מדרגה, צו דער מדרגה פון נאַטירן זיינע זכרונות, אימפּרעסיעס, עמאָציעס, האַלוצינאַציעס פון זיין פּסיכיש־פיזיאָלאָגישן לעבן. ער דערגייט צו פערידאָד „דערלייכ־טונגען“.

ער האָט זיי אָנגערופן „לעז אילומינאַסיאָן“. דער נאָמען איז געקומען פון ענגלישן אילומינײשנס, וואָס איז דער טעכנישער אויסדרוק פון פאַרביקע גראַווירונגען, קאָנקרעטער אין באַדייט, נאָר שפּעטער האָט ער זיך דאָך אָנטשלאָסן, צו דער פראַנצויזישער קאָנצעפּציע וואָס דעקט יעדע געשטאַלטעטע איבערלעבונג און יענע מדרגות וווהין רעמבאָ האָט זי געהאַט דערפירט.

דערלויכטונגען

מיכל און קריסטינע

דעריבער שווייגט, אויב די זון שוין אונזער ברעג פֿאַרלאָזט,
אַנטלויף מבול־בליץ, שאָטנס ליגן איבער שליאַכן,
אין פּריץ'ס הויז, אין אַלטע ווערבעס לאָזט
דער שטורעם ערשטע, שווערע טראָפּנס קראַכן.

שאָף און רינדער, פֿון בלאָנדן זעלנערס אידיל
וואַסער־שטורצן, פֿאַרדינטע נעפּלען שווינדט
טאָלן, מדבריות, פּרעריעס, האָריזאָנטן שטילע
אַנטרינט, פֿון רויטער יויך געוואַשן שפּרייזט אַ ווינט.

שוואַרצער הונט, פֿאַסטוך ברוינער מיט געפֿאַלבעוועטן
ברישליק
פֿאַרשווינדט, ווען דער בליץ פֿון אויוון צינדט
בלאָנדע סטאַדע, ווען פּעך און שוועבל דישען
אַן עיר מקלט גיך פֿאַר קינד און קייט געפֿינט.

איך אָבער, אַלמעכטיקער, זאָל מיין גייסט פֿליען
צו הימלען רויט געגלייזטע אונטער עטער־געוועבן,
וו הונדערט זונענוועגן ווייטע ציען,
ווי אַ נעץ פֿון רעלסן, וואָס לויפֿן איבער שטעגן.

אָט זיינען טויזנט וועלף, טויזנט ווילדע זאָמען,
ניט קיין נפֿקא מניה. ליב געזונט אייך ווינטן,
אין בין השמשות פֿון דעם שטורעם אין כונה
דיינע פֿעלדער אַלט אייראָפּא וועלן האָרדן צינדן.

איבער סטעפּעס נאָכדעם ריין לבנה־ליכט
פֿאַרפֿלאַמטע די שטערנס צו די שוואַרצע הימלען
רייטן קריגער פֿאַמעלעך, שריט פֿול געוויכט,
דער שאָטער קלינגט אונטערן טריט פֿון זייערע שימלען.

וועל איך זען געלן וואַלד און ליכטיקן טאָל
מיט בלויען אויג דאָס וייב, מיט רויטן שטערן דער מאַן, אַ גאַליער
דאָס ווייסע פסח־לעמעלע און פיסעלעך שמאָל
פון מיכל און קריסטין, — און קריסטוס — סוף פון אידיל.

*****

וואָלט אונזער צייט נוטה געווען צו קאָנאָניזירונג, וואָלטן מיר געדאַרפט זאַלבן אַ נייעם הייליקן. סאָנקט אַר־טור: נאָר פאַר עטלעכע סטאַנצאָ'ס אין דעם דאָזיקן גע־דיכט. אונזער אופן פון קאָנאָניזירונג האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַנדערע פאָרמען.

ער מוז אַוועק. ער מוז פאַרדינען. ער מוז לעבן אין פאַריז. אַ פריינט זאָגט צו, אפשר צו געפינען אַרבעט. צו פופצן סו אַ טאָג. ער הייסט אָבער וואַרטן. רעמבאָ פאַר־לירט זיין זעלבסטבאַהערשונג און שרייבט: „מער ווי אַ יאָר שוין האָב איך איבערגעלאָזט דאָס געוויינטלעכע לעבן צוליב טעמים, וואָס איר ווייסט. איינגעשלאָסן אין דער אומ־קוואַליפיצירבאַרער אַרדענענזער געגנט, ניט זעענדיק קיין מענטשן, צוריקגעצויגן אין אַן אַרבעט, וואָס איז אינ־פאָם, אומגעלומפּערט, איינגעשפּאַרט, מיסטעריעז, וואָס ענטפערט נאָר מיט שטילקייט אויף פראַגן, און אויף רויע און בייזע אָפּאָסטראָפן”. צום שלוס פון בריף דערמאָנט ער נאָכאַמאָל: „איך בעט אייך, געפינט מיר אַרבעט וואָס אָב־סאָרבירט ווייניק, ווייל דאָס דענקען פאַרנעמט גרויסע שטיקער פון מיין צייט”.

אין זיין מעקאַ וואָס איז דעמאָלט געווען פאַריז, האָט ער ממשיך געווען זיינע נסיונות. פאַר די מענטשן אָבער איז סיי זיין התנהגות, סיי זיין האַביטוס געווען אומפאַרשטענד־לעך. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר ברוטאַל, און ניט איינמאָל האָט די דאָזיקע מיינונג זיך אויסגעוויזן פאַר באַרעכטיקט, — אָבער זי האָט געהאַט איר שורש אין זיין קאָמפּראָמיס־לאָזיקייט. באַגעגנט זיך מיט מענטשן ביי וועלכע שרייבן

איז אַ פּראָפעסיע און ער — ער איז פּאַרטאָן מיט „דערגיין" מיט „זיין פאַרבונדן". ער האָט זיי ניט באַהאַנדלט מיט קיין זיידענע הענטשקעס, און עס איז טאַקע געקומען צו זייער אומגעלומפּערטע סצענעס. פּונקט ווי אין ווערלען׳ס הויז, ווען ער פאַרלאַנגט מען זאָל אַראָפּנעמען אַ בילד פון וואַנט, וואָס האָט ניט געפונען קיין חסד אין זיינע אויגן. אויפן בילד האָט זיך אָנגעזעצט שימל און דאָס האָט ביי אים ארויסגע־רופן אַסאָציאַציעס פון לעפּראָזע. עס איז מסתמא גע־ווען זייער קוריאָז, ווען ער האָט זיך פלאַך אַוועקגעלעגט אויפן טראָטואַר כדי זיך צו וואַרעמען אויף דער זון...
דער ביאָגראַף פון ווערלען, פּראַנסאָא פּאַרשיי דערציילט, אַז וואַנדערנדיק פון בוכהאַנדלונג צו בוכהאַנדלונג האָט ער די ביכער, וועלכע ער האָט געדאַרפט, איינפאַך געלאָזט פאַרשווינדן אין קעשענע. מידות, וואָס האָבן אים ניט גע־מאַכט דאָס לעבן לייכטער.

— — — — — — — — — — — — — — —

דער דראַנג נאָך באַוועגונג יערט אין זיין בלוט. שטיי־גערט זיך ביז צו דעלירים. לאַנגע מאַרשן. טורן דורך וועלדער, איבער בערג, איבער פעלזן.

„אַ מיינע פיס, מיינע מוטיקע פיס"
איר וועט מיך טראָגן...

פינעף אזייגער נאָכמיטאָג.

צום גרינעם קאַבאַרע

זייט אַכט טעג געריסן מיינע שיך, אויפן שאָטער פון שאָסיי,
אין שאַרלעראָא באַשטעלט אויף גיך, אין גאַסט־הויז
צום גרינעם קאַבאַרע,
פּוטער־ברויט און שינקען, האַלב געפרוירן ווי זשעלע.

גליקלעך אויסגעצויגן בײדע פיס מיט הנאה אונטערן גרינעם
טיש,
קוק איך אויף די זאַכן אויפן וואַנט, אַזוי נאַאיוו
אויף דער מיידל מיט ענאָרמע ברוסטן,
מיט אויגן בלויע מיט אַ שטיף.

דער טעלער מיט באַלייגטע ברויטן אויפֿן האַנט,
פֿאַר אַ קוש האָט דאָס ניט מורא, דער שינקען ראָז און ווייס
דער שוים אַן אַ שעור איבען קאַנט פֿון קריגל ביר,
אַ לעצטער שטראַל פֿון זון צוגליט זיך גאָלדן הייס.

***

איז וואָס איז מנצח? דער דראַנג צו לויפֿן, צו אַנטלויפֿן, צו געשטאַלטן, אַרויסצוהילכן, צו ברעכן מיט זלזולים, בלאַספעמיעס. שרייבן חסר־דעה און אַזוי זיך באַפֿרייען פֿון אַן אינערלעכן דרוק. אַרויסצוגעבן דעם מורא׳דיקן דרוק פֿון זיך, אַט די טרויעריקע שכרות, וואָס מאַטערט קערפּער און זעעל.

אין קאַפע זיצן מענטשן, וואָס שרייבן און דיכטן לויט גאַנץ באַשטימטע מעטאָדן לויט פּרעציזן פֿערז־מאָס, אי־בערגענומען בירושה. די וויכטיקסטע פֿאַקטאָרן זיינען עס־טעטיק און מוזיק. און זיי שרייבן ווייל דאָס איז זייער פּראָ־פֿעסיע...

„דער דיכטער איז אַן אמת׳ער גאָט — טראָגט די אחריות פֿאַר דער מענטשהייט אפֿילו פֿאַר חיות..." „מ׳מוז ווערן זעענדיק!" דערגרייכן דאָס אומבאַקאַנטע! דערגיין זיך פֿאַרבינדן..."

וטהר לבנו!

„דאָס ערשטע שטודיום פֿון אַ מענטשן וואָס וויל זיין אַ דיכטער איז, זיך גרינטלעך צו באַקענען מיט זיך אַליין. ער זוכט זיין נשמה, ער פֿאָרשט זי אויס, פּרובט זי אויס און פֿאַרנעמט זי. און ווען ער דערקענט זי, מוז ער זי אויסבויען. דאָס דאַכט זיך איז איינפֿאַך. אין יעדן געהירן איז פֿאַרגע־קומען אַ נאַטירלעכע אַנטוויקלונג. אַזויפֿיל עגאָאיסטן האַלטן זיך פֿאַר אויטאָרן, אַנדערע שרייבן זיך אַליין צו זייער איב־טעלעקטועלן פּראָגרעס..." (בריף צו פּאָל דעמעני).

ער גרייט זיך. גרייט זיך ווי תמיד צו אַ גרויסער נסיעה. דאָסמאָל פֿאַר די מקומות פֿון „אומבאַקאַנטן". ער

איז בודק אַלטע שמות, אָקולטע וויסנשאַפטן, טראַקטאַטן, איבער אַלכעמי, איבער קבלה, פאַרגראָבט זיך אין זיי, זוכט דאָרטן אַ תירוץ פאַר דער אַנדערשטקייט פון זיין וועזן. זיין נשמה הויבט זיך אויף אין אַ ספער ווו די שטראָמען פון זיין מהות אַנטוויקלען זיך און קומען אין קאָנטאַקט מיט ציטערנישן, וועלכע נאָר ער קען הערן, קען פאַרנעמען.

ער האָט אָנגעהויבן זיין וועג מיט אַסקעטיזם, מיט התבודדות. אין יענעם ווינטער בלאָנדזשעט ער אַרום אין יעדן ווינקל פון די ארדענען, נעכטיקט ערגעץ אין אַ וואַלדשטיבל, רויכערט און חלומט, און צווינגט זיין גייסט, זיך צו דערהויבן איבער זיך אַליין. פילט ניט קיין קעלט און ניט קיין פראָסט. גייט אום אומברחמנותדיק מיט זיין גוף. ער ווערט אַ מתבודד, אַ הערמיט. ס'ווילט זיך וווינען אין אַ הייל אויס ליבע צו איינזאַמקייט, אָבער אויך כדי אויסצומיידן זיין מוטער וואָס הויבט אָן טראַכטן צוגרייטן אַ קאַריער פאַר אים.

נאָענט לעבן שאַרלעוויל געפינט זיך אַ גראָטע, ווו ער גרייט זיך צו לעבן ווי אַ ווילדער. גוטע פריינט ברענגען טרוקן ברויט, און דאָס איז גענוג.

„באַשעפענישן וואָס לעבן אונטן — זאָגט דער זוהר — זאָגן אַז גאָט איז אויבן, און מלאכים זאָגן, אַז גאָט איז אויף דער ערד...“

אויב גאָט איז אַלץ און אומעטום, האָט ער געמוזט באַשאַפן דעם מענטשן בצלם אלהים. ווייל צלם אלהים נעמט אַרום די איינקייט, די שלמות, דאָס אַבסאָלוטע. ליבע פאַראייניקט די טיפערע מדרגות און די העכערע. ליבע ציט אַרויף טיפערע שטופן צו דער סובלימער, העכסטער, ווו אַלע ווערן פאַראייניקט. דאָס איז די פאַראייניגונג צווישן איך און דו. דאָס איז דער יסוד עראָס.

„אָבער די ליבע מוז אופסניי באַשאַפן ווערן“, זאָגט רעמבאָ.

„אַז מען וועט צוברעכן די אומענדלעכע שקלאַפעריי

פון דער פרוי, ווען זי וועט לעבן פאַר זיך און דורך זיך, ווען דער מאַן, ביז אַצינד מיאוס — וועט האָבן איר געגעבן איר באַפרייאונגס־בריף — וועט זי זיין דיכטער. זי אויך! זי וועט געפינען דעם וועג צום אומבאַקאַנטן! אירע אי־דייען־וועלטן וועלן זיך אנטערשיידן פון אונזערע. זי וועט אויסגעפינען זעלטזאַמע זאַכן, אומדערפאַרשבאַרע, אָפּ־שטויסנדיקע, ווונדערבאַרע; מיר וועלן זי אָננעמען, מיר וועלן זי פאַרשטיין״.

אַ ווילדער רחמנות האָט געטרייסלט רעמבאָ, ביז צו די אינגעווייד. פון דאַנען נעמט זיך דער אומבאַצוימבאַרער טריב צו מאַכן דאָס לעבן אַנדערש. האָט פראַמעטעאוס געגנב׳ט דאָס פייער און צום מענטשן געבראַכט, וויל ער, רעמבאָ אים ברענגען דאָס וואָרט, די מאַכט פון וואָרט. יאָ, געבן אים די מאַכט פון גאָט און באַווייזן אים, אַז — ער איז גאָט אַליין.

„איך בין אַ דערפינדער, פאַרדינסטפולער פאַר מיינע פאָרגענגער״, זאָגט רעמבאָ, „אַ מוזיקער אפילו וואָס האָט געפונען עפּעס ווי אַ שליסל פון ליבע״...

ס׳מוזן זיין ברייטערע וועגן, וואָס פירן אין לאַנד פון אָקולטן, ברייטערע אויסקוקן און ווייניקער מאַטערנדיקע זיגזאַגן. מיט סטעטשקעס, וואָס דראַפּן זיך צו שטיבלעך פון הערמיטן, תעניתים און קאַסטייונגען, לייזן אויף די בינדונגען צווישן קערפּער און גייסט, און דער גייסט, גע־רייניקט, שטייגט אויף צו העכערע ספערן פון אַ פאַרברייִ־טערטער וויזיע, ניט איינמאָל נביאיש. נאָר אויב להפוך דער גוף איז אונטערגעוואָרפן סענסאַציעס, צו תאוות, וואָס פירן צום אָפּגרונט פון אויפרייצונגען צו פאַרטויבונגען, אויך דעמאָלט איז דער גייסט געפייטשט, עקזאַלטירט, דערווייטערט, גליטשט ער זיך אַרויס פון געוויינטלעכע געזעצן. און אין אָט די אומזיכטבאַרע ספערעס חלומט רעמבאָ אַנצוקומען.

וטהר לבנו! אויסשליסן דעם באַוווסטזיין! שאַפן אין

טראַנס און אין ריינקייט! זיין פאַרבונדן. אויב מיר וועלן צוגיין פון דעם ווינקל צום רעטעניש רעמבאָ, וועלן מיר געפינען דעם שליסל צו זיינע דיאַמאַנטענע פּאַלאַצן. ער טרינקט האַשיש, עטער, אבזינט. וואַרפט זיך אויף זיינע געגנער אין חשק צו שאָקירן; זיי זעען אים אויס עקלהאַפט, ער אַליין קומט זיך אויס עקלהאַפט...

אין די נעכט אָבער אַרבעט ער. אין אַ נייער פאָרעם. אויף יענער דיאַמאַנטענער פּראָזע וואָס ער איז זיכער אַז נאָר ער האָט דעם שליסל צו איר, וואָס קיינער וועט זי ניט פאַרשטיין.

ער האָט געליטן. מוראדיק געליטן און ניט געקוקט אין שפּיגל צו עס פּאַסט אים. ניט געשלאָגן קיין קאַפּיטאַל פון זיינע ראַנגלענישן, נאָר געזוכט אַ תּירוץ, אַן ענטפער. גע־קעמפט דעם שרעקלעכן קאַמף פונם מענטשן.

אין דער קאַטוילישער רעליגיע פון זיין קינדהייט, אין דער קריסטלעכער בכלל, איז דער ענטפער ניט געווען. פאַרקערט, זי האָט אים געפּענט. „יעזוס דער אייביקער גנב פון ענערגיעס". און אפשר איז אויך דאָ נאָר אַ פּרווו פון וועלן זיך באַפרייען פון פּענטעס, פון וועלכע מען איז באַ־שיינפּערלעך ניט פריי... אפשר איז אויך דאָ צו זוכן די סבה פאַר איבערכאַפּן די מאָס, פאַר וועלן שאָקירן אַלעמען, פריינט, פיינט און פאַר אַלעמען זיך אַליין.

וואַנדערט ער, דער אייביקער נע ונד׳ניק, איבערן וועג פון דער אַלטער גריכישער ליטעראַטור און דערלאַנגט צום מזרח, צו אָריענטאַלישער חכמה, צו רעליגיעס, צו זייער מיסטיק... עס ציט אים צום אָריענט, צו דער זון, דאָרט וו ער וואָלט זיך געפילט נענטער צו יעדן אורשפּרונג, צו יעדן שורש פון אין סוף.

אויסשאַלטן דעם באַוווסטזיין, וואָס באַגרעניצט, באַ־שרענקט אונז, און זיין פאַרבונדן מיט דער איינהייט, זיין אַ טייל פון איר, פון וועלכער דער באַוווסטזיין פון איך טיילט אונז אָפּ. אָבער דאָס וואָרט, — לערנט רעמבאָ פון זיינע

מיסטישע קוואַלן, — קומט פון דער אומענדלעכער ליבשאַפט פון גאָט מיט זיין סובלימען ווונש צו קרבנות, און דעריבער באַשאַפט ער פון אחד דעם רבים. איבעריגנס: „יעדעס וואָרט זייענדיק אידיי גרייט צו דעם וועג און די צייט פאַר דער אוניווערסאַלער שפּראַך". און אַזוי האָט דער מייסטער אונז דערפירט צו די דימעטן פון דער קאָסמישער דראַמע ד. ה. — צו די דערלויכטונגען".

„לאַ שאַס ספּיריטועל", „די גייסטיקע יאָגד" וואָס איז לויט ווערלען געווען „פול פון אויסטערלישע פּסיכאָלאָגישע מיסטיציזמען" אָט דאָס מסתּם רייכסטע ווערק, ווייל פול־קומענער אין אויפבוי — אָט דאָס מייסטערווערק איז פאַר־לוירן געגאַנגען און מיר מוזן זיך האַלטן אָן די ספּאָראַדישע רמזים פון „די דערלויכטונגען". מיר ווייסן אפילו ניט צו איז דאָס דער סדר אין וועלכן דער דיכטער האָט זיי גע־אָרדנט, צו זיינען אַ טייל בלעטער ביים צוטראָגענעם ווער־לען ניט פאַרלוירן געגאַנגען.

ערשט אין יאָר 1884 האָט ווערלען געשריבן אַ מאמר אין זשורנאַל „לע פּאָעט מאַדיי" (אין פּלוראַל) „די פאַרשאָל־טענע פּאָעטן" ברענגענדיק אַלס אילוסטראַציע עטלעכע שירים פון רעמבאָ. דער דערפאָלג, וואָס די שירים האָבן אַרויסגערופן האָבן ווערלענען פאַראַנלאַסט צו בעטן ביי רעמבאָ וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אין האַראַר, ביאָגראַ־פישע דאַטן, און אפשר נאָך בלעטער פון די „דערלויכטונ־גען". אין קול ואין עונה.

— — — — — — — — — — — — — — —

„אויב דאָס וואָס ער פאַרנעמט פון דאָרט האָט פאָרעם, גיט דער דיכטער פאָרעם. אויב עס איז אומפאָרעם, גיט ער אומפאָרעם..."

„אַז ר' שמעון בן יוחאי האָט זיך פאַרטיפט אין זיינע רעיונות איז זיין נשמה געווען פול רוח הקודש. ער האָט פאַרגעסן זיינע אייגענע פיזישע ליידן, ער האָט ניט געפילט

די יסורים פון זיין גוף. דעמאָלט איז ער אינגאַנצן געווען אויסגעפּולט מיט געטלעכע האַרמאָניעס, אַזוי ווי איינער וואָס האָט געטרונקען אַלטן וויין. ווען ער האָט פאַרלוירן דאָס ליכט פון אויבן, איז זיין אייגענע פיזישע עקזיסטענץ נעלם געוואָרן. ער האָט געהערט דאָס וואָס האָט ניט קיין קלאַנג, ער האָט געזען דאָס וואָס האָט ניט קיין פאָרעם״ (אריאל בנציון: „דער זוהר״, ענגליש).

אין צייטלאָזער אָטעמלאָזיקייט איז רעמבאָ דורכגעלאָפן וועלט־תקופות, און א סך דורות מיט זייערע נסיונות.

נאָכן מבול

ווי נאָר דער רעיון פון מבול האָט זיך געלייגט, האָט אַ האָז זיך באַהאַלטן אין גראָז, צווישן גלאָקן־בלומען באַ־וועגטע, איז זיין תפילה געשטויגן צום רעגנבויגן דורכן טיול פון שפּינענגעוועב.

די איידל־שטיינער האָבן זיך פאַרבאָרגן, — די בלומען האָבן זיך שוין אומגעקוקט. אויף דער גרויסער, גלאַטיקער גאַס האָט מען אויפגעשטעלט די בודעס, מען האָט גע־שלעפּט די לאָדקעס צום ים, אויפגעשטאָקט ווי אויף אַלטע דרוקן. בלוט האָט זיך געגאָסן ביי בלויבאָרט, אין שלאַכט־הייזער, אין צירקן, ווו גאָט'ס חותם האָט פאַר־טונקלט די פענצטער; בלוט און מילך האָבן זיך געגאָסן. די ביבערס בויען, פון קרעטשמעס שמעקן ריחות פון געטראַנ־קען, אין גרויסן הויז האָבן נאָך נאָס געגלאַנצט די פענצטער, און קינדער אין טרויער־טראַכט האָבן געזען וווּנדערבאַרע בילדער.

אַ טיר האָט געקראַכט: אויפן דאָרף־פלאַץ ווינקט דאָס קינד מיט בײדע אָרעמס, דער וועטער־האָן און די פאָן האָבן זיך פאַרטראַכט אונטער געבויגענעם גלאַנץ. מאַדאַם פלונית בת פלונית האָט אַוועקגעשטעלט אַ פיאַנע אין די אַלפּן, מען וועט פראַווען מעסעס און די ערשטע קאָמוניעס אויף הונ־דערט־טויזנט אַלטאַרן פונם דאָם.

די קאַראַוואַנעס האָבן זיך געלאָזט אין וועג. אין כאַאָס פון אייז און נאַכט האָט מען אויפן פאָל אויסגעבויט אַ „האָטעל ספּלאַנדיד". זייט דעמאָלט האָט די לבנה דערהערט דאָס וואָיען פון די שאַקאַלן איבער טימיאַן־מדבריות און פאַסטוך־לידער שאַרן זיך אין האָלץ־פאַנטאָפל דורך די סאַדעס. די צווייגן קנאָספּן אין וויאָלעטן הויכוואַלד און אייכאַריז האָט מיר אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז ס'איז פרילינג.

שטראָם איבער טייך, שוים, קאַטשע זיך איבער בריקן, און גראָב אונטער די וועלדער. שוואַרצע פאַנען און אָרגלען, דונערן און בליצן, שטייגט, פאַרפלייצט וואַסערן און טרויעריקייטן, שטייגט און אַנטפלעקט די מבולן, ווייל ווען זיי האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאָפן, האָבן אבנים טובות זיך באַגראָבן, און בלומען האָבן זיך געעפנט, אַז ס'איז נמאס! און די קעניגין, די צויבערין וואָס צינדט אָן די פלאַם אין ערדענעם טאָפּ, וועט קיינמאָל ניט וועלן אויסזאָגן דעם סוד. און וואָס זי ווייסט, און ווי אַלץ הייסט, וועלן מיר ניט וויסן.

***

„איך וועל אויסגעפינען די פאַרב פון די וואָקאַלן! אַ שוואַרץ, ע, ווייס, אי, רויט או, גרין, אָ, בלוי. איך וועל רעגולירן פאָרעם און באַוועגונג פון יעדן קאָנסאָנאַנט און מיט אינסטינקטיווע ריטמען רייד איך זיך איין צו אַנטפלעקן אַ פּאָעטישן ווערב, וואָס וועט אין אַ שיינעם טאָג זיין צוגענגלעך צו אַלע זינען... איך רעזערוויר זיך די איבערזעצונגען, איך האָב געשריבן די שטילקייטן, די נעכט, איך האָב נאָטירט דאָס וואָס איז נאָך נישט דערגאַנגען צום וואָרט. איך האָב פיקסירט דאָס שווינדליקע", זאָגט רעמבאָ.

אותיות און ציפערן האָבן לויטן זוהר אַ אידייאישן ווערט. די מיסטיקער, זאָגט דער זוהר, זיינען נביאים, זעער. יענע וואָס פאַרשן אונטער דער אויבערפלאַך, יענע וואָס זעען דורך אינטואיציע.

אָט צו דער מדרגה, זאָגט רעמבאָ, מוז די דיכטונג דערלאַנגען. מען דאַרף זי אָפּרייניקן מיט איין קלאַפּ פון אַלע קליינע, סענטימענטאַלישע, צו אַרכעאָלאָגישע מעשה'לעך. מען דאַרף איר געבן, מיר קענען זאָגן צוריקגעבן אַ נביאישן תוך. ווער פון אונז, זאָגט באָדלער, האָט ניט געחלומט אין יענע טעג פון אַמביציע פון אַ פּאָעטישער פּראָזע, אָן גראַם, אָן ריטעם, גענוג בויגעוודיק אויסגעטעסעט,

כדי זי זאָל זיך צופּאַסן צו לירישע באַוועגונגען פון דער נשמה, לויט די שוועלונגען פון טרוימעריי, לויט די זייטן־שפּרונגען פון באַוווסטזיין? בנוגע צו פאָרעם־קוואַליטעט דערגרייכן „די דערלויכטונגען" „די הויכיקסטע סובסטאַנץ. זיי צוגייען זיך אין דער לופט, זיי ציטערן אין גליענדיקע אויסרופן עקסטאַטישע שמחה" זאָגט פראַנסאָא רישאָן. „אין יענעם טאָג ווען דער מענטש וועט פאַרגעסן זיינע נעכטנס..." (רעמבאָ).

ניט סוזשעטן, נאָר יצירה איז דער עיקר. אפילו דאָס מוזיקאַלישע איז סעקונדער, אזוי ווי עפעקטן פון מאָסן און פאַרבן, קראַפט פון ריטעם. און ער הערט דאָס אומהערבאַרע. דערגייט צום אומזעבאַרן און פאַרלירט זיך אין אימאַזשי־נערע בילדער, אָפט אָן צוזאַמענהאַנג, ביז מיר שטייען פאַר אַן אויסטערליש פּיטאָרעסקן כאַאָס.

איין זאַך טאָרן מיר ניט פאַרגעסן. ניט דער מחבר אַליין האָט זיך פאַרנומען מיט דער פאַרעפנטלעכונג פון זיינע ווערק. וואָלט דאָס געווען דער פאַל, וואָלטן אפשר אַ טייל אומקלאָרקייטן פאַרשווונדן. די פאָרעם אָבער וואָלט בעצם געבליבן די זעלבע.

„ווייל אויב וואָס ער פאַרנעמט פון דאָרט, האָט פאָ־רעם, גיט דער דיכטער פאָרעם, אויב עס אומפאָרעם, גיט ער אומפאָרעם..."

סצענעס

דאָס אַלטע טעאַטער שטימט אָפּ זיינע אַקאָרדן, טיילט איין זיינע אידיליעס. בולוואַרן מיט סטאַפּאַזשן. איין לאַנגער באַלקן ציט זיך פון איין עק צום צווייטן איבער אַ שטייניקן פעלד, ווו באַרבאַרישע מאַסן וואַנדערן אונטער אַנטבלעטערטע בוימער.

אין קאָרידאָר פון שוואַרצן פלאָר, נאָך די וואַנדערנדיקע מיט לאַמטערנס און מיט בלאַטוואַרק פאָלגן פויגל קאָמעדיאַנטן, באַזעצן זיך אויף אַ געמויערטער קלאַדקע, וואָס הוידעט זיך איבערן אינזל־ים, עס פאַרפּלייצט זיך מיט זיך איינשיפענדיקע צושויער.

לירישע סצענעס באַלייט פון פויקן און פלייטן בייגן זיך איבער די ווינקלען וואָס געפינען זיך אויף סופיטן פון מאָדערנע קלוב־סאַלאָנען, אָדער אין זאַלן פון אַלטן אָריענט.

דאָס פּעען־שפּיל קומט פאָר אויף דער העכסטער טרעפּ פון אַמפיטעאַטער, פון קוסטן געקרוינטע, ווו מען שפּילט און מאָדולירט פאַר די בעאָציער אין די שאָטנס פון וואַנדלענדיקע הויכוועלדער, איבער שטילשטאַנד פון קולטורן.

די קאָמישע אָפּער צוטיילט זיך אויף אונזער סצענע דורך שייד ווענט פון צען אָפּטיילונגען, פון דער גאַלעריע ביז צו די פייערן.

***

„מיסיי איז פאַר אונז פערצן מאָל צום ברעכן, זאָגט רעמבאָ. ווייל אַזוי גלאַטיק און זיס. אַ די נעכט! אַ מיסיי! שאַרמאַנט זיין ליבשאַפט, ניין? סאַלידע מאַלעריי אויף עמייל. — ניין, מיסיי וועט גאָר ניט דערגרייכן. וויזיעס וואַלגערן זיך אויפן גאַס. מען דאַרף נאָר אויסשטרעקן אַ האַנט. נאָר ער פאַרמאַכט די אויגן...“

מיר געפֿינען זיך אין זאַפּטיקסטן דזשאַנגל. געדיכטע גרינען און בלאַטגעוועקסן, גאָלדענע שלאַנגען, קעניגלעכע חיות, אינזעקטן און פֿויגל — צו זיינען דאָס די האַלוציאַנאַציעס ווייל ער איז „פֿאַרבונדן", ווייל ער האָט אויסגעשאָלטעט דעם באַוווסטזיין? צו האָט ער אָנגעקניפּט אַן אַ קאָנקרעטן בילד? — דרוק און איינדרוק זיינען אַצינד שווער פֿאַנאַנדערצוקלייבן. ווייל דאָס זיינען די נעכט, אין וועלכע ער אַרבעט...

„פֿון מיטערנאַכט, ביז צומאָרגנס פֿינעף אַ זייגער. דעם פֿאַרגאַנגענעם חודש, מיין צימער האָט געקוקט, אויף די מאָנסיע לע פּרענס, גלייך אין גאָרטן פֿון ליצײ סט. לואי! די געוואָלטיקע בוימער קוקן אין מיין ענגן פֿענצטער. אַנטקעגן דריי אַ זייגער פֿאַרטאָג איז דאָס ליכט בלאַס. אַלע פֿויגל שרייען מיטאַמאָל. אַ סוף. ניטאָ מער קיין אַרבעט. איך מוז זיך איינקוקן אין הימל, אין די בוימער, פֿאַרכאַפּט פֿון דער אומבאַשרייבלעכער שעה. די ערשטע פֿונם מאָרגן. איך זע די שלאָף־האַלן פֿון ליצעאום... אַבסאָלוט טויב. און אָט איז דער רעש, שטויס־ווייז, סאָנאָר און באַצויבערנדיק. די האַנטוועגעלעך אויפֿן בולוואַר. — איך פֿאַרויכער מיין מאַטראַזן־פּייקע, שטיי אויף די דאַכציגל, מיין צימער איז אַ מאַנזאַרדע. פֿינעף אַ זייגער גיי איך אַראָפּ איינקויפֿן. עטוואָס ברויט. דאָס איז די שעה, ווען די אַרבעטער זיינען אויפֿן מאַרש אומעטום. דאָס איז פֿאַר מיר די שעה זיך אָנצושכורן ביים ווײַן־סוחר. איך גיי אַהיים און לייג זיך שלאָפֿן אַנטקעגן 7 אַזייגער, ווען די זון הויבט אָן אַלץ לעבעדיקער אַרויסקריכן פֿון אונטער די ציגל. דער ערשטער מאָרגן אין זומער און אָוונטן אין דעצעמבער, דאָס האָט מיך תמיד אַנטציקט. אָבער אַצינד האָב איך אַ צימער, וואָס קוקט אַרויס אויף אַ הויף אָן אַ גרונט, און דריי קוואַדראַטמעטער די גרויס. דאָ טרינק איך וואַסער די גאַנצע נאַכט. איך זע ניט קיין מאָרגן. איך שלאָף, איך ווער דערשטיקט. אָט אַזוי!

„איך וואָלט געדאַרפט פּרווון בלייבן וואַך די גאַנצע נאַכט, ווייל אין די שטילע שטונדן קומט מיר דאָס וואָרט, הגם ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן לערנען האָט דאָס קול פון מיין ליבסטן געקלונגען אויף מיינע ליפּן" (ר' יוסף קאַרו).

„אין גן עדן, זאָגט ר' שמעון בן יוחאי, איז פאַראַן אַ הימל, וואָס איז באַקאַנט אַלס דער הימל פון די חולים, ווו משיח קומט אַריין און בעט אַלע קראַנקהייטן, ווייטאָגן, ליידן, יסורים, זיך באַהעפטן צו אים. טוען זיי דאָס. און משיח טראָגט איבער אַלע עונש'ן, וועלכע דאָס פאָלק ישראל איז ווערט."

באַרבאַריש

לאַנג נאָך די טעג און די זמנים, באַשעפענישן און לענדער.

די יריעה פון בלוטנדיקן פלייש איבער דער זייד פון די ימים און אַרקטישע בלומען: (זיי זיינען ניט פאַראַנען).
זכרונות און אַלטע פאַנפאַרן פון הערואיזם —
זיי אַטאַקירן אַלץ נאָך האַרץ און געהירן.

ווייט פון אַלטע רוצחים. אָ! די יריעה פון בלוטנדיקן פלייש, איבער דער זייד פון ימים און אַרקטישע בלומען.
(זיי זיינען ניטפאַראַנען).

אָ! מתיקות!

די פאַזשאַרן, וואָס רעגענען אין פראַסטיקע וויכערס — מתיקות!

די דאָזיקע פייערן אין רעגן וואַרפן דימעטן דורכן ער־דישן האַרץ, אייביק פאַרקוילט פאַר אונז. אָ, וועלט!

(ווייט פון אַלטע קריגס־שאַלן, און פון אַלטע פלאַמען.
מען הערט זיי, מען פילט זיי נאָך)

די גליען און די שוימען. די מוזיק. דאָס מאַלן פון פון מילשטראָם. דער צוזאַמענשטויס פון אייזבערג און שטערן.

אָ, מתיקות! אָ וועלט!

אָ מוזיק!

און דאָרט פאַרמען, שווייסן, לאָקן, און אויגן, פליסנ־דיק. און די טרערן ווייסע, קאָכנדיק. אָ! מתיקות! און דאָס פרויענקול דערלאַנגט צום גרונט פון וולקאַנען און פון אַרקטישע גראָטן...

די יריעה...

***

„ליבע, זאָגט ר' שמעון בן יוחאי, איז נאָר אָ מדרגה

העכער פון יראה, אָבער אין ליבע ליגט די מיסטעריע פון איינקייט.. ליבע דערהויבט אַלצדינג צו יענער סובלימער מדרגה אויף וועלכער אַליין אַלצדינג קען פאַראייניקט ווערן. אין די הויכע, גייסטיקע מדרגות געפינען זיך ספערן, וואָס זיינען אָנגערופן די היים ווו די ליבע וווינט...

...די תורה איז ניט צו געפינען אין די הימלען אויבן, צי אין די טיפענישן פון ים, נאָר זייער נאָענט צום מענטשן: אויף זיינע ליפן און אין זיין האַרץ...

„די ריינקייט פון לעבן ברענגט דעם מענטשן צו אַ האַרמאָנישער באַרירונג מיט דער געטלעכער וועלט. ווער ס׳קומט אַרויס ריין פון שמעלצטאָפּ, איז אַליין געוואָרן אַ באַשאַפער, אַ שותף־געשטאַלטער צו גאָט און זיינע באַשאַפונגען...“ (זוהר).

דאָסמאָל איז פּאַן ניט אַ יונגער בחור וואָס שפּילט אויף אַ פליט — נאָר ער איז פּאַן־גאָט: אַל־גאָט, וואָס וויל אויסלייזן דעם מענטשן דורך ליבע.

דאָס זשעני

ער איז די ליבשאַפט און איז דער הוה, ווייל ער האָט אויפגעמאַכט די טויערן פאַרן שוימיקן ווינטער, און פאַרן רוישן פון זומער.

ער, וואָס האָט געריייניקט שפּייז און טראַנק,

ער, וואָס איז דער כישוף פון פליענדיקע מקומות, די איבערמענטשלעכע חדוה פון דויער, ער איז די ליבשאַפט און איז די צוקונפט, ער איז די מאַכט און איז די ליבע, וואָס מיר, שטייענדיק אין דער מיט פון צער און פון צאָרן, מיר זעען דערשיטערונגען ציען איבערן הימל, און פאַנען פון הימלישן עקסטאַז. ער איז די ליבע, דער אינ־טעלעקט, פולקאָמענע מאָס, חכמה ווונדערבאַרע, אומגע־אַנטע, און ער איז די אייביקייט, די געליבטע מאַשין פון פאַטאַלע קוואַליטעטן. מיר האָבן זיי איבערגעלעבט, די יראה און דעם חסד און אונזער מקבל זיין באהבה. אַ שפּיל פון אונזער געזונט, שווונג פון אונזערע פעאיקייטן. עגאָ־איסטישע איבערגעבנקייט און ליידנשאַפט פאַר אים וואָס ליבט אונז דורך זיין אומענדלעכן לעבן.

מיר דערמאָנען זיך אָן אים און ער וואַנדערט... און ווען אונזער יראת־הכבוד ווערט געמינערט קלינגט זיין הבטחה, קלינגט: „אַוועק מיט געצן־דינסט, אַבערגלויבן, פאַלשע כלי קודש, מיט די מנהגים, דאָס איז די עפּאָכע, וואָס האָט פאַרפינצטערט“.

ער וועט ניט אַוועקגיין, ער וועט ניט יורד זיין פון הימל, ער וועט ניט דערפילן די דערלייזונג פונם כעס פון די פרויען, און פון פאַרשייטקייט פון די מענער און פון יעדער זינד. דאָס איז מקוים געוואָרן מיט דעם, וואָס ער איז דאָ, און ליבט.

אַ זיינע אָטעמס, זיינע קעפּ, זיינע הליכות, די שרעק־

לעכע געשווינדקייט פון דער שלימות פון פאָרמען און פון אַקציאָן.

אָ, פרוכטבאַרקייט פון גייסט און אומדערמעסטלעכקייט פון אוניווערז.

זיין גוף! זיין געחלומטע אויפלייזונג! דער צעבראָ־כענער חסד, געקרייצט פון נייער געוואַלט.

זיין מראה! זיין מראה! אַלע אַלטע כורעים׳ס און געשענקטע שטראָף פאַר זיינע תלמידים. זיין טאָג! דאָס אָפּ־ווענדן זיך, פון ווילגעפעליקייט, פון רירנדיקע ליידן, אין דער גרויסער אינטענסיווער מוזיק.

זיין שריט! געוואַלטיקע וואַנדערונגען ווי די אַלטע אינוואַזיעס.

אָ, ער און מיר, שטאָלץ, רייכער אין חסד ווי דאָס רחמים וואָס מיר האָבן פאַרלוירן.

אָ וועלט! אָ ליבלעכער געזאַנג פון זיינע אומגליקן!

ער האָט אונז געקענט און אונז אַלעמען געליבט: לאָ־מיר וויסן אין אָט דער ווינטערנאַכט, פון קאָפּ צו קאָפּ, פונם הילכעדיקן פאָל ביז צום פּאַלאַץ, פון מאַרק ביז צום ברעג, פון אויג צו אויג געוואַלט און געפילן, מיר וועלן אים אַרויסרופן, אים זען און ווידער אַוועקלאָזן אונטער די פלוטן, איבער די שפּיצן פון שניי־מדבריות, לאָמיר פאָלגן זיין דערשיינונג, זיין גייסט, זיין גוף, זיין טאָג.

***

די מיסטיקער פון יעדער שיטה באַגעגענען זיך אין דעמזעלביקן חדר. די אייגענע וועגן, די גלייכע נסיונות. דער וועג איז אָ לאַנגער און פול פון שטערונגען. דער ניילינג מוז קאָנצענטרירן זיין וויזיע.. די נשמה מוז זיין פריי פון פאַרשקלאָפונג דורך די זינען. זי מוז זיין בכח זיך אויסצוהיטן פון וועלכע עס איז איינווירקונגען דורך זיי. דער זכרון מוז אויסגעליידיקט ווערן. דעמאָלט דער־גייט מען דורך דער איינפאַכער פּשטות פון ריינער־

חכמה אויפֿן וועג צו גאָט. מיט געדולד און אָנשטרענגונג און בהסכם מיט דער מאָס פֿון חסד, וועלכע דער זוכער איז בכח צו דערגרייכן, קען זיין נשמה דערלאַנגען צו העכערע מדרגות, אפֿילו צו די העכסטע.

ריטם, אַקציאָן, קאָלאָרירטע פֿאָרעם, מייסטערהאַפֿט פֿאַראייניקט מיט באַוועגונג, זינגען זינלעך אויס די פֿרייד פֿון ליכט.

און דאָך פֿילן מיר, אַז ווייט, ווייט פֿון געפֿינען די דאָזיקע פֿרייד, געהאָרכט דער מחבר אַ בלינדן דעמאָן, וואָס דריקט, מאַטערט, וואָס צווינגט, כמעט קיל, זאַכלעך אויפֿצו־צייכנען, וואָס עס גייט אָן אינווייניק. דאָס געוויכט פֿון די וויזיעס פֿאַרלירט די סובסטאַנץ, דורך באַוועגונג און דער־גייט צו דערלויכטונג, צום ליכט.

„די פֿאָעזיע, זאָגט רעמבאָ, וועט ניט גראַמען די אַק־ציאָן, זי וועט איר פֿאָרויסגיין״. די לופֿט ווערט דין, די אַט־מאָספֿער, געהויבן, ריין. בעל כורחו באַוועגט זיך דער מייסטער אין איר, אָבער זיין וויזיע אַנטוויקלט זיך לויט אַ סדר, ווערט פּרעציז, ווערט ריינע נאַטירונג.

מיסטיש

די מלאכים וויען זייערע וואָל־מלבושים אויפן אָפּ־האַנג פונם בערגל, איבער גראָזוואַרק פון שטאָל און עמער־אלד. לאַנעס פון פלאַמען שטייגן ביז צו די שפּיצן פון גע־בריסט. פון לינקס איז די בלומען־ערד צוטרעטן פון אַלע מאָרדן, פון די שלאַכטן, פון אַלע קולות פון קאַטאַסטראָ־פעס וואָס כוואַליען איבער זייער בויג.

אונטער דעם אָפּהאַלט פון רעכטס, די ליניע פון מזרח׳ס, פון פּראַגרעס. און בעת ס׳פּאַרעמט זיך דער רוקן אונטערן געבילד פון וואליענדיקן רעש, פון שפּרינגענדיקע ים־מושליעס און מענטשלעכע נעכט, נידערט די בלומען־מתיקות פון שטערן און פון הימל און פון אַלץ ווי אַ געמעל פאַר אונזערע אויגן, און מאַכט דעם אָפּגרונט און מאַכט די טיפעניש בלוי.

רעדער־שפורן

פון רעכטס וועקט דער זומער־זונען־אויפגאַנג דאָס זשומען פון בלעטער און פּארעס, דאָס רוישן וואַקסט פון ווינקל פון פּאַרק, און די בערגלעך פון לינקס האַלטן צוריק זייער וויאָלעטן שאָטן, אויף וועלכן ס׳לויפן טויזנט רעדער־שפורן איבערן פייכטן שליאַך, אַן אויפמאַרש פון צוויבער־געצייג. באמת, קאַרעטעס באַלאָדן מיט פערד פון פּאַרגאָל־דעטן האָלץ מיט מאַסטן פון באַמאָלטער זאַק־לייוונט. צוואַנציק געטשעקטע פערד פון צירק אין גרויסן גאַלאָפּ, און קינדער און מענער אויף משוגענע חיות, צוואַנציק הוי־קערדיקע וועהיקל, אויסגעפּוצטע און געבלימטע ווי קאַ־רעטעס אַלטפרענקישע פון פּאַרצייטיקע מעשה׳לעך, פול מיט קינדערלעך אויסשטאפּירט פאַר אַ דאָרפישן פּאַס־טאָראַל.

פּאַראַן אַפילו אַ טויטן־ארון, אונטער שוואַרצע נאַכט־חופּות פון עבן־האָלץ, געצויגן אין לאַנגזאַמען טראָט פון גרויסע שקאַפּעס, בלויע און שוואַרצע.

***

אָט איז אַ קינדער־איבערלעבונג. הפּנים האָט אים דער דאָזיקער צויבער אַזוי מעכטיק געצויגן, אַז איינמאָל איז ער מיט אַזאַ צויבער־געזעלשאַפט טאַקע אַנטלאָפן.

צוריק צו עסענצן, שטאָפן, מעטאַלן. צוריק צום עיקר. צוריק צו די אַנהויבן, צו די קאַכקעסלעך, ווו עס קאָכט זיך דער בריי פון לעבן. דער דיכטער איז דער גנב פון פייער. ברענגט ער, ניט אָפּשטעלענדיק זיך ביי קיין שום סטאַנציע פון „קליינלעך אַנעקדאָטאַלן״, ברענגט רעמבאָ דעם מענטשן די ברענענדיקע פּשטות פון עלעמענט.

בלומען

אויף אַ גאָלדענעם געשטעל צווישן זיידענע גאַרטלען, גרינע סאַמעטן, גרויעם טיול און קרישטאָלענע טאַצן, וואָס טונקלען ווי בראָנז אין דער זון, — איך זע ווי עס וואַקסט דאָס פינגערהוט־געוועקס, אויף אַ טעפּיך פון זילבער־פילי־גראַן און אויגן און פליסנדיקע האָר. שטיקער געלע גאָלד אויף אכאט געפּלאַנצט, מאַהאַגאָני־זיילן. זיי טראָגן אַ דאָם פון עמעראַלדן. בוקעטן פון ווייסן אַטלאַס. צאַרטע רובינען, רויטע נעמען אַרום וואַסער־רויז.

ווי אַ גאָט מיט געוואַלטיקע בלויע אויגן, מיט גלידער פון שניי שלעפּן ים און הימל מאַסן פון שטאַרקע רויזן צו די מאַרמאָרענע טעראַסן.

**
*

איז דער וועג צו איין סוף תמיד באַרג־אַרוף? תמיד באַרג־אַראָפּ? צו די טיפענישן? צו די אָנהויבן?

דער תירוץ איז, ער איז גלייכצייטיק אומעטום. אויף אַלע ריכטונגען אויפן וועג צו דער אומגעהייערער קרייצונג פון ליבע און באַשאַף. גאָט קען אים גיין. זיינע באַשאַפונגען גייען אים אומעטום, אויף אַלע וועגן. אייביק.

אַנטיקע

חנ׳עודיקער זון פון פּאַן! באַקראַנצט מיט בלומען און מיט יאַגדעס. אַרום זיין שטערן באַוועגן זיך אויסטערלישע גלאָבן, דיינע אויגן. געפלעקט מיט גרינעם אויסזאַץ הוילן זיך דיינע באַקן. דיינע באַקציינער גלאַנצן. דיין ברוסט איז געגליכן צו אַ קיטאַרע. איר קלינגען צירקולירט אין דיינע בלאַנדע אָרעמס. דיין האַרץ קלאַפּט אין דיין לייב ווי סע שלאָפט דאָס דאָפּל־געשלעכט. וואַנדל ביינאַכט. באַוועג בלחש דיינע גלידער, איינס, דאָס אַנדערע דאָס דריטע פון לינקס.

***

האָרטענזע וואָס איז דער צווייטער טייל פון אַנטיקע באַשטעטיקט אונזער השערה, אַז רעמבאָ איז געווען ווייט פון פרויען־שנאה, אַז וואָלטן זיינע ערשטע איבערלעבונגען מיט פרויען זיך געווען בעסער איינגעגעבן, וואָלט זיין איינשטעלונג און אפשר זיין וועג, געווען אַ גאַנץ אַנדערער. נאָר זיין אויסטערלישע פּובערטעטס־שעמעוודיקייט האָט גורם געווען צו די פאַטאַלע פאַרוויקלונגען און פאָלגן. נייך, דער גאָט און פאַרגעטערער רעמבאָ וואָס גייט אויף און גייט אויס אין יצירה באַזעצט די פרוי אויפן כלה־שטול אויף דער גרויסער חתונה פון מעשי בראשית.

עס איז די פרוי פון די קינדער־יאָרן, איך וואָלט זאָגן פון די קינדער־שיכלעך, עס איז די פרוי וואָס טרעט אויף אין פאַרשידענע עפּאָכן: העלענא, דזשוליעט, האָרטענזע.

האַרטענזע

אַלע מאַנסטראַזיטעטן פאַרגוואַלטיקן די גרויזאַמע תנועות פון האַרטענזע. איר איינזאַמקייט איז עראָטישע מעכאַניק פון איר מידקייט, די עראָטישע דינאַמיק פון ליבע. אונטער דער השגחה פון אַ קינדהייט איז זי דורך פילע עפּאָכן געווען די גליענדיקע היגיענע פון די ראַסן. איר טיר שטייט אָפן פאַר דער דחקות. דאָ צעברעקלט זיך די מאָראַל פון היינטיקע באַשעפענישן אין איר תאווה אָדער איר טעטי־קייט. אַ שרעקלעכער שוידער פון ערשטלינגס־ליבעס, אויף בלוטיקן באָדן ביים שיין פון גאַז־ליכט — געפינט האַר־טענזע.

⁂

„אַלץ האָט זיין קיום אין גאָט. דורכן דערקענען זיך אַליין, זאָגט קורדובירו, קומט דער מענטש צו פאַרשטיין דאָס גאַנצע זיין". אויף אַן אַנדער אָרט: „די דריי ערשטע ספירות כתר, חכמה בינה מוזן אויפגעפאַסט ווערן אַלס איין און דערזעלביקער ענין: די ערשטע באַדייט וויסן אָדער וויסנשאַפט; די צווייטע: דאָס, וואָס ווייסט; די דריטע: דאָס וואָס ווערט געוווּסט. כדי צו פאַרשטיין אַז דאָס איז אידענ־טיש, מוזן מיר ערשטנס תופס זיין, אַז די וויסנשאַפט פון באַשאַפער, איז ניט די פון באַשעפעניש. אינם באַשעפעניש איז די וויסנשאַפט אָפּגעשייט פון באַהאַנדלטן ענין און האָט גיכער אַ שייכות צו אָביעקטן, וואָס זיינען אויך אָפּגעשייט פון באַהאַנדלטן ענין. מיר באַצייכענען דאָס מיט דריי באַ־גריפן:

געדאַנק, דאָס וואָס דענקט, דאָס וואָס ווערט געדאַכט. אָבער דער באַשעפער איז אין דערזעלביקער צייט: דאָס וויסן: דאָס וואָס ווייסט און דאָס וואָס ווערט געוווּסט..."

רעמבאָ: עס איז פאַלש צו זאָגן: „איך טראַכט. מען וואָלט דאַרפֿן זאָגן: מ׳טראַכט מיך". „איך איז אַן אַנדע־רער..."

און ער נעמט אויף זיך, דער בלאספעמיקער, דער גאָט־זוכער, דער גאָט־פאַרלייקענער, אָפּצוריכטן גלות, דורכצוגיין שבעה מדורי גיהנם, ביז ער געפינט זיך אויפן וועג „צו אַ פאַרנונפט" „ווו דאָס וואָרט זייענדיק פול צאָל און געהאַלט", פול פאַרב און פול פון קלאַנג דערגרייכט די מדרגה פון דער אַלכעמי פון וואָרט.

צו אַ פאַרנונפט

איין קלאַפּ פון דיין פינגער אויף אַ טאַמבור לייזט אויס אַלע קלאַנגען וואָס הויבן אָן די נייע האַרמאָניע.

איין שריט פון דיר איז דער אויפשטאַנד פון נייע מענטשן און זייער שריט פאַרויס.

דיין קאָפּ ווענדט זיך אָפּ; די נייע ליבע!

דיין קאָפּ ווענדט זיך צו: די נייע ליבע.

„זיי משנה אונזער גורל און זיפּ איבער אונזערע מגפות און הויב אָן מיט דער צייט", זינגען צו דיר די קינדער. בוי אויס ווו ניט איז דעם באַשטאַנד פון אונזערע מזלות, פון אונזערע השגות, בעטן זיי ביי דיר.

אָנגעקומען פון תמיד וועסטו אַוועקגיין אומעטום.

⁂

„די מאָראַל און די שפּראַך זיינען רעדוצירט ביז צו זייער פּשוטסטן אויסדרוק. ענדליך"! (רעמבאָ).

אַ שווארעם פון היישרעקן לאָזט זיך אַראָפּ, פאַרשטעלט דעם האָריזאָנט, פאַרדעקט דאָס ליכט. ספקות, ספקות. אַ לאַנגער וועג, אַן אומזיכערער ציל און דאָס ליכט פאַר־שטעלט. שיינט עס אַדורך צומאָל, לייכט און גאָלדן און טריגעריש, האָט אַ ראַפינירטע, בייזוויליקע נטיה צו אַנט־לויפן. פרעגט ער, רעמבאָ די אַלטע קשיא...

אַנגסט

און אפשר וועט זי מיך ברענגען דערצו מוותר צו זיין אויף די שטענדיק צעשלאָגענע אַמביציעס — אַז אַ פריינט־לעכער סוף וועט גוט מאַכן אַן אייביקייט פון דחקות, אַז איין טאָג פון נצחון וועט אונז איינשלעפערן אין דער בושה פון אונזער פאַטאַלער אימפּאָטענץ? אַ פּאַלמעס! ליבע! די־מעט! קראַפט! העכער פאַר אַלע פריידן און אַלע גלאָריעס. פון יעדן מין, אומעטום — דעמאָן, גאָט, יוגנט פון דעם דאָזיקן וועזן: איך!

זאָלן די דערשיינונגען פון וויסנשאַפטלעכן צויבער, און באַוועגונגען פון סאָציאַלער פאַרברידערונג הויך גע־האַלטן ווערן אַלס דאָס פּראָגרעסיווע אומקערן זיך צו דער פרייהייט פון אָנהויב?

דער וואַמפּיר אָבער וואָס מאַכט אונז ציכטיק, באַפעלט, מיר זאָלן זיך ווילן מיט דעם וואָס ער לאָזט אונז צו. אָדער אַנדערש געזאָגט, מאַכט פון אונז חוכא וטלולא.

**
*

טיפער, אָפּגרונט־טיפער קרעכץ פאַר דער גאולה, לעצטער אויפגעשריי פאַר דער געבורט. פאַר באַגעגענען זיך מיט זיך אַליין, פאַר דערגיין צו דער וועלט... דער וועג באַרג־אַרויף איז מיט פעלזן פאַרזייט — מיט פעלזן, מיט סכנות. רעמבאָ גייט, שטייגט, דראַפּעט זיך, שריט נאָך שריט, איינגעשפּאַרט, פאַרביסן, עקסטאַטיש, געהויבן. צומאָל אָבער קומען ספקות, קומט דערניכטערונג. וועט ער דערגיין? וועט ער דערגרייכן די ליניע פון אומבאַקאַנטן? וועט ער אָנקומען צו יענע עולמות, ווו זי הערט אויף, די גרעניץ פון גוטן און פון בייזן? די זונטאָגן פון זיין קינד־הייט, פון זיין קאַטוילישער קינדהייט געשפּענצטערן אין מח, די ביגאָטישע פאַרשטעלונגען פון גהינם און גן עדן צייטיקן זיינע פאַרלאַנגען צו באַפרייען די מענטשהייט פון אָט דעם יסוד פון יעדן צער, פון אָט דער סיבה פון ליידן און מיזערע...

דראַפּעט ער זיך איבער שווינדליקע אָפּגרונטן, אי־בער מוראדיקע טיפענישן. צומאָל אָבער פליט ער. ער איז פאַרבונדן. ער פילט זיך פאַראייניקט מיט דער וועלט, ער איז אַ טייל פון איר. ער קען געוועלטיקן איבער איר.

ער האָט גובר געווען אַלע באַגריפן פון קאָרומפּירטן, געשטאָפּלטן וועג פון באַוווסטזיין און איז דערגאַנגען צו דער העכסטער טרעפּ. שיר המעלות פון אורשפּרונג! מורא־דיקער מאָמענט! די נשמה איז אין סכנה אויסגעלאָשן צו ווערן, אָדער זי איז גענוג שטאַרק צו קוקן דער וועלט אין אירע פייערדיקע אויגן פון באַשאַף, אין איר פולקייט אין נאַנטקייט אין דערגיין...

אין אַזאַ טראַנסצענדענטאַלן עקסטאַז שרייבט ער „א מאָרגן פון שכרות".

אַזוי שטאַרק פילט ער זיך פאַרבונדן מיטן אוניווערז, אַז צומאָל איז דאָס איך און צומאָל איז דאָס מיר. דערגאַנגען צו דער מדרגה ווו דער מענטש איז אימון. ער פילט ניט קיין ווייטאָק, ער פילט ניט קיין צער. גענליכן צו יענער סעקטע „האשישין״ וואָס זיינען אונטערן איינפלוס פון האשיש, אומעמפפינדלעך צו וועלכע ווייטאָקן עס זאָל ניט זיין. דאָס מיינט דער פינאַל פון דעם געזאַנג. יעדע אָנ־דערע טייטש ווייזט אונדז אויס פאַלש.

איבערדויערן אַלץ, אויסהאַלטן אַלץ, מייסטערן אַלץ. אָט דאָס איז די מענטש־געטלעכקייט, אין וועלכער די מענטשהייט נויטיקט זיך אַזוי ביטער. צו דער מדרגה איז רעמבאָ דערגאַנגען, דורך פייניקונג און האשיש, דורך אויסשווייפונג און הונגער, דורך פאַסטן און קעלטן, און מאַטערנישן.

אַ מאָרגן פון שכרות

אָ! מיין גאָט! אָ מיין שיין! אכזריותדיקער טראָמפּעטן שטויס, און איך שטרויכל נישט. מאָטערניש פון וואונדערלאַנד. הוראַ פאַר דעם אויסטערלישן ווערק, פאַרן ווונדער פון גוף, צום ערשטן מאָל! דאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט קינדער־לאַכן און וועט זיך ענדיקן דערמיט. דער דאָזיקער סם וועט בלייבן אין אַלע אונדזערע אָדערן. אפילו ווען די פאַנפאַרן וועלן זיך ווענדן און מיר וועלן צוריקקומען צו דער אַלטער אומהאַרמאָניע. אַצינד לאָמיר, וואָס מיר זיינען ראוי אַזוי צו די דאָזיקע טאָרטורן, התלהבותדיק לויבן אפילו, אָט די איבערמענטשלעכע הבטחה, מיטגעבן אונדזער גוף און אונדזער נשמה בשעת יצירה. די דאָזיקע הבטחה, דאָס דאָזיקע משוגעת! עלעגאַנץ און וויסן, און גבורה! מען האָט אונדז אָנגעזאָגט צו באַגראָבן אין שאָטן דעם עץ הדעת, צו פאַרטרייבן אין גלות די טיראַנישע ערלעכקייטן. כדי מיר זאָלן דערפירן צו אונדזער ריינער ליבע. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן לכתחילה אַביסל איבערדראָנק און האָט זיך געענדיקט — מיר קענען ניט תיכף ומיד תופס זיין די דאָזיקע אייביקייט, — עס ענדיקט זיך אין אַ פלאַנטער פון פערפיומען. קינדערלאַכן, עניוות פון שקלאַפן, צניעות פון יונגפרויען, שרעקן פון פיגורן און זאַכן אין דער וועלט, זייט געהייליקט דורכן אָנדענק פון אָט דער וואַכנאַכט. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער גאַנצער רויקייט און ענדיקט זיך מיט מלאכים פון פלאַם און פון אייז.

קליינע וואַכנאַכט פון שכרות, הייליקע! אפילו ווען דאָס וואָלט נאָר געווען לשם דער מאַסקע, מיט וועלכער דו האָסט אונדז באַשענקט. מיר גלויבן אין דיר, שיטה! מיר פאַרגעסן ניט, אַז דו האָסט נעכטן באַשיינט אַלע אונ־

זערע תקופות. מיר גלויבן אין דעם דאָזיקן סם, מיר זיי־
נען בכח צו ברענגען אונדזער לעבן פאַר אַ קרבן, אַלע
טאָג. אָט דאָס זיינען די צייטן פון האשישין!

***

דער אוניווערזאַלער עקסטאַז וואָס נעמט אַרום וועלטן
אין עקסטאַז, נעמט אַרום אַצינד רעמבאָ.

זון־אויפגאַנג

איך האָב אַרומגענומען דעם זון־אויפגאַנג פון זומער. מען האָט נאָך קיין שאָרך ניט געהערט אין פראָנט פון די פּאַלאַצן. דאָס וואַסער איז געווען טויט. די מחנות פון שאָטנס האָבן נאָך ניט פאַרלאָזן דעם וואַלד־שליאַך. איך האָב געוואָנדערט. געוועקט די לעבהאַפטיקע און לויע ווינטן. ברילאַנטן האָבן מיר צוגעבלישטשעט. און די פליגלען האָבן זיך געהויבן אָן אַ שאָרך. מיין ערשטע אי־בערלעבונג אויף דער סטעטשקע, שוין פול מיט ברוכשטי־קער פון פרישע, בלאַסע שטראַלן, איז געווען אַ בלום וואָס האָט מיר אויסגעזאָגט איר נאָמען. איך האָב געלאַכט ביים וואַסערפּאַל וואָס האָט זיך צושויבערט צווישן די סאָסנעס.

אויף דער פאַרזילבערטער קרוין פון באַרג האָב איך דערקענט די געטין. איך האָב געהויבן שלייער נאָך שלייער און געבויגן די אָרעמס איבער דער אַלייע. אין טאָל האָב איך זי פאַראָטן צום האָז. זי האָט זיך באַהאַלטן אין שטאָט צווישן גלאָקן־טורעמס און דאָמען: ווי אַ בעטלער בין איך געלאָפן, איבערן מאַרמאָר־קעי האָב איך זי פאַר־פאָלגט.

אויבן אויפן שליאַך, לעבן אַ יונגן לאָרבערוואַלד, האָב איך זי אַנגעכאַפּט ביי אירע שלייערס און אַביסל דערפילט איר געוואַלטיקן קערפּער. דער זון־אויפגאַנג און דאָס קינד זיינען אַנידערגעפאַלן צו דער ערד פונם וואַלד. ביים דערוואַכן איז געווען מיטן־טאָג.

***

ער האָט אַרומגענומען די וועלט ווי פרוי. דעם או־ניווערז ווי פרוי.

פסוקים

ווען די וועלט וועט זיך פאַרמינערן צו איין איינציק שוואַרצן וואַלד פאַר אונדזערע דערשטוינטע פיר אויגן — אין אַ ברעג ים פאַר צוויי געטרייע קינדער — אין אַ היים פול מיט קלאַנגען פאַר אונדזער ליכטיקער פאַרבונדנ־קייט, דעמאָלט וועל איך דיך געפינען. און וואָלט דאָ אונטן געוועזן נאָר איין זקן אַן אַלטער, רואיק און שיין, אַרומגע־רינגלט מיט אוצרות פון גאָר דער וועלט, וואָלט איך ליגן פאַר דיר אויף די קני.

וואָלט איך פאַרווירקלעכט אַלע דיינע זכרונות, וואָלט איך זיין דער, וואָס ווייסט דיך צו בינדן, — וואָלט איך דיך דערשטיקט.

— —

ווען מיר זיינען שטאַרק, ווער וויכט אויס פאַר אונדז? זייער פריילעך ווער איז חוכא וטלולא? און אַז מיר זיינען מלא רשעות, וואָס וועט מען אונדז טאָן?

פוצט אייך און טאַנצט, און לאַכט. איך וועל קיינמאָל ניט וואַרפן די ליבע דורכן פענצטער.

— —

מיין חברטע, בעטלערקע, מאָנסטער־קינד! דיר איז ניט קיין נפקא מינה. אָט די אומגליקלעכע מיט זייערע קונסטשטיקלעך און מיינע יסורים. באַהעפט זיך מיט אונדז מיט דיין אוממעגלעכן — קול, דיין קול! — איינצי־קע חניפה אין דער מיאוסער פאַרצווייפלונג.

— —

אַ באַדעקטער מאָרגן אין יולי. אַ טעם פון אַש פליט אין דער לופט. ריח פון האָלץ וואָס שוויצט אין אויוון. — סמאָלענדיקע בלומען. — די פראָמענאַדן פאַרוויסט. — לייכטע נעפלען פון די קאַנאַלן איבער די פעלדער — למאי שוין נישט דאָס שפּילגעציג פון וואַרעך?

פון טורעם צו טורעם האָב איך שטריק געשפּאַנט.
גירלאַנדן פון פענצטער צו פענצטער און גאָלדענע קייטן
פון שטערן צו שטערן, און איך טאַנץ.

— — — — — — — — — — — — — — — —

פון דער הויכער אָזערע גייט אַ שטענדיקער רויך. וואָס פאַר אַ מכשפה וועט זיך דערהויבן אַנטקעגן ווייסן זון־אונטערגאַנג? וואָס פאַרא וויאָלעטע פלאַנטערס וועלן אַראָפּנידערן?

בעת די עפנטלעכע פאָנדן ווערן פאַרגאָסן אין פאַר־ברידערונגס־ימים־טובים, קלינגט אַ גלאָק פון ראָזע פייער אין די וואָלקן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

קומענדיק צו זיך, פיל איך אַ ליבלעכן טעם פון כי־נעזישער טינט. אַ שוואַרצער שטויב רעגנט זאַנפט אויף מיין דערוואַכן. — איך פאַרמינער די ליכטער פונם הענג־לייכטער, וואַרף זיך אויפן בעט און דריי זיך אויס צו דער שאָטן־זייט. איך זע אייך מיינע מיידלעך, מיינע קעניגנס!

דער וואַסערפאַל קלינגט הינטער די בודעס פון דער קאָמישער אָפּער. לאַמטערן־גירלאַנדן איבער אויבסט־גערטנער און איבער געדרייטע אַרומיקע אַלייען. די גרינען און די רויטן פון זון פאַרגאַנג. נימפן פון האָראַץ, פאַרקעמט ווי בשעת דער ערשטער אימפּעריע. סיבירישע טענץ. כינעזישע פרויען פון בושיי.

*****

גאָטס וואָרט הילעכט אונטערן דאָרנבוש. מיר זעען ווי דער מתבודד קוקט אין פייער אַריין. לאַנג און איינגע־שפּאַרט, ווי וועגט צורוקן זיך, ווי גרענעצן פאַלן, און דורך אָפענע טויערן דערפולן זיך די זעעאונגען. קומען אָן, פליען צו, רעדוצירן זיך צו דער פשטות פון אָנהויבן. אָפּנוצונג, קאָנצעסיעס, לבוש, פאַרוואָסערונג פון גענעראַליזאַציע פאַלט אָפּ. פאַר אונדז שטייט רעאַליטעט. לעבן.

וואָלגאַרער נאָקטורן

אַ ווינט־הויך עפנט אָפּערישע שפּאַרעס אין די שייד־װענט, צעטרייסלט די באַלקנס פון צעביסענע דעכער. וואַרפט פאַנאַנד די גרענעצן פון די היימען, פאַרשטעלט די פענצטער־קרייצן.

איבערן ווייַנבאַרג, דעם פוס געשטיצט אויף אַ מאָנ־סטער, בין איך אַראָפּגעשטיגען פון אַ קאַרעטע, וואָס לויט אירע קאָנוועקסע שפּיגלען, געשווייפטע פולונגען און גע־ווינדענע סאָפּעס, קען מען דערקענען איר תקופה.

טויט־וואָגן פון מיין שלאָף, פאַראייַנזאַמט, פאַסטוך־שטוב פון מיין טפשות. דאָס געשפּאַן שלעפּט זיך איבערן גראָז פון דעם גרויסן, אויסגעמעקטן שליאַך. און דורך אַ פּגם אויוון אויף דער רעכטער זייט פון גלאָז באַוועגן זיך בלייכע לבנה פיגורן, בלעטער, ברוסטן.

אַ גרין און אַ בלוי, זייער טיף, גיסן איבער דאָס בילד. אָפּשפּאַנונג אין דער נאָענט פון שאָטערהויפן.

— אָט דאָ וועט מען בלאָזן צום שטורעם, די סדום׳ס און די ירושלים׳ס. די ווילדע חיות און די חילות.

(וועלן זיי ווייטער פאָרן, דער פאָסטיליאָן און די צווי־בערפערד ביז צו די פאַרכאָפּנדיקע הויכוועלדער כדי מיך איינצוטונקען ביז איבער די אויגן אין דעם קוואַל פון זייד?)

און פאַרוואָגלט וואַנדערן מיר געפּייטשטע דורך כוואַ־ליענדיקע וואַסערן, איבער שוימענדיקע געטראַנקען, צום געבייל פון הינט . . .

אַ ווינט־הויך צעוואַרפט די גרענעצן פון דער היים.

***

ניין, ער האָט ניט „פאַרגעסן אונדזערע נעכטנס“. ער איז זיי צוריקגעגאַנגען. ביז צו דעם פּונקט, ווו דער מענטש דערקענט ניט קיין חלוק צווישן גוט און בייז, ד. ה. ביז צו יענע טעג, ווען ער איז פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן. דעמאָלט, ווען זכרון און זינען זיינען נאָר חיונה פון שאַ־פערישן אימפּולס. אָן פאַרצירונג. אָן באַהאַנג.

נאַכט־וואַכן

עס איז דערלויכטענע רו. ניט פיבער, ניט בענקשאַפט.
אויפן בעט, אויפן פעלד, סיי ווו.

עס איז דער פריינט, ניט הייס. ניט שוואַך, דער פריינט.

עס איז די געליבטע, ניט מאַטערנדיק, ניט געמאַטערט.
די געליבטע. די לופט און די וועלט, ניט געזוכט. דאָס לעבן.

בכן איז עס נאָר דאָס?
באַנייטער טרוים.

.2

די באַלייכטונג שפּילט ווידער איבערן בוים פון בוי.
פון ביידע אויסגאַנגען פון זאַל באַגעגענען זיך דעקאָראַ־ציעס אין האַרמאָנישע מדרגות. די וואַנט אַנטקעגן איז פאַרן וואַכנדיקן אַ פּסיכאָלאָגישער המשך, פון בעכערס, געזימסן און אַטמאָספערישע שיכטונגען און געאָלאָגישע דערשיטערונגען.

אינטענסיווער, גיכער חלום פון געפּילפּולע גרופּן, פון כל המינים באַשעפענישן צווישן אַלע דערשיינונגען.

.3

די מנורות און די קאָבריצן פון מיין וואַכן מאַכן דעם רעש פון די כוואַליעס, די נאַכט. אַרום דעם שיפס־רוים און אַרום דער שטייערונג. דער ים פון וואַכן איז געגליכן צו אַמעליאַס ברוסטן.

די פּרוכת׳ן ביז צו האַלבער הויך, די קוסטן און די שפּיצן, עמעראַלד־געמאָלן, ווו ס׳וואַרפן זיך די טייבעלעך פון מיין וואַכן.

די פלאַך פונם שוואַרצן אויוון. די אמתע זון אי־

בערן ים־ברעג. אַ מאַגישע ברונעמס. איינציקער בליק פון אויראַרא דאָס מאָל.

.4

דו ביזט אַלץ נאָך ביי די נסיונות פון הייליקן אַנטאָ־ניוס. געשטוצטע פליגלען. די צוקונגען פון קינדישן שטאָלץ, אָפּשוואַכונג און שרעק.

און דאָך וועסטו דיך נעמען צו דער דאָזיקער אַרבעט: אַלע הארמאָנישע און אַרכיטעקטאָנישע מעגלעכקייטן וועלן זיך באַוועגן אַרום דיין שטול. פולקאָמענע ניט געדאַכטע באַשעפענישן וועלן זיך אָנביטן פאַר דיינע נסיונות. אַרום דיר וועלן זיך פאַרחלומט טומלען די נייגיר פון אַלטע מחנות פון זאַטע פוסטעפּאַסניקעס. דיין זכרון, דיינע זינען וועלן נאָר זיין די חיונה פון דיין שאַפערישן אימפּולס. און די וועלט, ווען דו וועסט אַוועקגיין וואָס וועט פון איר ווערן? בכל אופן וועט גאָר ניט בלייבן פון אָקולטע דערשיינונגען.

**
*

ער בלעטערט אין זיין זכרון ווי אין אַלטע כראָניקן. טרוימהאַפט, פאַמעלעך ווי אַ קינד אין דער באָבעס קרבן־מנחה סידור. באַלד איז עס אַ ציגיינער־טרופּע, באַלד אַ לויה, אַ קאָשמאַר, אַן אידיליע. און ער „איז דער הייליקער, וואָס איז מתפּלל אויף דער טעראַסע ווו די חיות פּאַשן פון דאַנען ביז צום ים פון פּאַלעסטינאַ“

קינדהייט

1.

אידאָל, אויגן שוואַרצע און געלע טשופּרינע. אָן אַ היים און אָן זכות אָבות. נאָבעלער פון די מעקסיקאַנישע און פּלעמישע מעשה׳לעך: זיין רשות איבער אזורן און חוצפּהדיקע גרינען, נעמט אַרום באַרימטע שטראַנדן, איבער כוואַליעס אָן שיפן, נעמען משוגענע, גריכישע, סלאַווישע, קעלטישע.

אויפן ראַנד פון וואַלד די טרוימבלומען, קלינגען, בליצן, לייכטן, דאָס מיידל זיצט מיט אָראַנזשפּאַרביקע ליפּן, די קני איבערגעקרייצט אינם ליכטיקן מבול, וואָס קוואַלט אַרויס פון די לאַנעס. איר נאַקעטקייט באַשווינגט, באַשאָטנט און באַקליידט פון די רעגנבויגנס, פון פלאָרא פונם ים. דאַמען וואָס דרייען זיך איבער די טעראַסן נאָענט צום ים: קינדער און ריזן־פּרויען הערלעכע, שוואַרצע אין גרוי־גרינעם מאָך־צירונג, אויסגעשטעלט אויף דער פּעטער ערד פון לוסט־וועלדלעך און ראָסע־געטרענקטע גערטנדלעך. יונגע מוטערס און גרויסע שוועסטערן מיט בליקן פול מיט עליה, סולטאַנס־פּרויען, פּרינצעסינס. טיראַניש אין שריט און לבוש, קליינע פרעמדע, און זאַנפט אומגליקלעכע פול פּיין, אָט די שעה פון „טייערער גוף” „נשמה טייערע”!

2

אָט איז זי די קליינע טויטע, הינטער די רויזן־שטעק, די יונגע מוטער וואָס איז טויט, נידערט אַראָפּ די פּרייטרעפּ. די קאַרעטע פון קרוב קריצט איבערן זאַמד. און דאָרטן דער קליינער ברודער (ער איז אין אינדיע) פאַר שקיעת החמה איבער אַ פעלד פון מאָן־בלומען. — און די

אַלטע, וואָס מען האָט באַגראָבן אונטער אַ וואַנט, גאַנץ רעכטס.

אַ שוואַרעם פון גאָלד־געבלעטער קרייזט אַרום דעם הויז פון גענעראַל. זיי זיינען אין דרום. אויב מען גייט מיטן רויטן שליאַך דערלאַנגט מען צו דער קרעטשמע. דאָס שלאָס איז צו פאַרקויפן: די פערסער זיינען אַראָפּ־גענומען. — דער גלח האָט מסתם מיטגענומען דעם שליסל פון קלויסטער. — אַרום דעם פאַרק די וועכטער־בודקעס זיינען אומבאַוווינט. די פּאַליסאַדן זיינען אַזוי הויך אַז מען זעט נאָר די רוישנדיקע בוימקרוינען. אגב איז גאָר ניט צו זען דערינען.

די לאָנעס דראַפּן זיך צו די דערפער, אָן הענער און אָן קאָוואַדלעס. די שלייזן זיינען אַוועקגעצויגן. אָ, די קאַלוואַריעס און די מדבר־מילן, און די אינזלען און די מילשטיינער!

3

זשומען פון מאַגישע בלומען. די בערגלעך האָבן עס געוויגט. חיות פון אַ צויבערהאַפטער עלעגאַנץ צירקולירן, איבערן הויכן ים האָבן זיך וואָלקן פאַרזאַמלט פון אַן אייביקייט פון הייסע טרערן.

4

פאַראַן אַ פויגעלע אין וואַלד, זיין געזאַנג פאַרכאַפּט דיך און מאַכט דיך רויט ווערן.

פאַראַן אַ זייגער, וואָס שלאָגט ניט.

אין אַ קלופּט פאַראַן אַ נעסט פון ווייסע חיות.

פאַראַן אַ קאַטעדראַל, וואָס נידערט אַראָפּ און אַן אָזע־רע, וואָס איז עולה.

פאַראַן אַ קליין וועגעלע, פאַרלאָזן אין קוסטן־געהעלץ, אָדער גאָר, עס יאָגט אין לויף אַראָפּ, מיט בענדער אויס־געפּוצט.

פֿאַראַן אַ טרופּע פֿון קליינע שוישפּילער אין קאָסטיו־מען, וואָס מען זעט אונטערוועגנס אַנטקעגן ראַנד פֿון שטאָט.

פֿאַראַן סוף כּל סוף, פֿאַראַן עמעץ, וואָס יאָגט, אויב דו ביזט הונגעריק און דורשטיק.

5

איך בין דער הייליקער וואָס איז מתפּלל אויף דער טעראַסע, ווי די חיות וואָס פּאַשען פֿון דאַנען ביז צום ים פֿון פּאַלעסטינאַ.

איך בין דער בר־דעת אין טונקלען פּאָטעל, די צווייגן און דער רעגן פֿאַלן אויפֿן פֿענצטער־קרייץ פֿון דער ביב־ליאָטעק.

איך בין דער וואַנדערער איבערן גרויסן שליאַך דורך די צווערג־וועלדער, דאָס רוישן פֿון געעפֿנטע קלויזן פֿאַר־טויבט מיינע שריט. איך קוק זיך לאַנג איין אין דער מע־לאַנכאָלישער גאָלדוועשעריי פֿון שקיעת החמה.

איך וועל זיין אַ פֿאַרוואָגלט קינד מסתּם אויפֿן האַפֿן־דאַם איבערן גרויסן ים, דער קליינער קנעכט, וואָס איז עולה איבער יענער אַלייע, וואָס איר שטערן רירט אָן דעם הימל.

די סטעטשקעס זיינען שאָרסטקע, די בערגלעך באַ־דעקן זיך מיט גינסטער, די לופֿט איז אומבאַוועגט. ווי ווייט זיינען פֿויגל און קוואַלן! דאָס קען נאָר זיין סוף פֿון דער וועלט, וואָס גייט פֿאָרויס.

6

און צום סוף: געלויבט זאָל זיין צום סוף דער ווייס־געקאַלכטער קבר, מיט רעליעף, ליניעס און צעמענט, זייער ווייס אונטער דער ערד.

איך שטיץ זיך אויףביידע עלנבויגנס, דער לאָמפּ באַלייכט לעבעדיק די דאָזיקע צייטונגען, וואָס איך בין

געגוג אידיאָטיש איבערצולייענען, און די דאָזיקע ביכער, אָן אינטערעס.

אין אַן ענאָרמער דיסטאַנץ, איבער מיין אונטערער־דישן סאַלאָן, באַזעצן זיך הייזער, נעפּלען קלייבן זיך אויף, די מאָנסטראָזע שטאָט־בלאָטע איז רויט און שוואַרץ, נאַכט אָן אַ סוף!

אביסל טיפער גיסט זיך דער שמוץ. צוביידע זייטן די געדיכטקייט פון דער ערד־קוגל. אפשר אזורענע אָפּ־גרונטן, פייער־ברונעמער? זיי קענען זיך געפינען אויף דער פלאַך, ווו עס באַגעגענען זיך לבנות און קאָמעטן, ימים און צויבערגעשיכטן.

אין שעה׳ן פון ביטערקייט שטעלן מיר זיך פאַר קוילן פון סאַפּיר. פון מעטאַל. איך בין דער האַר פון דער שטילקייט. פאַרוואָסזשע בלייכט אַ ריס אין ווינקל פון סקלעפּיניע ?

***

נאָכדעם ווי דער לייענער איז געווען אַן עדות פון זעקס בילד־אַקטן פון זיין קינדהייט, פון דער קינדהייט פון דער מענטשהייט ווערט די בימה אויפגעצויגן און דער־ווייטערט, און פאַר אונזערע אויגן אַנטפּלעקט זיך די גע־וואַלטיקע דראַמע פון שטעט:

„איך בין דער וואַנדערער איבערן גרויסן שליאַך דורך צווערג־וועלדער. דאָס רוישן פון געעפנטע קלויזן פאַרטויבט מיינע שריט. איך קוק זיך לאַנג איין אין דער מעלאַנכאָ־לישער גאָלדוועשעריי פון שקיעת החמה...״ האָבן מיר געזאָגט בילד־אַקטן פון זיין קינהייט? עס איז לגמרי ניט קיין חילוק צו איז עס לאָנדאָן, צו ווענעדיג צו איז עס שאַרלעוויל. (העמפּטן קאַרט איז אַ רמז אויף לאָנדאָן) עס קען פונקט אַזוי זיין פאַריז אָדער פלאָרענץ. עס איז דאָס וואַנדערן, איך וואָלט געזאָגט, דורך געאָלאָגישע שיכטן פון שטעט. דורך אַלע געדיכטקייטן פון רעאַלן וואַרפט ער

זיך אין אומבאַקאַנטן, אין איררעציאָנאַלן, וואָס ער כשופט אַרויף: „ווייל דער פּאָעט דעפינירט די קוואַליטעט פון אומבאַקאַנטן דעוואַכנדיק אין זיין צייט אין דער אוני־ווערסאַלער נשמה". ער זעט ניט ווי איינער, ער זעט ווי מערערע. ווייל „איך איז אַן אַנדערער..." „צו יעדן נפש האָט זיך מיר געדאַכט דאַרפן באַלאַנגען מערערע לעבנס". אָדער „דער פּאַרשוין ווייסט ניט וואָס ער טוט, ער איז אַ מלאך..." אָדער „די משפחה איז אַ נעסט פון הינט..." „אין דערבייזיין פון מערערע מענטשן האָב איך געפּלוי־דערט מיט זיי אויפן הויכן קול אין אַ מאָמענט פון זייערע אַנדערע לעבנס".

דער טעם פון גלות איז אים ניט פרעמד געווען: „די פּאַרוואָגלטע נשמה צווישן אונז אַלעמען..."

מיט לאַנגע שריט שפּאַנט ער איבערן וועג. איבער די בבל׳ען פון טעראַסן און אַרקאַדן און אַנטפּלעקט ניט איין־מאָל „יונגפרוילעכע שאָטנס און אייזקאַלטע קלאָרקייטן".

שטעט

I

דאָס זיינען שטעט! דאָס איז אַן אומה, פאַר וועלכער עס זיינען אויפגעשטיגן אַט די אַללעגהאַני־בערג און די לבנונ׳ס אויס חלום. פּאַלאַצן אויס קרישטאָל און האָלץ באַוועגן זיך אויף רעלסן און אויף אומזיכטבאַרע וואַלצן. אַלטע קראַטערס אַרומגעגאַרטלט פון קאָלאָסן און קופּער־פּאַלאַצן רויטלען זיך מעלאָדיש אין די פייערן. ליבע־ימים־טובים קלינגען איבער די קאַנאַלן, וועלכע הענגען איבער די פּאַלאַצן. דאָס געיעג פון גלאָקן־שפּילן שרייט דורך זייערע העלזער. גוזאַנג־חברות פון ריזן קומען צו לויפן אין מלבושים און אין אָרי־פלאַמען, גלאַנצענדיק ווי דאָס ליכט פון באַרג־שפּיצן. אין די פּלאַטפאָרמעס איבער די בוכטן באַזינגען ראָלאַנדן זייער העלדן־מוט. איבער די קלאָדקעס איבערן אָפּגרונט און איבער די דעכער פון קרעטשמעס באַהענגען זיך די מאַסטן מיט הימל־היץ. דער צוזאַמענברוך פון אַפּאָטעאָזן פאַראייניקט די פלאַכן פון די הויכן, ווו סעראַפישע צענטוירינען באַוועגן זיך צווישן לאַווינעס. העכער אַריבערן ניוואָ פון די העכסטע קאַמען פאַרטונקלט זיך אַ פאַרווירטער ים דורך דער איי־ביקער געבורט פון ווענוס, באַלאָדן פון אָרפעישע כוואַ־ליעס און דורכן רוישן פון פערל און איידל־מושליעס קראַכט ניט איינמאָל אַ טויטלעכער אויסברוך. איבער די שלוכטן באַוועגט זיך אַ שפע פון בלומען גרויסע, ווי אונ־זערע כלי זיין און בעכערס. פּראָצעסיעס פון קעניגין מאַב׳ס אין רויטע און אָפּאַלענע ראָבעס שטייגן אויף צו די פעלזן. דאָרט אויבן, די פיס אין קאַסקאַדן און קוסטן, זייגן הירשן דיאַנאַ. די באַקכאַנטינען פון די פאַרשטעט כליפּען און די לבנה ברענט און בילט. ווענוס באַווייזט זיך אין די

קעלערן פון שמידן און הערמיטן. גרופּן פון גלאָקן־טור־רעמס זינגען אידייען פון די פעלקער. אויס ביין־געבויטע פּאַלאַצן קומט אַרויס די אומבאַקאַנטע מוזיק. אַלע לעגענ־דעס לעבן אויף און די עלאַנ׳ס ברעכן איין די בורגן. דער גן עדן פון די שטורעמס זינקט איין. אָן אַ הפסקה טאַנצן די ווילדע דאָס פעסט פון דער נאַכט. און פאַר איין שעה בין איך אַראָפּגעשטיגן אין טומל פון אַ בולוואַר אין באַגדאַד ווו די מחנות האָבן געזונגען די פרייד פון נייער אַרבעט. איך האָב זיך באַוועגט אין אַ געדיכטער בריזע איך האָב ניט געקענט פאַרמיידן די פּעענהאַפּטע פאַנטאָמען אין די בערג, ווו מען האָט זיך געדאַרפט ווידערגעפינען.

וועלכע גוטע אָרעמס, וועלכע שיינע שעה׳ן וועלן מיר צוריקגעבן יענע מדינה פון וועלכער עס קומען מיינע דרימלען, און מיינע קלענסטע רירונגען?

***

ליבע איז אומטעם. אַלמעכטיק. זי איז געזעץ, קיום, אויסלייזונג. „אַלע פאָרמען פון ליבע, פון ליידן, פון משוגעת״. רעמבאָ איז מקבל באהבה, אָנגעהויבן פונם פּשוטן פיזישן פאַרלאַנגען ביז צום ריינסטן אַלטרואיזם. ווענוס איז דער קאָסמישער סימבאָל, „ווענוס׳עס גלידער זיינען פאַרבונדן מיט שטערן — און דער מאַן נעמט אַרום די וועלט אין זיינע אָרעמס, די אומענדלעכקייט פון אַ ווייבלעכן קערפּער.״

„דער וואָס מאַכט דינים איז דער יסוד — עראָס. אָבער דין דאַרף ניט געזאָגט ווערן אין די הימלען איבער אונז, ניט אין די טיפן פון ים, נאָר זייער נאָענט צום מענטשן: אויף זיינע ליפּן און אין זיין האַרץ. „די וועלט, זאָגט ר׳ שמעון בן יוחאי, רוט אויף דער פאַראייניקונג פון מענ־לעכן און ווייבלעכן פּרינציפּ״.

כשוף

ביי דער געבורט פון העלענא האָבן זיך פאַרשווירן די פאַרשענערונג־זאַפטן, אין יונגפרוילעכע שאָטנס און די אומבאַטרעטענע ליכטיקייטן אין דער אַסטראַלער שטיל־קייט, די זומער־היץ איז געוואָרן אָנפאַרטרויט צו שטומע פויגל און די פאַרבענקטע מאַטקייט צו אַ שיפל פון טרויער אָן אַ שעור, דורך די בוכטן פון טויטע ליבעס און פאַר־שלאָפענע פאַרפיומען.

נאָכדעם האָט זיך געטראָגן דער נגון פון האָלץ־שפּאַלטערנס מיטן רוישן פון שטורצבאַך אונטער דער חורבה פון וועלדער, דער געקלינגל פון בהמות, לויטן ווי־דערקול פון טאָל און דעם געשריי פון סטעפּעס.

פאַר דער קינדהייט פון העלענאַ האָבן געציטערט די בושן און די שאָטנס און דאָס האַרץ פון די אָרעמע און די לעגענדעס פון הימל.

און אירע אויגן און איר טאַנץ גרייכן העכער ווי דאָס אויפשטראַלן פון גלאַנץ אין פּראַסטיקע וויכערס. העכער פון צירונג און פון נחת, פון אַן איינציקאַרטיקער שעה.

BEING BEAUTEOUS

אַ יפת תואר פון הויכן וווקס פאַרן שניי. סווישטשען פון טויט אין די קרייזן פון טעמפּער מוזיק מאַכן דעם געט־לעכן קערפּער שטייגן, זיך דערווייטערן און ציטערן ווי אַ געשפּענסט. שאַרלאַך־רויטע און שוואַרצע ווונדן לייכטן אויף דעם הערלעכן פליש.

איינפאַכע פאַרבן פון לעבן פאַרטונקלען זיך, טאַנצן, לייזן זיך אויף אַרום דער וויזיע אויף דער סטעטשקע. —

שוידער שטייגן אויף און ברומען און דער משוגע־נער טעם פון די מראות באַלאָדן מיט טויטן געסקריפּ, רויע מוזיקן, וואָס די וועלט הינטער אונז וואַרפט אויף אונזער מוטער פון שיינקייט — זי טרעט צוריק, זי ריכט זיך אויף. אונזערע ביינער ווערן באַקליידט מיט אַ נייעם ליבע־לייב.

אָ, דאָס אַש־בלאָנדע פּנים, דער מאַנטל פון האָר, אָרעם פון קרישטאָל! דער חוק וועלכן איך מוז זיך אונ־טערגעבן אַנטקעגן אַ פלאָנטער פון בוימער און דער לייכטקייט פון לופט.

שטעט

II

די אָפיציעלע אַקראָפּאָליס צווישן די קאָלאָסאָלסטע קאָנצעפּציעס פון מאָדערנער באַרבאַריי: אוממעגלעך אויסצודריקן דעם מאָטן טאָג, וואָס נעמט זיך פון אומבאַוועגלעכן גרוי פון הימל, פון אימפּעריאַלן גלאַנץ פון די מויערן און פונם אייביקן שנײ אויף דער ערד. אין געשמאַק פון אומגעהייערער ענאָרמיטעט האָט מען רעפּראָדוצירט אַלע קלאַסישע וווּנדער פון אַרכיטעקטור און איך באַזוך אויסשטעלונגען פון מאָלעריי אין לאָקאָלן צוואַנציק מאָל גרעסער ווי העמפּטן־קאָרט. וואָס פאַר אַ מאָלעריי! אַ נאַרוועגישער נבוכדנצר האָט געלאָזט אויסבויען די טרעפּ פון די מיניסטעריעס: די סובאַלטערנע בעאַמטע וואָס איך האָב דאָ געקענט זען, זיינען שוין שטאָלצער ווי ברעננוס. און איך האָב געציטערטביים אָנבליק פון וועכטער פון די קאָלאָסן און פון בוי־אויפזעער.

די גרופּירונגען פון געביידעס און סקווערס, הויפן און טעראַסן האָבן פאַרשכורט די קוטשערס. די פּאַרקס שטעלן פאַר פּרימיטיווע נאַטור, באַאַרבעט מיט אַ סופּערבער קונסט. די אויבערע קוואַרטאַלן האָבן אומדערקלערבאַרע טיילן. אַ ים־אָרעם אָן שיפן, פּלייצט זיין דעקטוך פון בלויען זאַמד איבער די קעיען, וואָס זיינען אַרומגעשטעלט מיט ריזן־קאַנדעלאַבערס. דורך אַ נעבן־טויער פירט אַ קורצע בריק אומיטלבאַר אונטערן דאָם פון דער הייליקער קאַפּליצע. דער דאָזיקער דאָם האָט אַן אַרטיסטישן פאַנצער פון שטאָל, פופצן הונדערט פוס אין דיאַמעטער.

אויף עטלעכע פונקטן פון קופּערנע איבער־בריקונגען, פון פּלאַטפאָרמעס, פון טרעפּ, וואָס ווינדן זיך אַרום האַלן און זיילן, האָב איך געטראַכט, אַז איך קען אָפּשאַצן די

טיפקייט פון דער שטאָט! דאָס איז דער גרונט, וואָס איך האָב ניט געקענט משיג זיין: אויף וואָס פאַראַ הויך ס׳ליגן אַנדערע קוואַרטאַלן, איבער, אָדער אונטער דער אַקראָפּאָליס? פּאָר אַ פּרעמדן, ניט פון אונזער צייט, איז די אָפּשאַצונג אוממעגלעך.

דער האַנדלס־קוואַרטאַל איז אַ צירקוס פון אַן איינהייטלעכן סטיל מיט גאַלעריעס און אַרקאַדן. מען זעט ניט קיין געוועלבן, נאָר דער שניי אויפן דאָם איז צוטרעטן. עטלעכע נאַבאָבס, וואָס מען זעט זיי אַזוי זעלטן ווי שפּאַצירגייערס אין אַ זונטאָג־מאָרגן אין לאָנדאָן שפּאַנען צו אַ דיאַמאַנטן בודקע. עטלעכע דיוואַנעס פון רויטן סאַמעט, מען סערווירט פּאָלאַרע געטראַנקען, וואָס וואַריאירן איז פּרייז פון אַכט־הונדערט ביז אַכט־טויזנט רופּיעס. האָבנדיק אין זינען, צו זוכן טעאַטערס איבערן צירקוס, בין איך זיך משער, אַז די דאָזיקע געוועלבן מוזן זיין פול מיט פינצטערע דראַמעס. איך טראַכט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ פּאָליצײ: אָבער דאָס געזעץ מוז זיין אַזוי מאָדנע, אַז איך בין זיך מיאש פון מאַכן זיך אַ השגה פון די דאָזיקע אַוואַנטיורניקעס דאָ.

די פאָרשטאָט אַזוי עלעגאַנט ווי אַ שיינע גאַס אין פּאַריז, איז געבענטשט מיט לופט פון ליכט. דער דעמאָקראַטישער עלעמענט ציילט עטלעכע הונדערט נשמות. דאָ פאָלגן די הייזער נאָך איינס דעם צווייטן. די פאָרשטאָט פאַרלירט זיך ביזאַר אין דאָרף און אין דער „גראַפשאַפט“, וואָס באַהערשט דעם אייביקן מערב מיט וועלדער און געוואַלטיקע פּלאַנטאַציעס, ווו ווילדע אַריסטאָקראַטן זיינען בודק זייערע כראָניקן אונטערן ליכט, וואָס מען האָט איינגעפירט.

מעטראָפּאָליטיש

פון דער אינדיגאָ־בוכט ביז צו די אָסיאַנישע ימים, איבער ראָזע און אָראַנזשענע זאַמדן, געוואַשן פון ווייך־פּאַרביקע הימלען, זיינען אויפגעשטיגן זיך קרייצנדיק, קרישטאָלענע בולוואַרן, תיכף באַזעצט פון יונגע אָרימע פאַמיליעס, וואָס דערנערן זיך פון פרוכט און גרינסן. ניטאָ קיין רייכקייט. — די שטאָט.

פון דער ראָפּע־מדבר יאָגן זיך רעכטס, אָן אַ סדר, מיט געשטאַפּלטע נעפּל־ליילעכער און שרעקלעכע באַנדעס איבערן הימל (וואָס בייגט זיך איין, ציט זיך צוריק און לאָזט זיך אַראָפּ, אויסגעוועבט פון פינצטערסטן שוואַרצן רויך, וואָס דער אָקעאַן אין טרויער קען באַשאַפן) העלמען, רעדער, שיפלעך, זאָטלען. — די שלאַכט.

הויב אויף דעם קאָפּ. אַ האָלצערנע בריק, געוועלבט: די לעצטע גרין־גערטנער. די באַלויכטענע מאַסקן אונטערן לאַמטערן, געשמיסן פון דער קאַלטער נאַכט. די נאַרישע ניקסע אין רוישנדיקן קלייד ביים טייך. די לייכטנדיקע קעפּ אין און צווישן אַרבעס־פלאַנצן. און די אַנדערע פאַנטאַזמאַגאָריעס. — דאָס דאָרף.

די טראַקטן אַרומגעצוימט מיט פּלויטן און מויערן וואָס האַלטן קוים צוריק געשטרויך און גרויזאַמע בלומען, וואָס מ׳וואָלט רופן הערצער און שוועסטערן, פאַרשאָלטענער דאַמאַסט פון בענקשאַפט, פּעענהאַפטע באַזעצונגען אַריסטאָקראַטישע, אולטראַ־ריינישע, יאַפּאַנישע, גוואַראַנישע, נאָך אַלץ ביכולת, די מוזיק פון די אַלטע צו פאַרנעמען. און פאַראַן קרעטשמעס וואָס מאַכן זיך ניט מער אויף. קיינמאָל ניט מער. פאַראַן פּרינצעסינס און אויב דו ביזט ניט צו דערשלאָגן, שטערן. דער הימל.

דער מאָרגן איז פֿאַראַנען אין וועלכן דו האָסט מיט איר געטענה'ט צווישן שניי־שטורעמס, גרינע ליפּן, אָט די גלעטשערס וואָס די שוואַרצע פּאָנען און די בלויע שטראַלן פּורפּורענע פּאַרפיומען פון דער זון פון די פאַלן.— דיין קראַפּט.

פּאַר־געבערג

דאָס גאָלד פון מאָרגן און דער קילבלעכער אָוונט געפינען אונזער צווימאַסטיקן שיף אויפן הויכן ים אַנט־קעגן דער ווילאַ און אירע נעבן־געביידעס, וואָס שטעלן פאָר אַ פּאַרגעבערג, אַזוי געשטרעקט ווי דער עפּירוס און דער פּעלאָפּאָנעז אָדער ווי די גרויסע אינזל פון יאַפּאַן, אָדער פון אַראַביע! טעמפּלען, וואָס ווערן דערלויכטן פון צוריק־קומען פון גרויסער חכמה: דער געוואַלטיקער אומ־בליק איבער דער פּאַרטיידיקונג פון מאָדערנע ים־ברע־געס. דיונעס אילוסטרירט פון הייסע בלומען און באַק־כאַנאַליעס. די גרויסע קאַנאַלן אין קאַרטאַגאַ און דער דאָם פון אַ צווידייטיקן ווענעדיג. מילדע ערופּציעס פון עטנאַ און שלוכטן פול בלומען און וואַסערן. גלעטשער וואַש־הייזער, אַרומגענומען פון דייטשלאַנדס פּאַפּליעס און כוואַליענדיקע, זעלטזאַמע פּאַרקן. און רונדע פּאַסאַדן פון „ראָיאַל" אָדער פון „גראַנד" פון עפּעס אַ ברוקלין: און זייערע אייזנבאַנען רינגלען אַרום, גראָבן אונטער, דעקן איבער, אַלץ. די איינריכטונג פון האָטעל איז גענומען פון עלעגאַנטסטע, קאָלאָסאַלסטע בנינים פון איטאַליע, אַמע־ריקע און פון אַזיע. און די פענסטער און די טעראַסן זיינען אָנגעצונדן פול מיט ליכט, מיט געטראַנק און מיט רייכע בריזן, זיינען אָפן פאַרן גייסט פון די רייזנדיקע און די מיוחסים, וואָס דערלויבן אין געוויסע שעה'ן פון טאָג אַלע באַרימטע טאַראַנטעלן פון קונסט, וווּנדערבאַר דע־קאָרירן די פּאַסאַדן פון „פּאַלאַץ פּאַרגעבערג".

היסטאָרישער אָוונט

אין סתם אַן אָוונט פּאַסירט למשל, אַז אַ נאַאיוועד טוריסט ציט זיך צוריק פון אונזערע עקאָנאָמישע שרעקן און די האַנט פון מייסטער אַנימירט די קלאַוויאַטור פון די פעלדער: מען שפּילט אין קאָרטן אין די טיפן פון אָזע־רע, פון שפּיגלען, וואָס כשופן אויס קעניגנס און קורטיזאַ־נעס. פאַראַן הייליקע שלייערס, געוועבט פון האַרמאָניע און הייליקע פאַרבן־סקאַלעס איבערן זון־אונטערגאַנג.

פאַרציטערט ער ביים דורכגיין פון געיעגן און פון האָרדעס. די קאָמעדיע טריפט אַראָפּ פון איבער די סוכות פון גראָז. און די אומזיכערקייט פון די אָרעמע און פון די שוואַכע אויף די נאַרישע פלאַכן!

לויט זיין שקלאַפן־וויזיע טורעמט זיך דייטשלאַנד אַנטקעגן די לבנות. טאַטערישע מדבריות ווערן ליכטיק. פאַרצייטיקע רעבעליעס רירן זיך אין צענטער פון דער הימלישער אימפּעריע. איבער טרעפּ און פּאָטעלן פון פעלז־גשטיין הויבט אָן אַרויסקומען אַ קליינע, פלאַכע, בלאַסע וועלט, אפריקע און די מערב׳ס און דאַן אַ באַלעט פון ימים און פון באַקאַנטע נעכט, א כעמיע אָן ווערט און אוממעג־לעכע נגונים.

די אייגענע בורזשואַזע מאַגיע אומעטום.ווו דער טשע־מאָדאַן וועט זיך אָפּשטעלן! דער עלעמענטאַרסטער פּיזי־קער פילט אַז עס איז ניט מעגלעך, זיך אונטערצוגעבן דער דאָזיקער פערזענלעכער אַטמאָספער. דעם נעפּל פון פיזישער חרטה, וואָס בלויז קאָנסטאַטירן זי מאַכט האַרצ־ווייטאָג.

ניין! דער מאָמענט פון אויסראָטונג, פון בטל געוואָ־רענע ימים, פון אונטערערדישע שרפות, פון אויפברויזנ־דיקן פלאַנעט, און פון קאָנסעקווענטע פאַרניכטונגען!

פאַקטן וואָס זיינען מיט אזוי ווייניק שלעכטער כוונה פאַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דער ביבל און פון די נאָרמען, און וואָס אַן ערנסטע בריה וועט זי דאַרפן איבערוואַכן. — פונדעסטוועגן וועט דאָס ניט זיין קיין עפעקט פון אַ לע־גענדע!

***

סאַנקט אַרטור וואָס האָט אַליין דעם „שליסל צו די דאָזיקע פּאַלאַצן!“ ווען מיר אַבסטראַהירן די „ענאָרמי־טעטן“ וואָס ער איז זיי בכיוון אויסן געוועזן, ווערן מיר דאָך נבהל־ומשתומם פון אַ פּרשה זעאונגען פון אונזערע טעג, וואָס וואַלגערט זיך אפילו ניט אויף די בלעטער פון וואָס פאַראַ ניט איז אַנאַליטיקער. אויב מיר נעמען אין באַטראַכט אַז דאָס זאָגט אַ באַסיאַק אין אַ מאַנזאַרדע, פאַרהונגערט, פול כעס און פול ביטול און אַז ער איז אַלט זעכצן יאָר — ווערט דאָס אַ פאַסצינירנדיק רעטעניש.

פאַראַדע

קאָמישע, פעסטע חברה־לייט, א טייל פון זיי האָבן עקספּלאָאַטירט אייערע וועלטן, אָן באַדערפעניש, ניט איילנדיק זיך אויסצונוצן זייערע בריליאַנטענע פעאיקייטן, און זייערע ערפאַרונגען מיט אייערע געוויסנס. ווי רייך די מענטשן זיינען! טעמפּע אויגן ווי אַ מין נאַכט אין זומער, רויט און שוואַרץ און דרייפאַרביק. פון שפּיציקן שטאָל אויס שטערן פון גאָלד: דעפאָרמירטע בלייערנע, בלאַסע, אַנט־צונדענע פּרצופים, הולטייאישע הייזעריקייטן, גרויזאַמער אויפמאַרש פון פליטער־גאָלד!

אויך יונגע זיינען דערביי. ווי וואָלטן זיי קוקן אויף כּרובים? זיי האָבן מורא׳דיקע שטימען און געוויסע גע־פערלעכע כּוחות. צו לערנען מאַנירן שיקט מען זיי אין שטאָט, אויסשטאַפּירט מיט צו־ווידערן לוקסוס.

אָ, דער משוגענער גן־עדן פון צאָרנדיקע גרימאַסן. ניט צו פאַרגלייכן מיט אייערע פאַקירן און אַנדערע פּורים־שפּילער. אין אימפּראָוויזירטע קאָסטיומען לויטן געשמאַק פון אַ בייזן חלום, שפּילן זיי ווייגעשרייען, טראַגעדיעס פון גאַסן־רויבער און פון גייסטיקע האַלבגעטער, וואָס אין געשיכטע ווי אין רעליגיעס האָבן זיי קיינמאָל ניט עקזיס־טירט.

כינעזער, האָטענטאָטן, ציגיינער, טפּשים, היענעס, מולד׳ס, אַלטע משוגעים, פינסטערע דעמאָנען, אָט וויזן זיי פּאָפּולערע און מוטערלעכע האַוואַיעס, און אָט בעסט־יאַלישע אָנשטעלן און צערטלעכקייטן. זיי ווען אייך פאַר־טייטשן נייע פּיעסן און פּשוטע באָבע־מעשיות, מייסטער־זשאָנגלערן, וואָס טראַנספאָרמירן אָרט און פּערזאָנען און פירן אויף די מאַגנעטישע קאָמעדיע. די אויגן פלאַמען, דאָס בלוט זינגט, די ביינער פאַרגרעסערן זיך, די טרערן און

די רויטע פעדעם רינען. זייער חוזק מאַכן אָדער שרעקן דויערט אַ מינוט אָדער גאַנצע חדשים.

איך אַליין האָב דעם שליסל צו דער ווילדער פּאַראַדע.

***

פּראָצעסיעס, מאַסקעראַדן, פון ליידנשאַפט, פון זעאונג, פון זינליכקייט, פון ליבע, פון רחמים, פון רחמנות! אלע זיינען וועגן אַלע זיינען שוועסטערן, געזען, אַרויסגעצויי־בערט אויף דער אַרענא פון אַלמאַכט ליבע. און ער גע־פינט זיך אַלץ נאָך אויפן וועג באַרג־אַרויף. אַלץ איז דאָס נאָך אַן אַ עליה...

פּרינץ און זשעני באַגעגענען זיך, פאַרניכטן זיך, שטאַרבן אין דער גרויסער געזונדונג פון ליבע.

אַ מעשהל׳ע

אַ פּרינץ האָט זיך מצער געווען וואָס ער האָט נאָר באַוויזן בשלימות צו טון פשוטע מעשים טובים. ער האָט פאַרויסגעזען דערשטוינלעכע רעוואָלוציעס פון ליבע, און ער האָט זיך משער געווען אַז זיינע פרויען זיינען פעאיק צו עפּעס בעסערס, ווי יענע ליבלעכע העפלעכקייט פון הימל און לוקסוס. ער האָט געוואָלט זען דעם אמת, די שעה פון באַגער, די עיקרדיקע באַפרידיקונג. צו ער איז דערמיט אַראָפּ פון וועג פון פרומקייט צו ניט! ער האָט באַגערט! ער האָט לכל הפּחות פאַרמאָגט אַ גענוג שטאַרקע, מענטשלעכע מאַכט.

אַלע פרויען, וואָס האָבן אים דערקענט, זיינען געטויט געוואָרן. וואָס פאַר אַן איבערקערעניש אין גאָרטן פון שיינקייט. אונטער דעם שווערט האָבן זיי אים געבענטשט. ער האָט ניט גערופן קיין אַנדערע — די פרויען זיינען צוריקגעקומען.

נאָכן געיעג און נאָך דער שיכּרות האָט ער זיי אַלע געלאָזט אומברענגען. זיי זיינען אים אַלע נאָכגעגאַנגען.

עס האָט אים געוויילט, צו וואָרגן לוקסוס־חיות. ער האָט אונטערגעצונדן דעם פּאַלאַץ. ער האָט זיך געוואָרפן אויף זיין הויזגעזינט און זיי געשניטן אויף שטיקער. — דער המון, די דעכער פון גאָלד, די שיינע חיות, זיי האָבן אַלץ נאָך געלעבט.

קען מען אַריין אין התלהבות דורך פאַרניכטונג, זיך פאַריונגערן דורך גרויזאַמקייט!

דאָס פאָלק האָט זיך ניט באַקלאָגט. קיינער האָט זיך ניט אַנטקעגן־געשטעלט זיינע המצאות. איינמאָל, אַ פאַרנאַכט האָט ער האָפּערטיק גאַלאָפּירט. אַ זשעני האָט זיך פלוצים באַוויזן פון אַן אויסטערלישער, יאָ פון אַן אומ־

גלויבלעכער שיינקייט. פון זיין פנים, פון זיין פאַרהאַלטן זיך האָט געשיינט אַ הבטחה פון פילפאַכער און קאָמפּלעקסער ליבע, פון אומבאַשרייבלעכן גליק, פון אומדערטרעגלעכן אפילו! דער פרינץ און דאָס זשעני האָבן זיך הפנים פאַרניכטעט בשעת דער עיקרדיקער געזונדונג. וויאַזוי האָבן זיי ניט געזאָלט שטאַרבן דערביי. אינאיינעם זיינען זיי פאַרגאַנגען.

אָבער דער פרינץ איז געשטאָרבן אין געוויינטלעכן עלטער אין זיין פּאַלאַץ. דער פרינץ איז געווען דאָס זשעני. דאָס זשעני איז געווען דער פרינץ. ניטאָ די וויסנדיקע מוזיק פאַר אונזער באַגער.

מלכות

אין אַ שײנעם פרימאָרגן, אינמיטן פון אַ ליבהאָר־ציקן פאָלק, האָט אַ מאַן, אים צו דער זײט אַ פרוי פון שטאָלצער שטאַטור, אויסגערופן אויפן עפנטלעכן פלאַץ: „פרײנט! איך װיל זי זאָל זײן קעניגין!" „איך װיל זײן קעניגין", זי האָט געלאַכט און געציטערט. ער האָט גע־רעדט צו זײנע פרײנט װעגן אַנטפּלעקונג און דורכגע־לעבטן נסיון. זײ האָבן זיך געטוליעט אײנער צום צװײטן.

און באמת, זײ זײנען געװאָרן מלכים אַ גאַנצן מאָרגן לאַנג. װען די קרימזן־רױטע פאָרהאַנגען האָבן זיך גע־הױבן איבער די הײזער, און דעם גאַנצן נאָכמיטאָג, װען זײ זײנען אַװעקגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון די פּאַל־מען־גערטנער.

**
*

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג זײנען זײ געװען מלכים װײל זײ האָבן דערינען געגלױבט. אַ גאַנצן מאָרגן לאַנג האָט רעמ־באָ׳ס געלײטערטע נשמה דערקענט די מאַכט פון אמונה און באַשאַף, און געטרוימט אין זײן צומאַטערטן גוף אין דער גלאָריע, פון האָבן „דערגאַנגען", פון זײן בײם ציל. אַ גאַנצן מאָרגן לאַנג. אַלע פאָרמען פון ליבע, פון לײדן פון משוגעת! ער זוכט אַלײן, ער שעפּט אױס „אַלע גיפטן, כדי נאָר צו באַהאַלטן די קװינטעסענץ"... (בריף צו פּאָל דעמעני).

אַרבעטער

אַ וואַרעמער מאָרגן אין פעברואַר! דער אומגעגבע־טענער דרום־ווינט האָט נאָר וואָס אויפגעדעקט אונזע־רע זכרונות פון אַבסורדער דחקות, פון אונזער יוגנט־מיזערע.

העגריקאַ האָט געהאָט אַ לייוועגטענע קלייד, ווייס און ברוין קאָלירט, וואָס מען האָט אוודאי געטראָגן מיט הונדערט יאָר צוריק. אַ הויב מיט בענדער און אַ האַלז־טוך פון זייד. דאָס איז געווען אַ סך טרויעריקער ווי טרויער. מיר זיינען געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר אין פאָרשטאָט. דער הימל איז געווען באַדעקט און דער דאָזיקער דרום־ווינט האָט צוגעגרייט אַלע מיאוסע ריחות פון די פּאַרוויסטע גערטנער און פאַרטרוקענטע פעלדער. דאָס האָט מיין פרוי ניט אַזוי געמאַטערט ווי מיך. אין אַ פּאָסע, וואָס איז איבערגעבליבן אויף אַ גאַנץ הויכער סטעטשקע פון אַן איבערשווועמונג מיט אַ חודש צוריק, האָט זי מיר גע־וויזן זייער קליינע פישעלעך.

די שטאָט מיט איר רויך, מיט איר רעש פון מלאכות איז אונז נאָכגעגאַנגען זייער ווייט אויפן וועג. אָ, די אַנ־דערע וועלט, די באַווינען, געבענטשט מיט הימל און שאָטן! דער דרום־ווינט האָט מיר צוריקגערופן די עלענטע איבערלעבונגען פון מיין קינדהייט, די פאַרצווייפלונגען פון זומער, די מורא׳דיקע מאַסע פון קראַפט און וויסן, וואָס דער גורל האָט צוגעלאָזן צו מיר. ניין! ניין, מיר וועלן דאָ ניט פאַרברענגען דעם זומער, אין דעם קאַרגן לאַנד ווו מיר וועלן תמיד פאַרבלייבן פאַרקנס׳טע יתומים. איך וויל אַז אָט דער געהאַרטעוועטער אָרעם זאָל ניט שלעפּן נאָך מיר אַ טייער בילד.

קרישטאָל־גרויע הימלען. אַ ביזאַרער דעסיין פון בריקן. אַ טייל גלייכע, אַנדערע געבויגענע און אַנדערע ווי־דער שטייגן אַראָפּ איבער די ערשטע. און אָט די פיגורן דערנייערן זיך אין אַנדערע קרימונגען, און זיינען באַלויכטן פון קאַנאַל. אָבער אַלע זיינען אַזוי לאַנג און לייכט, אַז די ברעגעס באַלאָדן מיט דאַמען. נידערן און ווערן קלע־נער. אַ טייל פון די דאָזיקע בריקן זיינען נאָך באַלאָדן מיט איינגעפאַלענע טויערן. אַנדערע שטיצן מאַסטן און סיג־נאַלן, און שוואַכע געשטעלן. אַקאָרדן אין מאָל קרייצן און שפּאַנען זיך. שיפּלעך אויף געצויגענע שטריק: מען דער־קענט אַ רויטע וועסט, אפשר נאָך אַנדערע קאָסטיומען און מוזיק־אינסטרומענטן. זיינען דאָס פאָלקס־נגונים, פינאַלן פון הויכע קאָנצערטן, איבערבלייבענישן פון נאַציאָנאַלע הימנעס? דאָס וואַסער איז גרוי און בלוי. ברייט ווי אַן אָרעם פון ים.

אַ ווייסער שטראַל, פאַלנדיק פון הימל, האָט געמאַכט אַ תל פון דער דאָזיקער קאָמעדיע.

***

איז ער געווען שטאַרק גענוג, הייס גענוג צו מאַכן „אַ תל פון דער דאָזיקער קאָמעדיע?“ רעמבאָ איז אַלץ נאָך דער פּרינץ און זשעני אויפן וועג צו גענעזונג...

אַ שטאָט

איך בין אַ פּשוטער בשר ודם, לגמרי ניט קיין אומ־צופרידענער בירגער פון אַ רוי מאָדערנער מעטראָפּאָליס, ווייל יעדער געירשנטער געשמאַק אין געפּטרט פון די הייזער און פון דרויסן, און דאָסגלייכן אין פּלאַן פון דער שטאָט. דאָ וועט איר ניט דערגיין קיין סימן פון אַ מאָנומענט פון אַבערגלויבן. מאָראַל און שפּראַך זיינען רעדוצירט צו זייער איינפּאַכסטן אויסדרוק. ענדלעך! די מיליאָנען מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין באַדערפעניש, זיך צו באַקע־נען איינער מיטן צווייטן, פירן זיך אויף אין ענינים פון דערציאונג, פּראָפעסיע, אַלטווערן, אויף איין־און־דעמזעל־ביקן אופן. אַזוי אַז זייער לעבנסלויף וואָלט געדאַרפט זיין עטלעכע מאָל קורצער ווי די משוגענע סטאַטיסטיקער רעכענען דאָס אויס פאַר פעלקער פונם קאָנטינענט. און אַט זע איך פון מיין פענצטער די נייע געשפּענסטער זיך וואָל־גערן אַנטקעגן דעם געדיכטן אייביקן רויך פון קויל — אונזער וואַלד־שאָטן, אונזער זומערנאַכט! נייע עריניעס פאַר מיין הויז, וואָס איז מיין היימלאַנד, און מיין גאַנץ האַרץ. ווייל אַלץ איז דאָ געגליכן דערצו, דער טויט אָן טרערן אונזער אַקטיווע טאָכטער און דינסט, אַ פאַרצוויי־פלטע ליבע, און חנ׳עוודיקער חטא, וואָס כליפּעט אינם קויט פון גאַס.

**
*

און אַט אַזוי קומט ער צו אַן אַנטי־קלימאַקס וואָס האָט געדאַרפט זיין אַשן ווי אַלע ניין טעג אין אב. ער קומט אָן ניט אויפן באַרג אויבן, כדי אונטערן דאָרנבוש אַרויסצו פלאַמען דאָס וואָרט, נאָר ער קומט אָן אַ מידער וואַנדע־

רער צום טאָל. צו הכל הבל, כדי זיך אויפּסניי צו לאָזן אין וועג אַריין.

דורכגעגאַנגען אַלע הכנות. געטובלט זיך אין אַלע וואַסערן. געברענט אין אַלע קאַלך־אויוונס — און אַצינד איז ער גרייט.

אָפּפּאָר

גענוג געזען. די וויזיע האָט זיך באַגעגנט אין אַלע עולמות.

גענוג געהאַט. רוישן פון שטעט, דעם אָוונט, און דאָס ליכט פון זון, און תמיד. גענוג געקענט, די סטאַנציעס פון לעבן. — אָ רוישן און וויזיעס. אָפּפּאָר און פאַרבונדנקייט און אָט דאָס נייע רוישן.

יוגנט

1

זונטאָג

חשבונות אָן אַ זייט. די אומפאַרמיידלעכע אַראָפּנידערונג פון הימל, דאָס אָנקומען פון זכרונות, און די סצענעס פון ריטמען, פאַרנעמען די שטוב, דעם קאָפּ, און די וועלט.

אַ פערד אַנטלויפט איבערן פאַרשטאָטישן פעלד. איבער אַקערס און געהילץ, צעגראָבן פון דער קוילן־מגפה. אַן אומגליקלעכע פרוי אין שפּיל ערגעץ־ווו אין דער וועלט, זיפצט נאָך אומוואַרשיינלעכע איבערלעבונגען. די דעספּעראַדאָס בענקען נאָכן שטורעם, נאָך שכרות און ווונדן. קליינע קינדער ווערן דערשטיקט פון די קללות ביי די ברעגעס פון טייכן.

לאָמיר זיך נעמען אויפסניי צו לערנען אין רעש פון דער אַרבעט, וואָס פאַרשלינגט, וואָס זאַמלט זיך אָן און איז עולה צו די מאָסן.

2

סאָנעט

א בן אדם פון געוויינטלעכן קערפּער־בוי, איז דיין לייב ניט געווען ווי אַ הענגעדיקע פרוכט אין סאָד. — אָ, קינדער־יאָרן! — דער קערפּער, אַן אוצר צו פאַרשווענדן: — אָ, ליבע, די סכנה, צו די קראַפט פון פּסיכע? די ערד האָט געהאַט אָפּהאַנגען, פרוכטבאַר מיט פּרינצן און אַרטיסטן, און די אָפּשטאַמונג און די ראַסע האָבן אייך געטריבן צו פאַרברעכן און טרויער. די וועלט, אייער גורל און אייער געפאַר. נאָר אַצינד, ווען די אַרבעט איז געטאָן,

דו און דײַנע חשבונות, — דו און דײַנע אומגעדולדן, — זײַנען ניט מער ווי דײַן טאַנץ און דײַן קול, ניט פֿיקסירט און ניט געצוווּנגען. הגם אַ סבה פֿון דאָפּלטן געשען, פֿון דערפֿינדונגען און ערפֿאָלג אײַנמיטן פֿון ברידערלעכער מענטשהייט אין אַן אוניווערז אָן מראות: — די קראַפֿט און דאָס רעכט שפּיגלען אָפּ טאַנץ און קול, וואָס נאָר זיי ווערן הײַנט אָפּגעשאַצט.

3

צוואַנציק יאָר

די באַלערנענדיקע קולות פֿאַרטריבן... אומבאַרירטקייט ביטערלעך צוריקגעצויגן. אַדאַדזשיאָ. — אָ דער אומענדלעכער עגאָאיזם פֿון דערוואַקסנקייט. דער געוואַלטער אָפּטימיזם: ווי פֿול פֿון בלומען איז געווען די וועלט אין יענעם זומער. די נגונים און די פֿאָרמען אין גסיסה. אַ כאָר צו מילדערן די אָנמאַכט און די ווייטקייט. אַ כאָר פֿון גלעזער און נאַכט־מעלאָדיעס... באמת, די נערוון יאָגן גיך.

4

קריג

ווען איך בין געווען אַ קינד, האָבן מאַנכע הימלען מײַן זען פֿאַרפֿײַנערט. אַלע צייכנס האָבן מײַן פֿיזיאָנאָמיע ניואַנסירט. די דערשײַנונגען האָבן זיך גערירט. — אַצינד יאָגן מיך דער אייביקער שנוי פֿון מאָמענטן און די אומענדלעכקייט פֿון מאַטעמאַטיק. דורך דער דאָזיקער וועלט, וווּ איך האָב דורכגעמאַכט אַלע ציווילע סוקצעסן, געבענטשט מיט אַן אויסטערלישער קינדהייט, און אומגעוויינטלעכע צונייגונגען — איך חלום פֿון אַ קריג פֿון רעכט אָדער געוואַלט, און פֿון אומפֿאָרויסגעזעענער לאָגיק.

דאָס איז אַזוי פּשוט ווי אַ מוזיקאַלישער זאַץ.

לעבנס

1

א, די מעכטיקע טראַקטן פון הייליקן לאַנד. די טעראַסן פון טעמפּלען. וואָס האָט מען געטאָן צו דעם בראהמאַן, וואָס האָט מיר אויסגעטייטשט משלי? פון דעמאָלט, פון דאָרט אונטן, פון ווייטן זע איך נאָך די זקנות! איך דער־מאָן זיך אָן זילבערנע שעה׳ן. די זון אַנטקעגן טייכן, די האַנט פון מיין פריינדין אויף מיין אַקסל און אונזערע צערטלעכקייטן אויף די פעפער־פעלדער. —

פלוג פון שאַרלאַך־טויבן שטורעמט אַרום מיין מחשבה. — אַהער פאַרשיקט האָב איך געהאַט אַ בימה, ווו צו שפּילן אַלע מייסטערווערק פון אַלע ליטעראַטורן... איך וואָלט אייך אָנווייזן אומדערהערטע אוצרות. איך באַטראַכט די געשיכטע פון די אוצרות, וואָס איר האָט אויסגעפונען. איך זע דעם המשך! מיין חכמה איז מען אַזוי מבטל ווי דעם כאַאָס. וואָס איז מיין נישטיקייט אַנטקעגן דער טפשות וואָס וואַרט אויף אייך?

2

איך בין אַ דערפינדער פון אַ גאַנץ אַנדערער מדרגה, ווי אַלע די וואָס זיינען מיר פאָרויסגעגאַנגען: אַ מוזיקער אפילו, וואָס האָט געפונען עפּעס ווי אַ שליסל פון ליבע. און אַצינד בין איך אַן איידלמאַן פון אַ מאָגערן לאַנד, מיט אַ ניכטערנעם הימל און פרווו שעפּן נחת פון זכרונות פון אַ ליגנערישער קינדהייט, פון גיין אין דער לער, פון קומען אין האַלצפאַנטאָפל, פון פאַלעמיקן, פון פינף אָדער זעקס אלמנה׳שאַפטן און עטלעכע חתונות, אין וועלכע מיין שטאַר־קער קאָפּ האָט מיך אָפּגעהאַלטן צו טאַנצן לויטן פייפל פון מיינע חברים.

איך האָב ניט קיין חרטה אויף מיין אַלטן חלק פון געט־לעכער פריילעכקייט: די ניכטערנע לופט פון דער האַרבער געגנט נערט זייער אַקטיוו מיין גרויזאַמען סקעפּטיציזם, אָבער אַזויווי דער דאָזיקער סקעפּטיציזם קען אין דער צו־קונפט ניט האָבן קיין פעולה, און אַזויווי איך גיב זיך אַצינד אָפּ צו אַ נייער צרה, קען איך נאָר דערוואַרטן צו ווערן אַ בייזער מטורף.

3

אין אַ שייער, ווו איך בין געווען אָפּגעשלאָסן אין על־טער פון צוועלף יאָר, האָב איך די וועלט דערקענט, האָב איך אילוסטרירט די מענטשלעכע קאָמעדיע. אין אַ קעלער האָב איך פאַרנומען איר געשיכטע. אין עפּעס אַ יובל פון דער נאַכט, אין אַ שטאָט אין צפון האָב איך באַגעגנט אַלע פרויען פון די אַלטע מאָלער. אין אַן אַלטן געסל אין פּאַריז האָט מען מיך געלערנט קלאַסישע וויסנשאַפטן. אין אַ פּראַכטפולן באַווין, אַרומגערינגלט מיטן גאַנצן מזרח, האָב איך פאַרענדיקט מיין אומגעהייער ווערק און אָפּגעקומען מיין אילוסטרע התבודדות. איך האָב געקאָכט מיין בלוט. איך בין פּטור פון מיין התחיבות. איך דאַרף אפילו ניט טראַכטן דערפון. איך בין באמת פון יענער זייט קבר, אָן שליחות׳ן.

***

גרינטעווען, אויספאָרשן, חוקר ודורש זיין. אָן פאַנטאַ־זיע, אָן פאַרצירונגען.

דעמאָקראַטיע

„די פאָן ווייעט איבער דער אומריינער לאַנדשאַפט און אונזער דיאַלעקט דערשטיקט דעם טאַמבור.

„אין אַ טייל צענטערס וועלן מיר העלפן דער ציניש־טער פּראָסטיטוציע. מיר וועלן מאַסאַקרירן די לאָגישע רע־וואָלטן.

צו די געפּעפּערטע און צעטראָטענע לענדער! אין דינסט פון מאָנסטראָזעסטע עקספּלאָאַטאַציעס, אינדוסט־ריעלע צו מיליטאַריטישע.

„צום ווידערזען זיך דאָ. סיי ווו. רעקרוטן פון גוטן ווילן, מיר וועלן האָבן אַ ווילדע פילאָסאָפיע. איגנאָראַנטן פאַר וויסנשאַפט; לייכט־לעביקע פאַר קאָמפאָרט: און אויפ־לייזונג פאַר דער לעבעדיקער וועלט. דאָס איז דער אמתדי־קער דרך! מאַרש!"

וואַגאַבונדן

באַדוירנסווערטער ברודער! וויפל גרויזאַם שלאָפלאָזע נעכט פאַרדאַנק איך אים. ניט פאַרנומען זיך געגוג ערנסט מיט דער דאָזיקער אונטערנעמונג. איך האָב חוזק געמאַכט פון זיין אומבאַהאָלפנקייט. דורך מיין שולד דאַרפן מיר צוריקגיין אין עקזיל און שקלאַפעריי. ער האַלט מיך פאַר אַ באַזונדערן שלימזל, ער איז מיך חושד אין אַ זייער ביזאַרער אומשולד און ער האָט צוגעגעבן באַאומרואיגענדיקע סיבות. איך האָב אָט דעם שטנ׳ישן דאָקטאָר געענטפערט מיט ליצנות און בין סוף כל סוף אַרויס דורכן פענצטער. מחוץ פונם דאָרף, ווו עס האָבן געשפּאַנט קאָפּעליעס פון זעלטענער מוזיק האָב איך באַשאַפן פאַנטאָמען פון אַ קומענדיקן נאָקטורנעם לוקסוס.

נאָך דער דאָזיקער כמעט היגיענישער פאַרווײלונג האָב איך זיך אויסגעשטרעקט אויף אַ שטרוי־זאַק. און כמעט יעדע נאַכט, קוים בין איך איינגעשלאָפן, איז מיין אָרעמער ברודער אויפגעשטאַנען. דאָס מויל פאַרפוילט, די אויגן אויסגעגלאָצט — אָט אַזוי האָט ער זיך געזען אין חלום! געשלעפּט מיך איבערן זאַל, אַרויסבילנדיק זיין קאָשמאַר פון אידיאָטישן לייד.

איך האָב בדעה געהאַט, מיטן גאַנצן ערנסט פון גייסט צוריקצוברענגען אים אין צו זיין פּרימיטיוון מצב פון אַ זון פון דער זון. — און מיר האָבן געבלאָנדזשעט, גענערט זיך פון וויין פון די היילן און מיט ביסקוויטן פון שאָסיי און איך האָב געדאַרפט וואָס גיכער געפינען דעם אָרט און די פאָרמולע.

BOTTOM

הגם דיווירקלעכקייט איז צו דאַרנדיק פאַר מיין כאַ־
ראַקטער — האָב איך דאָך פאַרוויילט ביי מיין דאַמע אין
געשטאַלט פון אַ גרויסן גרויבלויען פויגל, וואָס איז גע־
שטיגן צו געזימסן פון סופיט, שלעפנדיק דעם פליגל דורך
די אָונטשאַטנס.

צופוסנס פונ׳ם באַלדאַכין בין איך געלעגן, וואָס האָט
אונטערגעהאַלטן אירע געליבטע אבנים טובות און פיזי־
שע פלאַי־פלאַים. אַ גרויסער בער מיט וויאָלעטע יאַסלעס
און אַ פעל אייזגרוי פון צער, די אויגן אויף די קרישטאָלן
און אויפן זילבערוואַרג פון די קאַנזאָלן.

דאָס אַלץ איז געוואָרן שאָטן און הייסער אַקוואַריום.

צומאַרגנס, אַ קריגערישער זון־אויפגאַנג אין יוני —
בין איך געלאָפן איבער פעלדער, פויקנדיק און בלאָזנדיק
מיין וויטאָג ביז די סאָבינערינען פון דער פאַרשטאָט זיי־
נען געקומען און האָבן זיך געוואָרפן אויף מיין ברוסט.

יראת הכבוד

פאַר מיין שוועסטער לואיז וואנען דע וואַרינגהעם. —
איר בלויע הויב געווענדט צום נאָרדישן ים. —
פאַר די שיף־ברוכיקע.
פאַר מיין שוועסטער לעאַניע אויבאַאַ ד׳אַשבי. באו!
דאָס גראָז פון זומער איז זשומענדיק און שטיקענדיק
— פאַרן פיבער פון מוטערס און קינדער.
פאַר לולו — דעמאָן וואָס האָט אַלץ נאָך קאָנסערווירט
אַ חשק פאַר אָראַטאָריעס פון די צייטן פון חבר׳טעס און
האַלבגעבילדעטער דערציאונג. — פאַר די מענער. פאַר
מאַדאַם פלונית בת פלונית.
פאַרן יונגן בחור, וואָס איז געווען איך. פאַר דעם דאָ־
זיקן הייליקן זקן, התבודדות צו שליחות.
פאַרן גייסט פון די אָרעמע און פאַר זייער אַ הויכן
קלעריקער.
פונקט אַזוי פאַר יעדן קולט אין אַזעלכע מקומות פון
עבודה און צווישן אַזעלכע מנהגים, וואָס ווערן אָפּגעריכט
לויט די אַספּיראַציעס פון מאָמענט, צו גאָר לויט אונזערע
אייגענע ערנסטע זינד
יראת הכבוד היינט אָוונט פאַר צירצעטאָ פון די הויכע
שפּיגלען, פעט ווי דער פיש און דורכגעלויכטן ווי צען
חדשים פון דער רויטער נאַכט (איר האַרץ איז פון בורשטין
און פון ביזאַם). יראת הכבוד פאַר מיין איינציקער תפילה,
שטום ווי יענע געגנדן פון דער נאַכט, וועלכע שטורעמט
פאָרויס, געוואַלטיקער נאָך ווי דער פּאָלאַרער כאַאָס.
פאַר יעדן פּרייז און אויף יעדן אופן אפילו אין די
מעטאַפיזישע נסיעות . . . דעמאָלט אפילו מער.

**
*

אַזוי איז זי אָנגעקומען. „די שכורע שיף״, ניט געלאָזן

די וויאָסלעס ווי זיי האָבן געוואָלט... נאָר געלענקט דורך אַנטפּלעקונגען, דורך די זינען, דורך הונגער און נויט „אַלע ארטן פון ליבע און כל המיני פאַרברעכענס", כל הרע שבעולם, אַנטקעגן זיין אייגענעם גוף, און אַנטקעגן זיין אייגענער נשמה — און אָנגעקומען צו כאָאָס.

מיר זיינען ביים סוף פון וועג. פון וועג־לאַבירינט, מיט זיינע געפּערלעכע אירוועגן אָפּשטעלן, און אָפּגרונטן, מיט זיינע צופּייניקטע איבערלעבונגען, איז עס אַ וווּנדער וואָס רעמבאָ דערפּילט מידקייט, וועלכע איז שוין אָנגעדייט אין זיין „אָפּפאַר"? „גענוג געזען"... גענוג געהאַט... גענוג געקענט... און דאָך קומט ער נאָך אָן פאַרן „אויספאַר־קויף" צו דער גרויסער סטאַנציע פון דער נסיעה, צו יראת הכבוד.

סאַרקאַסטישע און טיפע פאַרנייגונגען, כמעט קניען פאַר דעם וואָס איז דעם מענטשן הייליק, פאַר די עיקרים פון ליבע, פון אמונה, פון מדרגות, פון אַלע מאַניפעסטאַציעס פון פיזישער ליבע, פון זעלישער וואָס קולמינירט אין עבדות, אין קולטן, אין אַלץ וואָס שטייט אין דינסט פון לעבן.

„יראת הכבוד פאַרן יונגן בחור וואָס איז געוועזן איך פאַר דעם דאָזיקן הייליקן זקן, התבודדות, צו שליחות..."

„און פאַר מיין איינציקער תפילה, שטום ווי יענע געגענדן פון דער נאַכט, וועלכע שטורעמט פאַרויס, געוואַלטיקער נאָך ווי דער פאָלאַרער כאָאָס".

נעמט טאַקע אַרום אַ מין פאָלאַרישע קעלט ביי אַזאַ מין „זיי געזונט", נאָך בליסקען די אוצרות, ווען זיי גליטשן זיך דורך די פינגער, אָבער פאַמעלעך פאַרשווינט דער צויבער און עס באַווייזן זיך געשפּענסטיק, מורא'דיק, צוויי ליידיקע הענט.

אויספאַרקויף

צו פאַרקויפן, וואָס די אידן האָבן נאָך ניט פאַרקויפט, וואָס ניט יחוס און ניט פאַרברעכן האָבן פאַרזוכט, דאָס וואָס די פאַרפלוכטע ליבע און העלישע ערלעכקייט פון די מאַסן האָבן נאָך ניט דערקאַנט, דאָס וואָס נישט די צייט, און נישט די וויסנשאַפט דאַרפן באַשטעטיקן.

די ווידערפאַרנעמבאַרע קולות: דאָס ברידערלעכע דערוואַכן פון אַלע כאַראַלע און אָרקעסטראַלע ענערגיעס און זייערע תיכפ׳דיקע אַנווענדונגען: די געלעגנהייט, די איינציק־אַרטיקע, אויסצולייזן אונזערע זינען!

צו פאַרקויפן די גופים אָן אַ פּרייז, מחוץ פון יעדער ראַסע, מחוץ פון דער גאַנצער וועלט, מחוץ פון יעדן געשלעכט, מחוץ פון יעדער אָפּשטאַמונג, די רייכקייטן וואָס שפּילן ביי יעדער באַוועגונג! אויספאַרקויף פון דימענטן אָן קאָנטראָל!

צו פאַרקויפן, די אַנאַרכיע פון די מאַסן: די אומבאַזיגבאַרע סאַטיספאַקציע פון סופּעריאָרע אַמאַטאָרן: דעם גרויזאַמען טויט פאַר די געטרייע און ליבנדיקע!

צו פאַרקויפן באַווינען און מיגראַציעס, ספּאָרטן, צויבערגעשיכטן, פולקאָמענע קאָמפאָרטן און דעם רעש און דעם טומל און די צוקונפט וואָס זיי מאַכן!

צו פאַרקויפן די אַנווענדונג פון גמטריות פון אומגעאַנטע האַרמאָניעס, די המצאות פון די אומגעאַנטע תנאים, — תיכפדיקער באַזיץ!

אומזיניקן, אומענדלעכן עלאַן צו אומזיכטבאַרע פּראַכטיקייטן, צו אומגעאַנטן גענוס, די משוגענע סודות פון יעדער זינד, — און איר דערשרעקענדיקע פרייד פאַרן עולם.

צו פאַרקויפן גופים, קולות, דעם אומגעהייערן, אומדערפאַרשבאַרן איבערפלוס. דאָס וואָס מען וועט קיינמאָל

ניט פאַרקויפן. די פאַרקויפער זיינען ניט ביים ציל פון אויספאַרקויף, די וואַיאַזשאָרן דאַרפן זייערע באַשטעלונגען ניט צו גיך אויסצופירן.

***

„מיט אַזאַ קול זאָגט מען ודוי״, דאָס איז אינם אידישן פאָלקס־אידיאָם נאָר אַ מין זאַפטיקע קללה, און עס קומט מיר אויף אין זכרון — ניט לשם שעלטן — בעת איך לייען בלאָט נאָך בלאָט „דער סעזאָן אין גיהנם״. עס דריקט אויס אַ פּשוטע פעסטשטעלונג פון אַ זעלישן מצב. — „מיט אַזאַ קול זאָגט מען ודוי״. „אין יענע טעג, דערציילט זיין שוועס־טער איזאַבעל, האָט ער זיך טעגלאַנג אָפּגעשלאָסן אין שייער און געברילט ווי אַ חיה״. נאָר אויף דעם אופן האָבן די דאָ־זיקע בלעטער געקענט אַנגעוואָרפן, געקענט אַרויסגעבראָכן ווערן.

דער סוף. זיינען מיר בכן אָנגעקומען, דערגאַנגען אַהין, ווו קיין סוף איז ניטאָ, ווו קיין אָנהויב איז ניטאָ. מיר שטייען פאַרן גרויסן חלל פון נישט. דער סך־הכל איז זיך צערונען צווישן די פינגער, און מיר קוקן פאַרחושים׳ט, ניט וויסנ־דיק אויף וואָס מיר וואַרטן — דער וועג האָט זיך פּשוט אויסגעלאָזט. דער אויסטערלישער וועג מיט די וואונדער־לעכסטע מיטלען פון אַ גאָט־זוכער...

ער האָט זיך ניט געלאָזט אויסלעשן, דער צוויטיזנט־יעריקער צייכן אויפן שטערן, דאָס קריסטנטום וואָס ער האָט איינגעזויגן מיט דער מוטערס מילך, מיטן מערב, מיטן ליכט, מיט דער לופט וואָס ער האָט געעטעמט. מיטן שפּייז און טראַנק, וואָס ער האָט פאַרדייעט. דערגאַנגען צו כאַ־אָס, בכדי צו קענען אָנהויבן אויפסניי, און עס האָבן ניט געהאָלפן, ווען ער רופט אויס אין גיהנם פאַרן משפט:

„פּריסטער, פּראָפעסאָרן, מייסטער, איר זיינט אייך טועה, אויב איר גיט מיך איבער צום בית־דין. איך האָב קיינמאָל ניט באַלאַנגט צו דעם דאָזיקן פאָלק: איך בין

קיינמאָל ניט געווען קיין קריסט. איך פאַרשטיי ניט די געזעצן. איך האָב ניט קיין מאָראַלישן זין, איך בין ברוטאַל, איר האָט אַ טעות...

„יאָ, איך האַלט די אויגן פאַרמאַכט אַנטקעגן אייער ליכט. איך בין אַ חיה, אַ נעגער נאָר איך קען נצול ווערן.״

אויב „די דערלויכטונגען״ נויטיקן זיך אין אַ פּירוש, לייענט זיך די „סעזאָן אין גיהנם״ כמעט ווי אַ טאָג־בוך. אַ מוראדיקער טאָג־בוך.

עס איז אַפּריל 1873 און רעמבאָ איז אַלט ניינצן יאָר: ער איז צוריק פון לאָנדאָן אין ראָש, באַגעגנט זיך מיט זיך אַליין און גיט זיך אָפּ זיין מורא׳דיקן דין וחשבון. ער שוינט זיך ניט אין דערקענען, ווי ער האָט זיך ניט געשוינט אין זוכן.

אַ זמן אין גיהנם. מלאך צו דעמאָן? אויסדערוויילט, צו געצייכנט? — ביידע. באַזעסן פון אומשטילבאַרן דראַנג צו דערקענען, צו דערגיין, באַשענקט מיט איבערמענטשלעכע פאַקולטעטן, פון רעוואָלט און פאַרציכט, מוראדיק אויסגעהונגערט נאָך גוטס, פאַרפאָלגט ער אין בייזן מיט פאַרכשופטער, ווילדער תאווה די אומבאַדינגטע, די גרויזאַמע ליניע פון זיין וועג. ער, דער זון פון דער זון, דער הייד, דער באַרבאַר, רעוואָלטירט אַנטקעגן ישו, אַנטקעגן מאָראַל און טראַדיציע, אַנטקעגן דער גרויזאַמער צערייסנדיקער מאַרטער פון קריסטנטום. וואָלט ער ניט געווען געקומען — טראַכט רעמבאָ — וואָלט זיך די פּרימיטיווע נאַטור אַנטוויקלט ווייט פון קינסטלעכע עטיקעס און ליגנערישע דיסציפּלינען. ס׳וואָלט קיין זינד ניט געווען און דער מענטש וואָלט דערקענט די לוסט פון לעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז דער ערשטער וועמען ער באַגעגנט אין גיהנם איז ער, ישו אַליין.

„דאָס וואַסער איז תמיד געווען שוואַרץ און קיין שום קראַנקער איז ניט אַריינגעפאַלן אַהין. אפילו ניט אין חלום״.

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז דער שרייבערין פון אָט די שורות זייער ניט צום האַרצן זיך צו מוזן פאַרנעמען מיט דעם, וואָס די וועלט רופט אָן דאָס פּראָבלעם, ווערלען־רעמבאָ. על פּי דרך הטבע דאַרף דער דאָזיקער פּלאָנטער, לויט אונזער אויפפאַסונג זיין סאַקראַ־סאַנקט פאַר אַלעמען און קיינער איז ניט ראוי, צו ווערן אַריינדרינגען אין אַ מיסטעריום, וואָסביידע מחברים האָבן געוואָלט האַלטן בסוד. איז אָבער די ירושה פון ביידע פאַר דער וועלט אַזוי באַדייטזאַם, אַז צוזאַמענשטויס־רעפּ־לעקסן פון זייערע באַציאונגען האָבן זיכער געוואָרפן זייערע ליכטער און שאָטנס אויף זייערע שאַפונגען.

עס איז דעריבער ניט אירעלעוואַנט, פאַר דער וועלט וואָס דער אַנטי־קלימאַקס פון רעמבאָ׳ס באַציאונג צו ווער־לען, פאַלט צונויף מיט דער גרויזאַמער עצבות פון דערקע־נען, אַז וואָס ער האָט דערגרייכט, איז דער גרויסער נישט, וואָס האָט געסטראַשעט אים איינגאַנצן איינצושלינגען.

ער איז נישט דערגאַנגען צו דער אַלכעמי פון וואָרט, וואָס האָט געדאַרפט אויסדריקן אַלע טעמים, אַלע ריחות, אַלע קלאַנגען.

ער האָט ניט איבערגעבויט דאָס גאַנצע, מענטשלעכע לעבן, ער האָט ניט אויסגעלאָשן די גרעניץ צווישן גוט און בייז.

ער איז ניט געוואָרן גאָט.

— — — — — — — — — — — — — — —

פריינט און פאַמיליע גיבן אים אויף, לערער זיינען זיך מיאש — און אַרטור רעמבאָ דערפילט די געהויבנקייט פון פליען, אָדער אַ מין צוגעשמידט זיין צו דער ערד, וואָס ביידע מיינען איין און דיזעלביקע זאַך. ער דערפילט אַז ער איז אַ דיכטער און מער נאָך — ער פילט די גרויסע אחריות פון זיין אַ דיכטער...

זיינע פרוּוון אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיטן „פּאַרנאַס״ האָבן זיך ניט איינגעגעבן. איינער פון די ווייניקע וואָס האָבן פּאָזיטיוו רעאַגירט צו רעמבאָ׳ס ערשטע שאַפונגען

איז געווען פֿאַל ווערלען, איינער פֿון די וויניקע, וואָס ער האָט אַלס דיכטער געשאַצט, דער איינציקער וואָס שטרעקט אויס אַ פֿריינטלעכע האַנט אַן אומבאַקאַנטן, יונגן אונגעווינטלעך באַגאַבטן מענטשן, איז דערזעלביקער פֿאַל ווערלען, וואָס ענטפֿערט אויפֿן בריוו מיט „אַ שכור שיף": „קומט טייערע, גרויסע נשמה"...

וואָס איז נאַטירלעכער אין דער וועלט ווי אַז אַזאַ פֿאַרקומעניש זאָל געבן דעם אימפּולס צו אַ טיפֿער, שטאַרקער פֿריינטשאַפֿט.

נאָך איידער ווערלען האָט משיג געווען און פֿאַרדייט „דאָס שכורע שיף", איז רעמבאָ שוין געהאַט ווייט אַוועק פֿון דער דאָזיקער פֿאָרעם פֿון יצירה. ער האָט שוין טיף געשטעקט אין זיין מיסטישער קאַריער. ווערלען ווערט אַ חסיד, ניט פֿאַרשטייענדיק, אָבער פֿול מיט ברענענדיקער אמונה.

דער פּראָצעס פֿון אַנטרעגעלונג פֿון די זינען, פֿאַרלאַנגט אַן אייזערנע ווילנס־קראַפֿט; „דאָס אויסשעפּן פֿון אַלע גיפֿטן פֿון שכרות, פֿון ליבע, פֿון פֿאַרברעכן" לאָזט זיך בעסער דורכפֿירן צו צווייט, און עס איז רעמבאָ זיכער ניחא געווען, צו האָבן אַ חבר אויפֿן שווערן וועג פֿון גייסטיקע אַנטפּלעקונגען און עקספּערימענטן.

דער שוואַכער האַלטלאָזער ווערלען ווערט געצויגן פֿון צוויי פֿייערן. פֿון איין זייט זיין יונגע, קליינבירגערלעכע פֿרוי וואָס געבערט אים נאָר וואָס אַ זון, פֿון דער אַנדערער זייט זיין ווילדער, שטאַרקער אומבאַרעכנטער פֿריינט, וואָס פּראָוועט גלות אויף אַן אַבסורדן אופֿן, מיט אַן איינגעשפּאַרטער צעאיקייט, כדי צו דערפֿילן זיין שליחות פֿון זיין אַ דיכטער, און ברענגען די גאולה...

אין דעם דאָזיקן אומגלייכן קאַמף איז רעמבאָ מנצח, און „ביידע ברידער אין וואָפֿן" לאָזן זיך אַרויס אויף דער וועלט, כדי נייע וועלטן צו אַנטפּלעקן...

ווערלען פֿאַרלאָזט זיין הויז, כדי צו ברענגען אַ רפֿואה פֿאַר זיין פֿרוי. על פּי צופֿאַל באַגעגנט אים רעמבאָ און נעמט

אים איינפאַך מיט. די נייע וועלטן זיינען דערווײַלע אין פאַריז גופא, „בול־מיש" („בולוואַר סאַן מישעל") „קאַרטיע לאַטען", „קליוני".

עקסטאַטיש און פאַרבלענדט שעפּן ביידע פון טריבן ווײַן פון צוהוליעטן לעבן, רעמבאָ מיט אַ באַוווּסטער דיסציפּ־לין, ווערלען אַלס געניסנדיקער סאַטיר...

די מראה און די מידות פון ביידע מוזן־קינדער זיינען זיכער ניט באַזונדערס נושא חן. ווערלען מיט זיין אויסזען און נטיות פון אַ פּויק, איז פון תמיד אָן געווען אינקלינירט צו זיין אייגן געשלעכט. אַ שטאַרקער טרינקער, וואָס איז אין מאָמענטן פון שכרות געווען ממש געפערליך. ער האָט באַ־דראָט דאָס לעבן פון זיין אייגענער מוטער: זיין פרוי האָט ער בשעת שוואַנגערשאַפט אָנגעטאָן ענויים קשים. ס'איז אפילו באַקאַנט, אַז אין וואַכנבעט זיינען מוטער און קינד געווען אויסגעזעצט שווערע עקסצעסן.

און פּלוצים דערשיינט אויף דער אַרענע אַ פויערים־יונג, מיט אויגן בלויע ווי הימל, מיט אַ טעאָריע פון כל הרע שבעולם, און אַלץ לשם שמים. לשם רוחניות.

„איך איז אַן אַנדערער"; און איך דער פויערים־יונג טו אַלע מיאוסקייטן, אַלע עבירות און זנות, כדי דער אַנדערער זאָל זיך איינהערן און אויפנעמען, נאַטירן די קווינטעסענצן... אַ שווערער פּאַטראָן פאַר די אַרומי־קע, אַ טייל אָבער פון די געפּראַוועטע שטיק דערמאָנען אין זייער באַנאַליטעט דאַך דאָס יונגל אין פובערטעטסעלטער, דאָס יונגל, וואָס שטעלט דער וועלט אַרויס די צונג, אויב ער וויל זיך נוקם זיין אָן דער וועלט און אָן איר צופרידנקייט מיט זיך און מיט אַלעמען, בעת אין אים ברענט דער הע־לישער פייער פון רעוואָלט, פון זעאונג און פון שליחות. דאָס יונגל, דער באָסיאַק שטעלט אַרויס די צונג און גייט נאַקעט צום פענצטער, כדי די שכנים צו שאָקירן. דער זעער פאַסט, שכורט, הולטייעוועט, און איז זיך מוסר נפש, כדי צו דער־גיין... און אויסצולייזן. דאָס איז דער אַנדערער וואָס שפּאַלט

די הימלען, רופט אַרויס גאָט, פאַרלייקנט די דערנער־קרוין פון ישו, כדי אַליין אונטער איר צו פאַרבלוטיקן.

אַזוי דערגייט ער נאָכן גרויסן „אויספאַרקויף" פון „דערלויכטונגען" צו „אַ סעזאָן אין גיהנם".

עס איז נישט שווער אָנצונעמען, אַז די ערשטע צייט פון זייערע באַציאונגען, די געגנזייטיקע באַוווּנדערונג, די רע־זאָנאַנץ, דאָס פאַרשטיין, די וואַנדערונגען איבער פעלדער און שענקען, האָט געשאַפן פאַר ביידע אַ פולקאָמענע האַר־מאָני. ליבע האָט אַלץ באַלויכטן, און אַזוי לאַנג דאָס איז גע־ווען פאַר רעמבאָ אַ סובלימע איבערלעבונג, האָט ער גע־גלויבט אין זיך און אין זיין קונסט. אַבסינט און האַשיש נע־מען אַוועק די ערד, די שווערקייט און פירן אין די ספירות פון אייביקער עקזאַלטאַציע.

ווערלען גענישט די אויסשווייפונג צוליב תאווה אַליין, רעמבאָ גייט זיין וועג, „אַ פאַרקערטער נזיר", לויט ענייד סטארקיע, אַ פוריטאַנער פון אַ אייגענעם נוסח, וואָס פּיי־ניקט זיך און קומט אָפּ לשם שמים. עס זיינען פאַר אים עקסטאַטישע פריידן פון רעליגיעזן מאַרטירערטום.

ביידע פריינט לעבן דיאָניזיש, גייען אַרום ווייַנבאַ־קראַנצט, לכל הפחות אין דער אידייע. ווערלען מאַכט הנחות אין זיין אויפפאַסונג „מוזיק, מוזיק פאַר אַלעמען . . ." רעמבאָ האָט אין זיינע ערשטע פּערזן אפשר געמאַכט קאָנצעסיעס אין דער פאַרעם, אין תוך אַריין אָבער איז יעדער געבליבן, ער אַליין. ווערלען דער טרובאַדור, וואָס מוז אַלץ אויסזינגען ווי אַ בדחן. אַלע איבערלעבונגען, קוים פאַרהילט זיינען פאַ־ראַן אין זיינע „פאַראַלעלן" (אין דערזעלבער ריכטונג) „ראָ־מאַנס סאַן פּאַראָל'עס" (ראָמאַנצן אָן ווערטער), „לאַעטי עראַ־בונדי" (די וואַנדער־יונגען). ער האָט געזונגען, אפילו זיך אונטערגעזונגען . . .

רעמבאָ האָט אויסגעפּרעסט די קווינטעסענצן: די „דערלויכטונגען", די „סעזאָן אין גהינם".

איין מאָמענט וואַרפט זיך דאָך אין די אויגן. ניט פאַראַן

קיין השערה, אַזביידע דיכטער זאָלן ווען עס איז האָבן געפּרווווט עפּעס אויפצוטאָן געמיינזאַם. און ביידע זיינען געשטאַנען אין פולן זעניט פון זייער שאַפן.

מיר האָבן פריער געזאָגט אַז פאַר דעם פאָרשער פון רעמבאָ זיינען זיינע טעקסטן לגמרי ניט טונקל: אויב די „דערלויכטונגען" זיינען אָפטמאָל רמזים צום עיקר, אַן אַנדער מאָל זעאונגען פון עיקר, איז די סעזאָן אין גהינם אַ כראָניק פון טאָגבלעטער פון מורא׳דיקע אַנטפּלעקונגען, און אַן אומברחמנותדיקער ודוי: אין הסכם מיט זיין טעאָ־ריע, אַז דאָס וואָרט מוז זיין פול פון קאָנקרעטן געהאַלט און אַז „סוזשעטן וואַלגערן זיך אויף די גאַסן, מען דאַרף נאָר קענען אויסשטרעקן אַ האַנט..."

האַלט ער זיך אויף אַ זמן אין גהינם. קומט אָפּ אַלע עונשן, כדי צו ברענגען דעם גן־עדן אויף דער ערד...

ווערלען, וואָס איז אי שתוף אי געצייג אין דער דראַ־מע ווייזט זיך מיט דער צייט אַרויס ניט געניגנד, צו פאַר־נעמען זיין חשובן פּלאַץ, און רעמבאָ הויבט אָן צו פילן סימנים פון מידקייט. ווערלען אָבער ווערט אַלץ מער און מער אָפּהענגיק פון זיין פריינט.

בעת ביידע זיינען נאָך ראשו ורובו פאַרטאָן אין באַגראָבן דעם עץ הדעת, דעם בוים פון גוטן און פון בייזן, שעפּט ווערלען אויס זיינע עקסצעסן אויף זיין אופן... מיט זיין אומקאָרופּטירטער מוזיקאַליטעט אין אויער, וואָס איז גרייט און מסוגל צו באַזינגען אַלץ, דערגייט ער ניט זעלטן צו באַנאַלן „קיטש"; אינטים־אָבסצענע רעמי־ניסצענצן ווערן פּשוט אַרויסגעזונגען אָן שום וועלטפאַר־בעסערישע כוונות. דער טרובאַדור זינגט מיט זיין פּען אַלע מעלות טובות פון זיינע אַמאָרעזע איבערלעבונגען. אָט אַזוי וויינט ער, און זינדיקט און זינגט.

רעמבאָ ווערן די דאָזיקע עלעגיעס נמאס. ער איז זיך אפשר מיאש, צו מאַכן אַ זון פון דער זון פון דעם דאָזיקן לבנה־בענטשער.

ער אַנטלויפט. לויפט קיין שאַרלעוויל. ווערלען ווערט קראַנק פאַר עגמת נפש, ווען ער דערזעט זיך פלוצים אַליין. פאַרלירט אָבער ניט קיין צייט, צו אַלאַרמירן וועמען עס לאָזט זיך, צו ברענגען, ווי ער האָפט, זיין פרוי און מוטער קיין לאָנדאָן, צו זיין „טויטן־בעט" און צוריקצוברענגען רעמבאָ. די מוטער קומט און רעמבאָ קומט, קוים פיר וואָכן וואָס ער איז אַוועק...

מאַדאַם ווערלען גיט זיך איין צו ברענגען איר זון אויף די פיס און ער מאַכט מיט זיין מוטער, אַלס רעקאָנוואַלעסצענט לאַנגע שפּאַצירגענג איבער לאָנדאָנס פאַרשטעט: קיו, וואָוליטש, פימליקאָ, ווייטשעפּל: יעדער דיסטריקט רעדט זיין אייגענע שפּראַך... „ווייטשעפּל, שרייבט ווערלען אין אַ בריוו, מיט זיינע קליינע הייזקעס וואָס זעען אויס לעפּראָז, איבער זיי הענגען שילדער מיט העברייאישע אותיות. די אידן וואַנדערן אין פינצטערע געסלעך, מיט זייער בלייכער געלער הויט, מאַגערע ליניעס, צופלאָשעטע בערד, און לאַפּעס ווי פון סקעלעטן" זעען זיי אים אויס ווי רעמבראַנדט־בילדער. — דער זון פון דער זון אָבער ליגט אין די דאָקס, ווו ער באַגעגנט זיך מיט מענטשן פון אַלע ראַסן און קלאַסן. ער שטעקט טיף אין זיין ודוי „די סעזאָן אין גיהנום" און קניפּט אָן באַציאונגען פאַר זיין צוקונפט, וועלכע ער האָט אין זיין דמיון שוין לאַנג פאַראויסגעזען. „איך וועל צוריקקומען, די הויט געברוינט, די גלידער געשטאַלט, און איך וועל האָבן גאָלד". (דאָס איז טאַקע שפּעטער מקוים געוואָרן). דער טראַגישער פאַקט וואָס ער איז צוריקגעקומען פון אַבעסיניע מיט אַ קראַנקן פוס פאַרמינערט ניט אויף קיין האָר זיין מאָדנע פאַרויסזעאונג פון זיין צוקונפט.

די דאָקס, די מאַגאַזינען, די פּירס, באַלנס סחורה מיט צייכנס, וואָס ער האָט ניט געקאָנט לייענען! מענטשן אין אַלע פאַרבן, מיט פאַרשידנסטע האָר און קאָפּ־באַדעקונג, ברוטאַלע און וווּנדערבאַרע! סינגאַפּאָר און קאַרטאַגאָ!

דעלהי און אַטען! אַ פאַסצינירנדיקע וועלט! דער נאָמאַד פון די קינדער־חלומות איז דערוואַכט. דעם זון פון דער זון ציט עס קיין מזרח דאָרט ווו די זון גייט אויף.

דאָס לעבן מיט ווערלען ווערט אַלץ שווערער, אַלץ ניכטערנער, אַלץ אַנטוישנדיקער. רעמבאָס געזונט ווייזט שווערע סימנים פון אַנגעגריפנקייט. ער מוז זיך אָפּרייסן און ער מוז זיין אינערלעכע וואַנדלונג האַלטן בסוד. שיט ער אויס זיינע „בייזע חלומות", אויף די בלעטער פון זיין ודוי, און „די משוגענע יונגפרוי", פאַל ווערלען שניידט ניט אָפּ זייער פיין. זיך אַליין רופט ער אָן „דער העלישער מאַן". דאָס אומגעהייערע געפיל פון מפלה, וואָס ער האָט איבער־געלעבט מיט, און דורך ווערלען, האָט אים געבראַכט צו דעם מוראדיקן יאוש. עס האָט זיך געעפנט פאַר אים ווי אַן אָפּגרונט אין וועלכן ער און זיין קונסט האָט געדאַרפט דערטראָנקען ווערן.

אַלץ ברעקלט זיך אונטער די הענט. די אמתע, טיפע פריינטשאַפט מיט ווערלען, דער עקסטאַטישער ווערט פון הולטייסטוואָ. מיט אומברחמנותדיקער אויפריכטיקייט איז ער אַלץ מודה, שלאָגט זיך אין האַרצן על חטא בקול רם. —

פאַר פאַרמעסטן זיך, צו געפינען אַ נייע שפּראַך און ניט צו דערווייזן, פאַר וועלן צוריקפירן צו כאַאָס כדי אַנצוהויבן אויפסניי דעם גאַנג פון דער וועלט, ער האָט אַלץ אויסגערעכנט.

יאָרן שפּעטער, בעת ער ליגט אויפן טויטן־בעט פרעגט אים זיין שוועסטער, פאַרוואָס ער האָט אויפגע־הערט שרייבן פּאָעזיע: „ווייל עס איז געווען פאַלש, איך וואָלט אַראָפּ פון זינען", האָט ער איר געענטפערט.

פּאָעזיע — האָט ער געגלויבט — וועט אים ברענגען דאָס אמתע לעבן, דעם יחוד מיט גאָט; ער האָט אַרויסגע־פונען, אַז ער איז ווייט פון אמתן לעבן.

זיין ביטול צום געוויינטלעכן לעבן, פון וועלכן ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, זיין פאַראַכטונג צו פּשוטע

מענטשן, — אין אַ פּלוצימדיקן אויפליכט האָט ער דער־קענט, אַז קיינער פון אונדז באַלאַנגט ניט צו זיך אַליין, אַז אַלע לעבן מיר די ירושה פון די נעכטנס, אַלע זיינען מיר אונטערגעוואָרפן, אונדזער אייגענער מענטשלעכער נאַטור. פּאָעזיע איז ניט דער וועג, אפילו ניט זיין פּאָעזיע, ניט איינגאַנצן דער וועג צום אמת, בכן ניט דער וועג צו באַפרייאונג, — בכן על חטא! פאַר דער „אַלכעמי פון וואָרט!"

„אַצינד, זאָגט ער, וועל איך אויסזאָגן אַלץ: קונסט איז אַ שטות..." און שוין אין די „דערלויכטונגען" איז ער מסדר זיין „אויספאַרקויף" כמעט בחנם.

עס איז סוף אַפּריל 1873, ווען ער קומט אָן קיין ראָש, פאַרמאַטערט, צושלאָגן, קראַנק. די עטלעכע וואָכן, וואָס ער פאַרברענגט אין דער היים, אָן ערך ביז סוף מאַי, אַרבעט ער איבער דעם „סעזאָן אין גהינם", פאַרוואָגלט, פאַרמשפּט.

ווערלען מאַכט זיין לעצטן פּרוּוו זיך איבערצובעטן מיט זיין פרוי, און אַזוי ווי דאָס גיט זיך ניט איין, פועלט ער ביי רעמבאָ, אים ווידער צו באַגלייטן קיין לאָנדאָן. אין דער האָפנונג אויפצולעבן, וואָס עס לאָזט זיך ניט אויפלעבן.

זיי זיינען ניט מצליח. רעמבאָ פילט זיך דערנידע־ריקט, וואָס ער האָט נאָכגעגעבן און ער איז זיך נוקם דורך גרויזאַמקייט. ער פלעגט זיך היטן צו זיין ווייך, ווייל דער צווייטיקטער ווערלען פלעגט וויינען פון דאַנקבאַר־קייט. דעליריעס, מיזערע: די סצענעס הויפן זיך, און ווערלען ניט קענענדיק מער אויסהאַלטן דעם דאָזיקן גהינם, הויבט זיך אויף, און אַנטלויפט אָן אַ „זיי געזונט".

רעמבאָ דערשרעקט זיך, ווען ער געפינט זיך פּלוצים אַליין אין לאָנדאָן, און שרייבט אַ צערטלעכן בריוו, בעט זיך ביי ווערלענען, זיך אומצוקערן. יענער, נאָך אַ נייעם בחינמדיקן פּרוּוו, זיך איבערצובעטן מיט זיין פרוי, טע־

לעגראַפּירט זיין פּריינט, צו קומען קיין בריסל. כדי זיך צו געזעגענען מיט אים, ווייל ער האָט בדעה צו גיין קיין שפּאַניען, וואָלונטירן צו דער קאַרליסטישער אַרמיי. רעמבאָ קומט אָן דעם זעלבן טאָג קיין בריסל. ווערלען איז אויפגערעגט און שכור. ווידער האָט ער געענדערט זיינע פּלענער, און ווידער האָט ער פאַרגעשלאָגן רעמבאָ, צוריק צו פאָרן מיט אים קיין לאָנדאָן. רעמבאָ האָט באַשלאָסן, צו פאָרן קיין פּאַריז. ער בלייבט פולע צוויי טעג און פּרוווט צוצורייַדן דעם אויפגעלייזטן ווערלען, אים צו לאָזן גיין. ווערלען ווערט אַלץ געררייצטער. ער טרינקט אַזוי פיל אַז ער פאַלט אַריין אין חושימדיקייט. איין אין דער פרי גייט ער אַוועק אַליין; צו מיטאָג קומט ער צוריק טויט שכור און ווייזט רעמבאָ אַ שפּוגל־נייעם רעוואָלווער. ער זאָגט צו, יעדן צו דערשיסן. רעמבאָ זאָגט אים, אַז ער פאָרט דעם נאָכמיטאָג קיין פּאַריז. ווערלען ווערט בליינד פון כעס און פאַרשליסט די טיר. ער נעמט אַרויס דעם רעוואָלווער פון קעשענע און פייערט צוויי מאָל. געטראָפן נאָר די האַנט פון רעמבאָ, די אַנדערע צוויי קוילן לעכערן די וואַנט. ווערלען ברעכט צוזאַמען. ער באַוויזט נאָך, אויפצורייסן די טיר און זאָגן זיין מוטער אַז ער האָט דערשאָסן רעמבאָ. דערזעענדיק רעמבאָ אויפן שוועל, דערלאַנגט ער אים דעם רעוואָלווער, און בעט זיך ביי אים, אים צו דערשיסן. מוטער און פּריינט גיט זיך עס סוף כל סוף איין, אים צו באַרואיקן און רעמבאָ ווערט פּראָוויזאָריש פאַרבונדן.

די קויל קען דעם זעלביקן נאָכמיטאָג ניט אַרויסגענומען ווערן. די בקשות פון די ווערלענס צו בלייבן ביז די וואונד וועט פאַרהיילט ווערן, וואַרפט רעמבאָ אָפּ.

מאַדאַם ווערלען און זון באַגלייטן רעמבאָ צו דער באַן. ווערלען לאָזט נישט נאָך, ווערט ממש חסר דעה, און סטראַשעט ווידער צו שיסן, און דאָס מאָל ניט צו פעלן, און ווען ער שטעקט אַריין די האַנט אין קעשענע, רופט רעמ־

באָ דעם ערשטן, בעסטן פּאָליסמאַן צו הילף. ווערלען ווערט אַרעסטירט פאַר מאָרד־פאַרזוך, — און רעמבאָ גיט אָפּ דעם זעלביקן אָוונט זיין דערקלערונג.

די שפּילער זיינען הינטער די קוליסן. אַלץ וואָס געשעט שפּעטער, אַלץ וואָס קומט פאָר אין „סעזאָן אין גהינם" שפּילט זיך אָפּ הינטער די קוליסן. אויף דער סצענע שטייט דער מענטש אַרטור רעמבאָ, וואָס ראַנגלט זיך, קעמפט, רעבעלירט אַנטקעגן גאָט, אַנטקעגן אמונה, אינסטיטוציעס, קאָנסטיטוציעס, ליטעראַטור, אַנטקעגן אַלץ און אַלע, דער מענטש קעמפט דעם קאַמף פונם מענטשן.

ניין סצענעס פון זיין פאַרגאַנגענעם לעבן, ניין פּראָצעסיעס פון זיינע „אירונגען און ווירונגען", ניין אויס־שטעלונגען פון דער אומגליקלעכקייט פון די פאַרטנער. אויף דער סצענע דער מענטש. דער שקלאַף פון אייגענעם געוויסן. שקלאַף פון זיין שרעקלעכן ווילן, שקלאַף פון ירושה...

די פאַרטנער זיינען הינטער די קוליסן.
מיר ציען אויף דעם פאָרהאַנג.

אַ סעזאָן אין גהינם

*

אין יענעם סעזאָן איז דער קוואַל מיט די פינף גאַ־לעריעס געווען אַן ענין פון פּאַרדרוס. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פינצטערער וואַשבעקן, שטענדיק געפּייטשט פון רעגן און פון פינצטערניש. און די בעטלעך האָבן פאַרנומען די אינערע מדרגות, געבלייכט פון יענע שטורם־ליכטער, וואָס זיינען פאַרויסגעגאַנגען די בליצן פון גיהנם. דו האָסט חוזק געמאַכט פון זייערע בלינדע, בלויע אויגן, פון זייערע ווייסע אָדער בלויע טיכער, אין וועלכע ס'האָבן זיך איינ־געהילט זייערע פאַרקריפּלטע אברים. אַ מיליטעריש וואַש הויז! אָ, פאַלקסבאַד! דאָס וואַסער איז תמיד געווען שוואַרץ און קיין שום קראַנקער איז ניט אַריינגעפאַלן אַהין, אפילו ניט אין חלום.

און דאָרט האָט ישו באַגאַנגען זיין ערשטן, שווערן חטא, מיט די אינפאַמע קראַנקע. עס איז געווען אַ טאָג אין פעברואַר, צו מערץ, צו אַפּריל, ווען די זון פון צוויי אַ זייגער נאָכמיטאָג האָט אויסגעשפּרייט אַ סערפּ פון ליכט, איבער דעם פאַרבאָרגענעם וואַסער און דאָרט אונטן, וויט צוריק פון די קראַנקע האָב איך געקענט זען ווי אַט דער איינציקער שטראַל האָט געוועקט, קנאָספּן און קריש־טאָלן און ווערעם אין דעם וואַשבעקן, געגליכן צו אַ ווייסן מלאך אַנגעלענט אויף איין זייט; אַלע רעפלעקסן אומענד־ליך בלייך האָבן זיך באַוועגט.

דאָס וואַסער פון טויט. אַלע זינד, די לייכטע און פאַר־עקשנ'טע זין פון דעמאָן, וואָס צוליב אַביסל געפיל אין האַרץ האָבן זיי אַט די מענטשן געמאַכט אויסזען נאָך שרעקליכער פאַר מאָנסטערס, זיי האָבן זיך געוואָלט

וואַרפֿן אין וואַסער; די קראַנקע זיינען אַראָפּגעשטיגן, אָן שפּאַט, נאָר מיט קנאה.

וואָלטן דאָך די ערשטע, וואָס זיינען אַראָפּגעשטיגן, געדאַרפֿט זיין געהיילט, ניין. די זינד האָבן זיי צוריקגעוואַרפֿן אויף די טרעפּ, און האָבן זיי געצוווּנגען צו זוכן אַן אַנדער מקום. ווייל זייער דעמאָן קען זיך נאָר אויפֿהאַלטן אין ערטער, ווי די גענאָד איז זיכער.

ישו האָט זיך באַוויזן באַלד נאָך דער מיטאָג־שעה. קיינער האָט זיך ניט געוואַשן, קיינער פון די חיות איז ניט אַראָפּגעשטיגן. דאָס ליכט אין קוואַל איז געווען געל, ווי די לעצטע בלעטער פון ווין. דער געטליכער מייסטער האָט זיך אָנגעלענט אָן אַ זייל. ער האָט באַטראַכט די זין פון דער זינד. דער דעמאָן האָט אויסגעשטרעקט זיין צונג און האָט געלאַכט.

דער לאָמער וואָס איז געלעגן אויף אַ זייט, האָט זיך אויפגעהויבן. און מיט אַ ווונדערלעך זיכערן שריט האָבן זיי אים געזען באַפרייען די גאַלעריע און פאַרשווינדן אין דער שטאָט פון די פאַרמשפּטע.

סעזאָן אין גהינם

אַמאָל, איך דערמאָן זיך זייער גוט דערינען, איז מיין לעבן געווען אַ סעודה, ווו אַלע הערצער האָבן זיך געעפֿנט, ווו אַלע ווייַנען האָבן זיך געגאָסן. איין אָוונט האָב איך געהאַט די שיינקייט באַזעצט אויף מיינע קני. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זי איז ביטער. — איך האָב זי מבזה געווען.

איך האָב זיך באַוואָפֿנט אַנטקעגן דער גערעכטיקייט. איך בין אַנטלאָפֿן. מכשפות, אָ, עלנט, אָ, שנאה. אייך האָט מען דאָס פאַרטרויט מיין אוצר! איך האָב באַוויזן אויסצושליסן יעדע מענטשליכע האָפֿנונג אין מיין נשמה: כדי צו דערוואַרגן יעדע פרייד, האָב איך געמאַכט אַ טויבן שפּרונג פון אַ ווילדער חיה.

איך האָב גערופן די הענקער, כדי אַז איך וועל אומ־קומען, זאָל איך בייסן די קאָלבנס פון זייערע געווערן. איך האָב גערופן די מגפות כדי דערשטיקט צו ווערן אין זאַמד, אין בלוט. דאָס אומגליק איז געווען מיין גאָט. איך האָב זיך אויסגעשטרעקט אין קויט. איך האָב זיך געטרונקנט אין דער לופט פון חטא, און איך האָב אויפגעפירט מיינע שטיק פון משוגעת

און דער פרילינג האָט מיר געבראַכט דאָס שרעקלי־כע לאַכן פון מטורף. אָבער גאָר ניט לאַנג, ווען איך האָב שוין געהאַלטן אַזוי ווייט, צו מאַכן דעם לעצטן שפּרונג, האָב איך געטראַכט וועגן זוכן דעם שליסל צו דער אַלטער סעודה, מיט וועלכן איך וועל אפשר צוריקגעווינען מיין אַפּעטיט.

רחמים איז דער דאָזיקער שליסל. — אָט די דאָזיקע אינספּיראַציע ווייזט, אַז איך האָב געחלומט!

„דו וועסט בלייבן אַ היענע״... א. אַ. וו., האָט אויס־גערופן דער דעמאָן, וואָס האָט מיך געקרוינט מיט אַזעלכע ליבלעכע מאָנבלומען. „פאַרדין דעם טויט מיט אַלע באַגערן, און מיט דיין עגאָאיזם און מיט אַלע שווערסטע חטאים״.

אָ! איך האָב איבערגעכאַפּט די מאָס, אָבער טייערער שטן, איך באַשווער דיך, עטוואָס ווייניקער פאַרציקטע אויגן! און, בני־וביה נאָך עטלעכע קליינע, פאַרשפּעטיקטע רשעות׳ן. דו האָסט דאָך ליב ביים שרייבער דאָס פעלן פון אינסטרוקטיווע און דעסטרוקטיווע פעאיקייטן, נעם אַרויס פאַר זיך די עטלעכע שוידערלעכע בלעטער פון מיין לוח פון אַ פאַרשאָלטענעם.

בייז בלוט

איך האָב פון מיינע גאַלישע אָבות דאָס בלוי־ווייסע אויג, דאָס ענגע געהירן, די לאַ־יצלח׳דיקייט אין קאַמף.

מיין קליידונג איז פּונקט אַזוי באַרבאַריש, ווי זייערע, נאָר איך שמיר ניט מיינע האָר.

די גאַליער זיינען געווען הויט־שינדער פון חיות, פאַרברענער פון שניט, טפשותדיקע צעשטערער אין זייער צייט.

פון זיי האָב איך די עבודה־זרה און די נטיה צו חילול השם: אַ, אַלע זינד, כעס, תאווה — הערליך דער לוקסוס, בפרט שקר און פוילקייט.

איך האָב אַן אָפּשיי פאַר אַלע מלאכות. אַלע פוילערן — נחות דרגא׳ס. די האַנט מיט דער פעדער איז פּונקט אַזוי פיל ווערט, ווי די האַנט מיטן אַקער־אייזן. וואָס פאַר אַ יאָרהונדערט פון הענט!

איך וועל קיינמאָל ניט באַנוצן מיין האַנט. נאָך אַלע־מען פירט די דינעריי צו ווייט. די ערליכקייט פון בעט־לעריי צעברעכט מיך. די פאַרברעכער זיינען מיר צוווי־דער ווי די קאַסטראַטן. איך: איך בין אינטאַקט און עס איז מיר אַלץ איינס.

אָבער! ווער האָט געמאַכט מיין צונג אַזוי נידעריק? זי זאָל האָבן ביז איצט אָנגעפירט און באַרעכטיקט מיין פוילקייט? איך האָב זיך אפילו ניט באַנוצט מיט מיין גוף, פוילער פון אַ זשאַבע, האָב איך געלעבט אומעטום. ניט פאַראַן קיין פאַמיליע אין אייראָפּע, וואָס איך זאָל זי ניט קענען. איך מיין פאַמיליעס, ווי מיינע, וואָס פירן אַלץ צוריק צו דער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט. איך האָב געקענט יעדן זון פון אַ גוטער משפחה.

*

ווען איך וואָלט האָבן אבות אַרום עפּעס אַ מאָמענט פון פראַנקרייכס געשיכטע! נאָר ניין! גאָר ניט.

עס איז פאַר מיר קלאָר, אַז איך האָב תמיד באַלאַנגט צו אַ מינדערווערטיקער ראַסע. איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין קיין רעוואָלט. מיין ראַסע האָט זיך קיינמאָל

ניט אויפגעהויבן, סיידן צו רויבן. ווי די וועלף איבער די בהמות, וועלכע זיי טויטן נישט.

איך דערמאָן זיך אָן דער געשיכטע פון פראַנקרייך, פון דער עלטסטער טאָכטער פון דער קירך. איך, דער באָסיאַק, וואָלט באַדאַרפט מאַכן די נסיעה צום הייליקן לאַנד. איך האָב אין קאָפּ אַלע מאַרשרוטן, שוואבישע טאָלן, אויסקוקן פון ביזאַנץ, פעסטונגען פון ירושלים, דער קולט פון מאַריאַ, דער צערטליכער צער איבער דעם גע־קרייציקטן, דערוועקן זיך אין מיר איינינעם מיט טויזנט פראָפּאַגנע צויבערן, — איך זיץ לעפּרא־קראַנק איבער צעבראָכענע טעפּ און קראָפּעווע, צופּיסנס פון אַ מויער, וואָס איז צעפרעסן פון דער זון. שפּעטער וואָלט איך, אַ ריטער, געלאַגערט אונטער די נעכט פון דייטשלאַנד.

און ווייטער: איך טאַנץ דעם שבת אין אַ רויטער באַלויכטונג, מיט זקנות און מיט קינדער.

אַ חוץ אָט דער וועלט, און דעם קריסטנטום, האָב איך ניט קיין זכרונות. איך וועל קיינמאָל ניט אויפהערן זיך ווידער צו זען אין דעם דאָזיקן עבר, אָבער תמיד אַליין, אָן משפּחה. און וואָס פאַר שפּראַך וועל איך רעדן? איך זע זיך קיינמאָל ניט אין דער חברותא פון די אדונים — רעפּרעזענטאַנטן פון קריסטוס.

וואָס בין איך געווען אין לעצטן יאָרהונדערט? איך געפין זיך ערשט היינט צוריק. ניט מער קיין וואַגאַבונדן, ניט קיין אַוואַנטיורעס פון מלחמות. די מינדערווערטיקע ראָסע האָט אַלץ פאַרנומען, — דאָס פאָלק, ווי מ׳זאָגט, די פאַרנונפט, די נאַציע, די וויסנשאַפט.

אָ! די וויסנשאַפט. מען האָט אַלץ אָנגעהויבן אויפ־סניי. פאַרן גוף און פאַר דער נשמה — די הייליקע אָונט־מאָלצייט. מען האָט די מעדיצין און די פילאָזאָפיע — באַבסקע רפואות און באַאַרבעטע פאָלקס־לידער. און די פאַרווילונגען פון די פרינצן און די שפּילן, וועלכע זיי

האָבן פאַרבאָטן! געאָגראַפיע, קאָסמאָגראַפיע, טעכניק, כעמי!

די וויסנשאַפט, דער נייער יחוס! די וועלט מאַרשירט! פאַרוואָס זאָל זי זיך ניט אומקערן?

דאָס איז די זעאונג פון די צאָלן. מיר גייען אַנטקעגן דעם גייסט, דאָס איז בלי ספק — דאָס איז אָראַקל, וואָס איך זאָג אָן. איך פאַרשטיי, און אַזוי ווי איך קען דאָס נישט מסביר זיין אָן היידנישע ווערטער, וויל איך ליבער שווייגן.

*

דאָס היידנישע בלוט קומט צוריק. דער גייסט איז נאָענט; פאַרוואָס העלפט מיר ניט קריסטוס און באַהעפט ניט מיין נשמה מיט אײדלקייט און פרייהייט? אַ שאָד! דאָס עוואַנגעליום איז פאַרגאַנגען. דאָס עוואַנגעליום! דאָס עוואַנגעליום.

איך וואַרט אויף גאָט מיט באַגעריקייט. איך באַלאַנג צו דער מינדערווערטיקער ראַסע פון אייביק אָן.

אָט בין איך אויף דעם אַרמאָריקאַנישן שטראַנד. וואָס פאַראַ שטעט באַלייכטן זיך אַנטקעגן אָוונט. מיין טאָג איז פאַרענדיקט. איך פאַרלאָז אייראָפּע. ים־לופט וועט צעגליען מיינע לונגען; פאַרלוירענע קלימאַטן וועלן מיך ברוינען. שווימען, שניידן דאָס גראָז, גיין אויף געיעג. און בפרט רויכערן, טרינקען, משקאות, שטאַרק ווי קאָכנדיק שטאָל — ווי עס האָבן געטאָן אָט די טייערע אבות, זיצנדיק ביים פייער.

איך וועל צוריקקומען מיט גלידער פון אייזן, די הויט טונקל, דאָס אויג ווילד; לויט מיין פנים וועט מען טראַכטן, אַז איך קום פון אַ שטאַרקער ראַסע. איך וועל האָבן גאָלד. איך וועל זיין פויל און ברוטאַל. די פרויען פלעגן אַזעלכע ווילדע אינוואַלידן, צוריק פון וואַרימע לענדער. איך וועל זיין פאַרוויקלט אין פּאָליטישע ענינים. געראַטעוועט.

אַצינד בין איך פאַרשאָלטן. איך האָב אַן אָפּשיי פאַרן פאָטערלאַנד. דאָס בעסטע: זיין זייער שכור אויפן ברעג.

מען פאָרט ניט. לאָמיר זיך ווידער לאָזן אויף די וועגן פון דאַנען, באַלאָדן מיט מיין זינד, די זינד, וואָס האָט געטריבן וואָרצלען פון ליידן אויף מיין זייט, זייט איך בין צו מיין שכל געקומען. — וואָס שטייגט צום הימל, פּייטשט מיך, וואָרפט מיך אום, שלעפּט מיך.

די לעצטע אומשולד, די לעצטע עניוות. עס איז געזאָגט, מען דאַרף ניט פירן איבער דער וועלט מיינע עקלען און מיינע פאַראטן.

לאָמיר גיין! דער מאַרש! די לאַסט... די מדבר. די מידקייט און דער כעס.

צו וועמען זיך פאַרדינגען? צו וואָס פאַראַ חיה מתפלל זיין? וואָס פאַראַ הייליקן אָפּגאָט אַטאַקירן? וועלכע הערצער זאָל איך ברעכן? וועלכע ליגנס דאַרף איך זאָגן? דורך וועלכע בלוט בריזען?

פאַר אַלעמען היטן זיך פאַר גערעכטיקייט! — דאָס לעבן איז האַרט. די פאַררויאונג איז איינפאַך, — אויפהויבן מיט פאַרטרוקענטער פויסט די דעק פון דער טרומנע, זיך אַריינזעצן און זיך דערשטיקן. אָט אַזוי. ניט קיין זקנה, ניט קיין סכנות. דער שרעק איז ניט פראַנצויזיש. אַך, איך בין אַזוי אָפּהענגיק, אַז איך בין מקריב יעדן געצן־בילד, מיין רייסן זיך צו שלימות.

אָ מיין אָפּקומען, מיין וווּנדערבאַרער רחמנות! אָבער דאָ אונטן.

דע פּראָפונדיס דאָמינע, וואָס פאַראַ שוטה איך בין!

*

קינדוויז נאָך פלעג איך באַוווּנדערן דעם אומבויגעוודיקן קרימינאַלניק, הינטער וועלכן עס פאַרשליסט זיך תמיד די תפיסה. איך פלעג באַזוכן קרעטשמעס, די גאַסט־הייזער, וואָס ער פלעגט הייליקן דורך זיין פאַר־

בלייב. איך פלעג אויף זיין אופן זען דעם בלויען הימל, די בליענדיקע אַרבעט אויפן פעלד. איך האָב דערשמעקט פאַטאַליטעט פון די שטעט. ער האָט געהאַט מער קראַפט פון אַ הייליקן און מער פאַרשטאַנד פון אַ וואַיאַזשאַר, און זיך, זיך אַליין פאַר אַן עדות פאַר זיין גלאָריע און זיין פאַרנונפט.

אויף די שאָסייען, דורך די ווינטער־נעכט, אָן אַ גע־לעגער, אָן מלבושים, אָן ברויט פלעגט אַ קול צונויפ־פרעסן מיין געפרוירן האַרץ: שוואַכקייט צו קראַפט, ביזטו דאָס, איז עס קראַפט? דו ווייסט ניט וואוהין דו גייסט, ניט פאַרוואָס דו גייסט. טרעט אָפּ אומעטום, ענטפער אויף אַלץ. מען וועט דיך ניט מער אומברענגען ווי דו וואָלסט זיין אַ „בר־מינן״. צומאַרגנס, איז מיין בליק געווען אַזוי פאַרלוירן, מיין האַלטונג אַזוי טויט, אַז יענע וואָס איך האָב באַגעגענט, האָבן מיך אפשר גאָר ניט געזען.

אין די שטעט האָט די בלאָטע מיר פלוצים אויסגע־וויזן רויט און שוואַרץ ווי אַ שפּיגל, ווען דער לאָמפּ באַוועגט זיך אין דער אַנדערער שטוב, ווי אַן אוצר אין וואַלד! „מזל טוב״, האָב איך אויסגערופן און איך האָב געזען אַ ים פון פלאַמען און פון רויך אויפן הימל, און פון לינקס און פון רעכטס האָבן אַלע רייכקייטן געפלאַמט ווי אַ מיליאַרד פון דונערן.

אָבער די אָרגיע פריינטשאַפט מיט פרויען איז מיר געווען פאַרזאָגט. אפילו ניט קיין חברטע. איך האָב זיך געזען פאַר אַ פאַרביטערטן עולם, פאַר אַ גרופּע סאָלדאַטן, וואָס האָבן מיך געדאַרפט אומברענגען, וועלכע האָבן גע־ויינט, ווייל זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין אַז איך האָב זיי מוחל געווען. — ווי זשאַן ד׳אַרק! —

„פריסטער, פּראָפעסאָרן, לערער, איר מאַכט אַ טעות, מיך איבערצוגעבן צום בית דין. איך האָב קיינמאָל ניט באַלאַנגט צו דעם פאָלק. איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין קריסט: איך באַלאַנג צו דער ראַסע, וואָס האָט גע־

זונגען אויף דער פּאַלטער: איך פאַרשטיי ניט די געזעצן. איך האָב ניט קיין מאָראַלישן זין, איך בין אַ ברוט, איר זייט אייך טועה״.

יאָ, איך האָב מיינע אויגן פאַרמאַכט אַנטקעגן אייער ליכט. איך בין אַ חיה, אַ נעגער, אָבער איך קען נצול ווערן. איר זיינט פאַלשע נעגער, מאַניאַקעס גרויזאַמע, געלט־מאַכער. סוחר, דו ביזט אַ נעגער, גענעראַל, דו ביזט אַ נעגער, באַאַמטער, דו ביזט אַ נעגער: קייזער, דו אַלטע באַגערלעכקייט, ביזט אַ נעגער, האָסט געטרונקען פון אַ ניט טאַקסירטן געטראַנק, פאַבריצירט פונם טייוול. דאָס דאַזיקע פאָלק איז אינספּירירט פונם פיבער און פון קרעבס. קראַנקע און זקנים זיינען אַזוי בכבודיק, אַז זיי בעטן זיך, אָפּגעקאָכט צו ווערן. די קלוגסטע זאַך, איז צו פאַרלאָזן דעם קאָנטינענט, ווו דער שגעון שלייכט אַרום, כדי צו פאַרזאָרגן די דאָזיקע שלימזלניקעס מיט מענטשן־ערב׳ניקעס. איך קלייב זיך צו באַטרעטן דאָס אמת׳דיקע קעניגרייך פון די קינדער פון חם.

צי קען איך נאָך די נאַטור? קען איך זיך? ניט קיין ווערטער מער. איך וועל באַגראָבן די טויטע אין מיין מאָגן. געשריי, פּויק, טאַנץ, טאַנץ, טאַנץ, טאַנץ, איך זע אפילו ניט די שעה, ווו נאָכן אויסשטייגן פון די ווייסע, וועל איך אַריינפאַלן אין נישט. הונגער, דורשט, געשריי, טאַנץ, טאַנץ, טאַנץ, טאַנץ.

*

די ווייסע שיפן זיך אויס. די קאַנאָנען! מען מוז זיך אונטערגעבן צו דער טויפע, זיך אָנטאָן און אַרבעטן.

איך האָב באַקומען דעם שטויס פון גענאָד גלייך אין האַרץ אַריין. אָ, איך האָב דאָס ניט פאָרויסגעזען!

איך האָב ניט געטאָן קיין שום בייז. די טעג וועלן זיין לייכט פאַר מיר, איך וועל פאַרשפאָרן חרטה צו האָבן. איך וועל ניט אָפּקומען די יסורים פון דער נשמה, וואָס

שטאַרבט פון גוטסקייט, ווו דאָס ליכט שטייגט אויף שטרענג ווי די טויטן־ליכטער. דער גורל פון משפחה־קינד, אַ יונגער ארון מיט ליכטיקע טרערן באַגאָסן. פאַר־שייטקייט איז בלי ספק שלעכט, מען דאַרף אָוועקוואַרפן די פאַרפוילטקייט אין אַ זייט, אָבער דער זייגער וועט ערשט דערגיין, כדי צו שלאָגן די שעה פון ריינער טרויער. וועל איך דערהויבן ווערן ווי אַ קינד, כדי צו שפּילן אין גן־עדן און פאַרגעסן יעדן צער?

גיך! זיינען פאַראַן אַנדערע לעבנס? — דער שלאָף אין רייכקייט איז אוממעגלעך. רייכקייט איז דעם עולם תמיד געווען באַקאַנט. נאָר געטליכע ליבע באַשענקט מיט די שליסלען פון וויסנשאַפט. איך זע, אַז די נאַטור איז נאָר אַ ספּעטאַקל פון גוטסקייט. זייט געזונט כימערן, אידעאַלן, טעותים!

דער פאַרנונפט־געזאַנג פון מלאכים דערהויבט זיך פון אויסלייזנדיקן שיף. דאָס איז געטליכע ליבע. — צוויי־פאַכע ליבע, איך וואָלט קענען שטאַרבן פון ערדישער ליבע. אויסגיין פון הכנעה. איך האָב געלאָזן נשמות, וואָס זייער פּיין וועט וואַקסן מיט מיין אַוועקגיין! איר וועט מיך אויסקלייבן צווישן די שיפּברוכיקע: די וואָס פאַר־בלייבן, זיינען זיי ניט מיינע פריינט?

ראַטעוועט זיי! די פאַרנונפט איז מיר איינגעבוירן. די וועלט איז גוט. איך וועל בענטשן דאָס לעבן. איך וועל ליב האָבן מיינע ברידער. דאָס זיינען ניט קיין הבטחות פון קינדהייט. די האָפנונג צו אַנטרינען אַלטקייט און טויט. גאָט האָט באַשאַפן מיין קראַפט און איך לויב גאָט.

*

צאָרן איז ניט מער מיין ליידנשאַפט, כעס׳ן, צולאָזנ־קייטן, די משוגעת, איך קען זייערע עליות, איך קען

זייערע ירידות, — מיין גאַנצע לאַסט איז אָפּגעטאָן. לאָמיר אָפּשאַצן אָן טומל, די מאָס פון מיין אומשולד.

איך וועל ניט מער מסוגל זיין צו פאַרלאַנגען די טרייסט פון שמיץ. איך גלויב ניט, אַז איך האָב זיך איינגעשיפּט צו אַ חתונה, מיט יעזוס קריסטוס פאַר אַ שווער.

איך בין ניט קיין געפאַנגענער פון מיין פאַרנונפט. איך האָב געזאָגט: גאָט. איך באַגער די פרייהייט אין דער אויסלייזונג: ווי אַזוי זי דערגרייכן? די פריוואָלע השגות האָבן מיך פאַרלאָזן. ניטאָ מער קיין באַדערפעניש פון הכנעה: און ניט פון געטליכער ליבע. מיר פעלט ניט דאָס יאָרהונדערט פון די געפילפולע הערצער. יעדער האָט זיין פאַרנונפט, זיין ביטול און זיין רחמנות. איך באַהאַלט מיין פלאַץ אויבן אָן אויף דער אויבערשטער מדרגה פון דער מלאכים־לייטער פון שכל־הישר.

און וועגן פאַרפונדעוועטן גליק, קנעכט צו נישט... ניין, איך קען ניט. איך בין צו פאַרשווענדט, צו שוואַך. דאָס לעבן בליט דורך אַרבעט. אַן אַלטער אמת: מיין לעבן איז ניט גענוג וואָגיק, עס פליט אַוועק, עס שווימט ווייט, אויבערהאַלב פון אַקציאָן, דעם דאָזיקן מיטלפּונקט פון דער וועלט.

ווי איך ווער דאָס אַן אַלטע מויד, וואָס האָט ניט קיין מוט, דעם טויט צו ליבן. וואָלט גאָט מיר באַשערט הימלישע, לוסטיקע רואיקייט צו תפילה, ווי די אַלטע הייליקע. די הייליקע, די שטאַרקע, די מתבודדים, די קינסטלער, וואָס זיי זיינען ניט מער בנמצא. אַ שטענדיקע פאַרס? מיין אומשולד וועט מיך טרייבן צום וויינען. דאָס לעבן איז די פאַרס, וואָס אַלע דאַרפן שפּילן.

*

גענוג! אָט איז דער עונש. אין וועג אַריין! אָ, די לונגען ברענען, די שלייפן האַמערן. די נאַכט וואַלגלט זיך אין מיינע אויגן, אין אָט דער זון! דאָס האַרץ! די גלידער.

ווהין גייט מען? צום קאַמף? איך בין שוואַך! אַנדערע גייען פאָרויס. די געצייג, די כלי זיין... געצייטן...!

פייער! פייער אויף מיר! ווו איך גיב זיך אונטער — פחדנים! איך וועל זיך אומברענגען! וואַרף זיך די פערד אונטער די פיס! אָ!...

איך וועל זיך צוגעוווינען דערצו.

דאָס וועט זיין דאָס פראַנצויזישע לעבן. דער וועג צו כבוד.

נאַכט אין גהינם

איך האָב פאַרשלונגען אַ געהעריקע פּאָרציע פון סם. דריי מאָל זאָל געבענטשט זיין די עצה, וואָס איך האָב באַקומען! מיר ברענגען די איינגעווייד. דאָס שטאַרקע גיפט צערייסט מיינע גלידער, פאַרקריפּלט מיך, וואַרפט מיך צו דער ערד. איך שטאַרב פון דורשט. איך ווער דערשטיקט. איך קען ניט שרייען. דאָס איז דער גהינם, דער אייביקער ווייטאָק! זעט, ווי דאָס פייער פלאַקערט ווידער אויף. איך ברען ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. גיי, דעמאָן!

איך האָב פאַרויסגעזען די פאַרוואַנדלונג צום גוטן, און צו מזל די דערלייזונג. קען איך באַשרייבן די וויזיע? די לופט אין גהינם פאַרטראָגט ניט קיין הימנען! עס זיינען געווען מיליאָנען שאַרמאַנטע קרעאַטורן, אַ ליבליך גייס־טיקער קאָנצערט. די קראַפט און דער פרידן, די נאָבעלע אַמביציעס, וואָס ווייס איך?

די נאָבעלע אַמביציעס!

און דאָס איז נאָך דאָס לעבן! — אויב פאַרדאַמונג איז אייביק! אַ מענטש, וואָס וויל זיך פאַרקריפּלען, איז דאָך פאַרשאָלטן, ניט אמת? איך גלויב, אַז איך בין אין גהינם, בין איך דאָס אַוודאי. דאָס איז דער אויספיר פון קאַטעכיזם. איך בין דער קנעכט פון מיין טויפע. עלטערן! איר האָט גורם געווען מיין אומגליק, איר האָט גורם

געוועזן אייערס. אָרימער תּם! דער גהינום קען ניט אַטאַ־קירן קיין היידן.

דאָס איז אַלץ נאָך לעבן! שפּעטער וועלן די תּענוגים פון פאַרדאַמונג ווערן טיפער. אַ חטא, אויף גיך! כדי איך זאָל נאָך פאַלן אין נישטיקייט, דורכן מענטשלעכן געזעץ.

שווייג, שווייג דאָך!... דאָס איז די בושה, דער פאַרוואורף דאָ: דער שטן זאָגט, אַז דאָס פייער איז געמיין, אַז מיין צאָרן איז מוראדיק נאַריש. —

גענוג!... די טעותים וואָס מען רוימט מיר איין אין אויער, די כשופן, פאַלשע פאַרפיומען, קינדישע מוזיקן! — און זאָגן, אַז איך פאַרמאָג דעם אמת, אַז איך זע די גערעכטיקייט: איך האָב אַ געזונטן און זיכערן אורטייל. איך בין גרייט פאַר שלימות!

גאווה! — די הויט פון מיין קאָפּ ווערט אויסגעטרוקנט. רחמים, אַלמעכטיקער, איך האָב מורא. איך בין דורשטיק. קינדהייט, דאָס גראָז, דער רעגן, די אָזערע איבער די שטיינער, דאָס לבנה־ליכט, ווען דער גלאָקן־טורעם האָט געשלאָגן צוועלף... דער טייפל זיצט אין טורעם אין דער דאָזיקער שעה. מאַריע! הייליקע יונגפרוי, אַ, דער שרעקן פון מיין טפּשות!

איך האָב אַ קישן אויף מיין מויל, זיי וועלן מיך ניט הערן, דאָס זיינען פאַנטאָמען. אגב, קיינער טראַכט קיינ־מאָל ניט וועגן צווייטן. זאָל קיינער ניט צוקומען נענטער. איך שפּיר בראַנד־גערוך, דאָס איז זיכער.

די האַלוצינאַציעס זיינען אומציילִיק. איך האָב דאָס שוין געהאַט פון תּמיד אָן. ניט מער קיין גלויבן אין געשיכטע. דאָס פאַרגעסן פון פּרינציפּן. וועגן דעם וועל איך שווייגן: פּאָעטן און וויזיאָנערן וואָלטן געווען אייפער־זיכטיק. איך בין טויזנט מאָל רייכער. טאָ לאָמיר זיין קאַרג ווי דער ים.

אַ, זע! דער זייגער פון לעבן האָט זיך נאָרוואָס אָפּגעשטעלט. איך בין נישט מער אויף דער וועלט. —

די טעאָלאָגי איז ערנסט. דער גהינם איז זיכער אונטן און דער הימל אויוון. — עקסטאַז, קאָשמאַר, שלאָף, אין אַ נעסט פון פלאַמען.

וויפיל בייזקייט איז אין דער וואַכזאַמקייט פון דאָרף... שטן, פערדינאַנד לויפט מיט ווילדע קערנער. ישו טאַנצט איבער פורפורענע קוסטן און בייגט זיך ניט איין.. ישו האָט געשפּאַנט איבער באַוועגטע וואַסערן. דער לאַמטערן האָט אים אונז באַוויזן, שטייענדיק ווייט מיט ברוינע לאָקן ביי דער זייט פון אַ כוואַליע פון עמעראַלד...

איך וויל אַנטשלייערן אַלע מיסטעריעס. רעליגיעזע מיסטעריעס, אָדער נאַטירלעכע, טויט, געבורט, צוקונפט, פאַרגאַנגנהייט, קאָסמאָגאָניע, דעם נישט. איך בין מייס־טער פון פאַנטאַזמאַגאָריעס. הערט איך איין!...

איך האָב אַלע טאַלענטן! — קיינער איז דאָ ניטאָ און עמיץ איז דאָ. איך וויל ניט פאַרשווענדן מיין אוצר. — וויל מען נעגער־געזאַנגען? הוריי־טענץ? וויל מען איך זאָל פאַרשווינדן, זיך אַראָפּלאָזן, כדי צו זוכן דעם רינג? וויל מען דאָס? איך וועל מאַכן גאָלד און רפואות.

גיט אייך איבער אין מיין רשות, אמונה דערלייכ־טערט, פירט אָן, היילט. קומט אַלע, אפילו די קליינע קינדער, כדי איך זאָל אייך טרייסטן, כדי אויסגיסן זיין האַרץ דאָס וווּנדערבאַרע האַרץ פאַר אייערטוועגן! — אָרעמע מענטשן, אַרבעטער! איך פאָדער ניט קיין תּפילות. מיט אייער צוטרוי אַליין וועל איך זיין גליקליך.

— און לאָמיר טראַכטן וועגן מיר. דאָס וועט גורם זיין, איך זאָל כמעט ניט בענקען נאָך דער וועלט.

איך האָב אַ שאַנס, ניט מער צו ליידן. מיין לעבן איז באַשטאַנען פון זיסע נאַרישקייטן און דאָס איז צו באַדויערן...

בכן לאָמיר מאַכן כל המינים גרימאַסן. מיר זיינען בלי ספק מחוץ פון דער וועלט. ניטאָ מער קיין שאָרך, מען קען גאָרניט מער אָנטאַפּן. אָ, מיין שלאָס, מיין באָקס־

האָרן מיין וואַלד פון ווערבעס. די אָוונטן. די מאָרגנס. די נעכט. די טעג... ווי מיד איך בין.

איך וואָלט ווערט געווען מיין גהינם פאַר כעס, מיין גהינם פאַרן שטאָלץ, און דעם גהינם פאַר פוילקייט: אַ קאָנצערט פון גהינם׳ס.

איך שטאַרב פון מידקייט. דאָס איז דער קבר און איך גיי אַנטקעגן די ווערעם, שרעקן פון שרעקן! שטן, דו קונצן־מאַכער, דו ווילסט מיך פאַנאַנדער נעמען מיט דיינע כשופן, איך פאַרלאַנג, איך פאָרדער, אַ שמיץ מיט דער גראבליע, אַ טראָפּן פייער.

אָ! ווידער אויפקומען צום לעבן! קוקן אויף אונד־זערע פאַרזעעענישן. און דאָס גיפט, דער קוש, טויזנט מאָל פאַרפלוכט! מיין שוואַכקייט, די גרויזאַמקייט פון דער וועלט! מיין גאָט, רחמים, פאַרבאָרג מיך, איך פיל זיך זייער שלעכט! — איך בין פאַרבאָרגן און בין עס ניט.

דאָס איז דאָס פייער, וואָס דערהויבט זיך מיט זיין פאַרשאָלטענעם.

I. דעליריעס

משוגענע יונגפרוי
דער העלישער מאַן

לאָמיר אויסהערן דעם ודוי פון אַ חבר אין גהינם.

„אָ, געטליכער מאַן, מיין אויבער־האַר, וואַרף ניט אָפּ דעם ודוי פון דער טרויעריקסטער פון דיינע די־נערנס. איך בין פאַרלוירן. איך בין פאַרכשופט. איך בין אומריין. וואָס פאַר אַ לעבן!

„מחילה, געליבטער האַר, מחילה! זיי מוחל! וויפיל טרערן, און וויפיל דערנאָך, האָף איך.

„שפּעטער וועל איך אים קענען, דעם געליבטן מאַן! איך בין געבוירן געוואָרן, צו זיין אונטערוואָרפן אונטער אים. — דער אַנדערער מעג מיך שלאָגן אַצינד.

„אַצינד בין איך אויפן גרונט פון דער וועלט. אָ, מיינע חברטעס!... נאָך ניט געווען אַזעלכע טאָרטורן, אַזעלכע דעליריעס.. איז דאָס נאַריש!

אָ, איך לייד, איך שריי, איך לייד אמתדיק. פון דעסטוועגן, אַלץ איז מיר דערלויבט, באַלאָדן מיט ביטול פון די הערצער, וואָס זיינען צום טיפסטן בטל געוואָרן.

„סוף כל סוף, לאָמיר זיך מודה זיין, איבערחזרן אפילו נאָך צוואַנציק מאָל, אַזוי אָן אַ מיין!

„איך בין די שקלאַפין פון העלישן האַר, פון דעמ־זעלביקן האַר, וואָס האָט פאַרניכטעט די משוגענע יונג־פרויען. אָט דאָס איז דער טייוול, וואָס איז ניט קיין געשפענצט, ניט קיין פאַנטאָם. איך אָבער, וואָס איך האָב פאַרלוירן דעם שכל, וואָס איך בין פאַרפלוכט און טויט אויף דער וועלט — מען וועט מיך ניט אומברענגען. ווי זאָל איך דאָס אייך באַשרייבן? אפילו ריידן קען איך ניט מער. איך בין אין טרויער, איך וויין, איך האָב מורא. אַביסל פרישקייט, האַר, אויב דו ווילסט, אויב דו ווילסט נאָר!

„איך בין אַן אלמנה... איך בין געווען אַן אַלמנה... אָבער, אמת, דעמאָלט בין ערנסט געווען, און ניט געבוירן, כדי צו ווערן אַ סקעלעט. — ער איז כמעט אַ קינד געווען. זיינע מיסטעריעזע צאַרטקייטן האָבן מיך פאַרפירט. איך האָב פאַרגעסן מיינע מענטשליכע פליכטן, כדי אים צו פאָלגן. וואָס פאַראַ לעבן! דאָס אמתע לעבן איז ניט דאָ. מיר זיינען ניט אויף דער וועלט. איך גיי וווהין ער גייט. איך מוז. און ער בייזערט זיך אויף מיר, אויף מיר, דער אָרעמער נשמה. דער דעמאָן! — דאָס איז אַ דעמאָן, פאַרשטייט איר, דאָס איז נישט קיין מענטש.

„ער זאָגט: איך האָב ניט ליב קיין פרויען. די ליבע, אַזוי זאָגט מען, מוז ווידער אַנטפּלעקט ווערן. זיי זיינען אפילו ניט בכח צו פאַרלאַנגען מער ווי אַ געזיכערטע שטעלונג. איז די זיכערקייט געווונען, זיינען האַרץ און

שיינקייט אַוועקגעלעגט אָן אַ זייט. בלייבט נאָר קאַלטע פּאַראַכטונג. צוזאַמענלעבן איז די פּרנסה, היינט צו טאָג. צומאָל זע איך פּרויען מיט אַלע סימנים פון גליק, פון וועלכע איך וואָלט געוועןן קענען מאַכן גוטע חברטעס, אָבער זיי ווערן באַלד פאַרשלונגען פון געפּילפּולע גראָבע יונגען פון שייטערהויפן.

„איך הער ווי ער מאַכט פון שענדליכקייט אַ גלאָריע, פון גרויזאַמקייט אַ חנדל. איך בין פון אַ ווייסער ראַסע: מיינע אבות זיינען געוועןן סקאַנדינאַוויער: זיי האָבן זיך אויפגעשניטן די זייטן און געטרונקען זייער בלוט. איך וועל זיך מאַכן קאַרבן אויפן גאַנצן גוף. איך וועל זיך טעטאָווירן, איך וועל ווערן משונהדיק מיאוס, ווי אַ מאַנגאַל, דו וועסט זען, איך וועל ברילן אין די גאַסן. איך וועל משוגע ווערן פון כעס. ווייז מיר קיינמאָל ניט קיין צירונג. איך וועל זיך וואַלגערן און קאָרטשען אויפן קאָבריץ. קיינמאָל וועל איך ניט אַרבעטן...

„אין מאַנכע נעכט פלעגט זיין דעמאָן מיך אָנכאַפּן. מיר האָבן זיך געוואַלגערט, איך האָב זיך געראַנגלט מיט אים! דורך די נעכט אָפטמאָל שכור, פלעגט ער לויערן, אויפן גאַס צו אין די הייזער, כדי מיך איבערצושרעקן אימת מות. מען וועט מיר נאָך אמתדיק אָפּשניידן דעם האַלדז: דאָס וועט זיין עקלהאַפט. אָ, יענע טעג, ווען ער וויל אַרומגיין מיט אַ פּנים פון אַ פאַרברעכער!

„צומאָל רעדט ער מיט אַ מין צערטליכן דיאַלעקט וועגן טויט, וואָס ברענגט חרטה, וועגן די אומגליקליכע, וואָס זיינען זיכער פאַראַן, וועגן שווערער אַרבעט, וועגן געזעגענען זיך וואָס צערייסט הערצער. אין שענקלעך וווּ מיר פלעגן זיך אָנשכורן פלעגט ער וויינען, באַטראַכטנדיק יענע וואָס זיינען געוועןן אַרום אונדז, די בעסטיע פון עלנט. ער פלעגט אויפצוהייבן די שכורים אין די טונקעלע גאַסן. געהאַט דעם רחמנות פון אַ בייזער מוטער פאַר קליינע קינדער. ער פלעגט אַוועקצוגיין מיט די

צערטליכקייטן פון אַ קליין מיידעלע צום קאַטעכיזם. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער איז בקי אין אַלץ בעיקר אין מסחר, קונסט און מעדיצין. איך בין אים נאָכגעגאַנגען. איך האָב געמוזט.

„איך האָב געזען דעם גאַנצן צירונג, אין וועלכן ער האָט זיך אין גייסט איינגעהילט. מלבושים, שטאָפן, מעבל. איך האָב אים אויסגעליען וואָפן און אַן אַנדערע פיגור. איך האָב געזען אַלץ, וואָס איז אים געווען נוגע, אַזויווי ער אַליין וואָלט דאָס וועלן באַשאַפן פאַר זיך. אויב ער האָט מיר אויסגעזען צו זיין אין אַ שלעכטן מצב רוח בין איך אים נאָכגעגאַנגען, ווייט, אַליין אין זעלטזאַמע און קאָמפּליצירטע עבודות, גוטע צו שלעכטע. איך בין זיכער געווען, אַז איך וועל ניט אַריינדרינגען אין זיין וועלט; וויפיל נאַכטיקע שעהן האָב איך ניט געוואַכט לעבן זיין טייערן איינגעשלאָפענעם גוף, און געזוכט צו דער־גיין פאַרוואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט אויס־מיידן די ווירקליכקייט. קיינמאָל האָט קיין מענטש ניט געהאָט אַזאַ פאַרלאַנגען. איך האָב דערקענט — פאַר אים אַליין האָב איך ניט מורא געהאַט — ער קען ווערן אַן ערנסטע סכנה פאַר דער געזעלשאַפט. פאַרמאָגט ער אפשר די סודות צו פאַרבייטן דאָס לעבן? ניין, ער זוכט נאָר, האָב איך זיך געענטפערט. סוף כל סוף זיין רחמנות איז פאַרכישופט און איך בין דערינען געפאַנגען. קיין שום אַנדערע נשמה וואָלט ניט געהאַט גענוג כח — כח פון פאַרצווייפלונג — דאָס אויסצוהאַלטן, כדי צו זיין באַשיצט און געליבט פון אים. אַ חוץ דעם האָב איך עס מיר ניט געקענט פאָרשטעלן מיט אַן אַנדערער נשמה, מ׳זעט נאָר דעם אייגענעם מלאך. קיינמאָל ניט דעם מלאך פון אַן אַנדערן. אַזוי גלויב איך. איך בין געווען אין זיין נשמה ווי אין אַ פּאַלאַץ, וואָס מען האָט אויסגעליידיקט, כדי ניט געצוואונגען צו זיין, אויפצונעמען עמיצן, אַזוי ווייניק נאָבל ווי דו: דאָס איז אַלץ. ליידער! איך בין געווען

זייער אָפּהענגיק פון אים. אָבער וואָס האָט ער געוואָלט פון מיין טריבן און שפּלן לעבן? ער האָט מיך ניט בעסער געמאַכט, אויב ער האָט מיך ניט געמאַכט שטאַרבן. מיט טרויעריקן פאַרדרוס האָב איך אים טיילמאָל געזאָגט: איך פאַרשטיי דיך. ער האָט געצויגן מיט די אַקסלען.

„אַזוי האָט מיין ליידן זיך דערנייערט אָן אויפהער. אין מיינע אויגן, בין איך נאָך מער געווען פאַרפירט ווי אין אַלעמענס אויגן. זיי וואָלטן מיך געווען ווען באַ־טראַכטן, ווען איך וואָלט ניט געווען פאַראורטיילט, צו ווערן אויף אייביק פאַרגעסן פון אַלעמען! איך בין געווען אַלץ מער און מער פאַרהונגערט נאָך זיין גוטסקייט, זיין קושן, זיינע געליבטע צערטליכקייטן זיינען געווען הימל, אַ פינצטערער הימל, וווהין איך בין אַריינגעגאַנגען און ווו איך וואָלט געווען ווען פאַרבלייבן, אָרעם, טויב, שטום, בלינד. איך האָב זיך שוין געהאַט צוגעוווינט דערצו. איך האָב אונדז ביידע געזען, ווי צוויי גוטע קינדער, וואָס מעגן פריי אַרומשפּאַצירן אין גן־עדן פון טרויעריקייט. מיר האָבן זיך איינגעשטימט איינער אויפן צווייטן, טיף באַ־וועגט האָבן מיר איניינעם געאַרבעט. אָבער, נאָך אַ דורכ־דרינגענדיקער צערטליכקייט האָט ער געזאָגט: ווי מאָדנע וועט דיר אויסקומען אַלץ, וואָס דו האָסט דורכגעמאַכט ווען איך וועל דאָ מער ניט זיין. אַז דו וועסט מער ניט האָבן מיינע אָרעמס אויף דיין האַלדז און ניט מיין האַרץ, זיך דאָרט אויסצורוען, ניט מיינע ליפּן אויף די אויגן. ווייל אין אַ שיינעם טאָג וועל איך מוזן אַוועקגיין זייער ווייט. וואָרום איך וועל מוזן העלפן אַנדערע. דאָס איז מיין חוב. ווי ווייניק באַטעמט דאָס זאָל ניט זיין... נשמה טייערע... תיכף ומיד האָב איך פאַרויסגעפילט זיין אַוועקגיין. איך האָב זיך דערפילט אַלס דער קרבן פון שווינדל, און אַריינגעוואָרפן אין שרעקליכסטן שאָטן. דעם טויט. איך האָב ביי אים געפּועלט, מיר צוצוזאָגן אַז ער וועט מיך ניט פאַרלאָזן. ער האָט מיר צוואַנציק מאָל גע־

געבן די הבטחה פון אַ געליבטן. דאָס איז געווען אַזוי פּריוואַל, אַז איך האָב אים געזאָגט: איך פאַרשטיי דיך".

„אָ, איך בין קיינמאָל ניט געווען אייפערזיכטיק אויף אים. ער וועט מיך ניט איבערלאָזן מיין איך. וואָס וועט פון אים ווערן? ער האָט ניט קיין שום באַקאַנטשאַפט. ער וועט קיינמאָל ניט אַרבעטן. ער וויל לעבן סאָמנאַבול. צו וועט זיין רחמנות, זיין גוטסקייט אים געבן אַ רעכט אין דערווירקליכער וועלט? פאַר מאָמענטן פאַרגעס איך, ווי טיף איך בין אַראָפּגעפאַלן: ער וועט מיך שטאַרק מאַכן. מיר וועלן רייזן, יאָגן אין דער ווילדערניש, מיר וועלן שלאָפן אויפן פלאַסטער פון אומבאַקאַנטע שטעט. אָן זאָרגן. אָן וויטאָקן, און איך וועל זיך אויפכאַפּן, און די געזעצן און די זיטן וועלן זיין געענדערט. — אַ דאַנק צו זיין מאַגישער קראַפט. אָדער די וועלט וועט בלייבן די אייגענע און וועט מיך לאָזן מיט מיינע פאַרלאַנגען, מיינע פריידן, מיינע נאָנשאַלאַנסן... אָ, די וועלט פון אַוואַנטור־רעס, וואָס עקזיסטירט אין קינדער־ביכלעך, וועסטו זי מיר באַשערן, כדי מיך מפרנס צו זיין ווייל איך האָב אַזוי פיל געליטן? ער קען ניט. איך קען ניט זיין אידעאַל. ער האָט מיר געזאָגט אַז ער האָט חרטות און האָפנונגען, און אַז דאָס דאַרף מיך ניט אָנגיין. רעדט ער מיט גאָט? אפשר וואָלט איך זיך דאַרפן ווענדן צו גאָט? איך בין אין דער טיפסטער טיפעניש פון אָפּגרונט און איך קען ניט קיין תפילה טאָן.

„ווען ער וואָלט מיר דערקלערט זיינע טרויעריקייטן, וואָלט איך זיי בעסער פאַרשטאַנען ווי זיין לצנות. ער אַטאַקירט מיך, ער פאַרברענגט שעה'ן כדי מיך צו פאַר־שעמען מיט אַלץ, וואָס האָט מיך געקענט רירן אין דער וועלט. ער ווערט ברוגז, ווען איך וויין.

— „דו זעסט דעם עלעגאַנטן יונגן מענטשן, וואָס גייט אַריין אין אָט דעם שיינעם רואיקן הויז: ער הייסט דוּוואַל, דופור, אַרמאַן, מאָריס, וואָס ווייס איך? אַ פרוי

האָט זיך אַוועקגעגעבן, צו ליבן אָט דעם בייזן אידיאָט. זי איז טויט און אַצינד אַוודאי אַ הייליקע אין הימל. דו וועסט מיך ברענגען צום שטאַרבן, אַזוי ווי ער האָט געמאַכט שטאַרבן די דאָזיקע פרוי. דאָס איז אונזער גורל, מיר מיט אונדזערע דערבאַרעמדיקע הערצער...

„לײדער, פֿאַראַן געווען טעג, ווען אַלע אַקטיווע מענטשן זיינען אים אויסגעקומען ווי טאָקן אין אַ גראַ־טעסקן שפּיל: ער פלעגט לאַכן, מוראדיק און לאַנג. — שפּעטער פלעגט ער צוריק אָננעמען זיינע מאַנירן פון אַ יונגער מוטער, פון אַ משוגענער, פון אַן עלענטער שוועס־טער. ווען ער וואָלט געווען ווייניקער ווילד, וואָלטן מיר געווען געראַטעוועט. אָבער זיין מילדקייט איז אויך טויטנדיק. און איך בין פון אים אָפּהענגיק, איך גיי אַראָפּ פון זינען.

אין אַ שיינעם טאָג וועט ער אפשר גאָר פאַרשווינדן אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן. וואָרן איך וואָלט וועלן אַביסל זען די עליות פון מיין קליינעם פריינט!

אַ קאָמיש געשפּאָן!

II. דעליריעס

די אַלכעמי פון וואָרט

און צו מיר אַליין. די געשיכטע פון איינער פון מיינע משוגעת׳ן. איך האָב זיך געריימט פון לאַנג אָן, אַז איך באַזיץ אַלע מעגליכע פּייזאזשן, און איך האָב געמאַכט חוכא וטלולא פון אַלע באַרימטקייטן פון מאָדערנער מאָ־לעריי און פּאָעזי.

איך האָב ליב געהאַט אידיאָטישע מאָלערייען, אויבערטיילן פון טירן, פאַרצירונגען, לייוונטן פון מאַרק־שרייער. שילדן, פּאָפּולערע אילומינאַציעס, אַלטמאָדישע ליטעראַטור, דאָס לאַטיין פון דער קירכע, עראָטישע בי־כער אָן אָרטאָגראַפיע, ראָמאַנען פון אונדזערע עלטער־

באָבעס, צויבער־געשיכטן, קליינע קינדער־ביכער, אַלטע אָפּערעס, נאַרישע רעפרײנס, נאַאיווע ריטמען.

איך האָב געחלומט וועגן קרייץ־צוגן, אַנטפּלעקונגס־רייזן צו וועלכע מען האָט ניט קיין שייכות. רעפּובליקן אָן געשיכטע, דערשטיקטע רעליגיעזע מלחמות, רעוואָ־לוציעס און מידות, פאַרשיבונגען פון ראַסן און קאָנטינענטן. איך האָב געגלויבט אין אַלע פאַרצויבערונגען.

איך האָב אַנטפּלעקט די פאַרב פון וואָקאַלן, אַ שוואַרץ, ע, ווייס, אי, רויט, אָ, בלוי, או, גרין. איך האָב רעגולירט די פאָרעם און די באַוועגונג, פון יעדן קאָנסאָנאַנט, און מיט אינסטינקטיווע ריטמען האָב איך זיך איינגערעדט צו געפינען אַ פּאָעטיש וואָרט, וואָס וועט אין איין שיינעם טאָג זיין צוגענגליך צו אַלע זינען. איך האָב רעזערווירט די איבערזעצונג.

לכתחילה איז דאָס געווען אַ שטודיום, איך האָב גע־שריבן די שטילקייטן, די נעכט, איך האָב אויפגענומען דאָס וואָס לאָזט זיך ניט אויסדריקן. איך האָב פיקסירט די שווינדליקייטן.

*

ווייט פון די פויגל, פון די פויערטעס פון שאָף און רינד,
די קני געבויגן אין טויזנט־גילדן־קרויט,
די קוסטן האָזל־ניס צאַרט באַטויט,
וואָס טרינק איך אין נאָכמיטאָג פון נעפּל בלינד?

און יונג איז די אָאזע און דער טרונק, מיין קליינע,
ווערבעס און קולות, פעלדער אָן געבליטן, דער הימל אָן
אַ כמאַרע
די געלע דיונעס, ווי ווייט איז נאָך מיין היים,
משקה גאָלדענע, די הויט ווערט שוויס און פאַרע.

איך האָב געמאַכט אַ קאָסע שילד אין איינפאַר הויז,
אַ שטורעם האָט דעם הימל געיאָגט. אַנטקעגן נאַכט
האָט וואַסער פון די וועלדער איבערן יונגן זאַמד געברויזט,
דער ווינט פון גאָט האָט בערג פון אייז צוקראַכט.

ווייַנענדיק האָב איך געָלד געזוען און טרינקען ניט געקענט,
און זומער, פּיר אַ זייגער אין באַגינען,
דער שלאָף פון ליבע איז נאָך טיף,
אונטער קוסטן פּאַרעס שפּינען
פון אָוונט־פּריידן אַ רעליעף.

דאָרטן אין זייער ווייטן האָלצהויף,
אונטער אַ זון פון העספּערידן,
אין הוילע אַרבל זיך באַוועגן
די סטאָליערס גאָר צופרידן.

זיי טעסען די טייערע טאָוולען בנעימות
אין וויסטן גרין פון מאָך,
די שטאָט וועט דאָרטן אָן אַ תרעומות
אויסמאָלען איר פאַלשן תוך.

צוליב די אַרבעטער די ליבע,
שקלאַפן פון אַ מלך פון בבל,
ווענוס! פאַרגעס אַ ווײַלע דיינע טריבן,
מיט זייער געקרוינטער נשמה.

אָ, קעניגן פון באַרג און טאָלן,
צו די אַרבעטער דעם ווייַן פון לעבן טראָג,
כדי זייערע כחות זאָלן בשלום
דערוואַרטן דעם ים־באָד אין מיטן טאָג.

*

פּאָעטיש אַלטוואַרק האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין מיין אַלכעמי פון וואָרט. איך האָב זיך צוגעוווינט צו אַן איינפאַכער האַלוצינאַציע: איך האָב פּשוט געזען אַ מאָשיי אויפן אָרט פון אַ פאַבריק: אַ שול פון טאַמבורן געמאַכט פון מלאכים, קאַרעטעס אויף די שאָסייען פון הימל, אַ סאַלאָן אין דער טיף פון אָזערע. די מאָנסטערס, די מיסטעריעס, דער טיטל פון אַ וואָדעוויל האָט אַרויסגערופן שרעקן פאַר מיר.

שפּעטער האָב איך דערקלערט מיינע מאַגישע סאָפיזמען מיט האַלוצינאַציעס פון ווערטער! צום סוף האָב איך געהאַלטן פאַר הייליק די אומאָרדנונג פון מיין גייסט.

איך בין אַרומגעגאַנגען ליידיק: אַ קרבן פון שווערן פי־בער. איך האָב מקנא געווען דאָס גליקליך־זיין פון חיות, — לארוון, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט די אומשולד פון גלידער, מוילווורפן, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט דעם שלאָף פון יונג־פרוילעכקייט.

מיין כאַראַקטער איז געוואָרן פאַרביטערט. איך האָב זיך געזעגנט מיט דער וועלט מיט אַ מין סאָרט פון ראָ־מאַנס:

דאָס ליד פון העכסטן טורעם

זי זאָל קומען, זי זאָל קומען
די צייט פון נחמה,
איך האָב געוואַרט און געוואַרט,
געדולד אין דער נשמה.
די הימלען זיינען האַרט
די הימלען זיינען שטומע.

און דער דורשט איז מטורף
און די אָדערן ווערן חרוב.
זי זאָל קומען, זי זאָל קומען
די צייט פון נחמה
אויף אַלע פּוסטע פעלדער

פאַרפאַלן און פאַרגעסן,
דאָס זשארן און די בשמים
די פליגן ווערן גרעסער
אינמיטן דערינען, גרויסע, פעטע שפּינען.
זי זאָל קומען, זי זאָל קומען
די צייט פון נחמה.

איך האָב ליב געהאַט די מדבר, די פאַרברענטע סאָ־דעס, פאַרוויאַנעטע קווייטן, לוי־וואַרימע געטראַנקען. איך האָב זיך געוואַלגערט אין שטיקנדיקע געסלעך, די אויגן צוגעמאַכט, האָב איך זיך אויסגעזעצט דער זון, דעם גאָט פון פייער.

„גענעראַל, אויב עס איז נאָך פאַראַן אַן אַלטער קאַנאָן, אין דיין חשובער פעסטונג, באָמבאַרדיר אונדז מיט הויפנס פון טרוקענער ערד, גלייך אין די שויבן פון ערליכע געשעפטן! אַריין אין די סאַלאָנען! זאָל די שטאָט עסן איר שטויב. אָקסידיר די רינווע מאָנסטערס. פול אָן די בודוואַרן מיט גליענדיקן רובינען־שטויב די שכורע פליג ביים אָפּטריט פון איינפיהרהויז, פאַרליבט אין קרויט פון אוגערקעס, וואָס לייזט זיך אויף פון עפּעס אַ שטראַל!

מיינע פאַרלאַנגען זיינען דערגאַנגען
ביז צו ערד און שטיין,
צומאָרגנס מיין שפּייזן
איז לופט און קויט און אייזן.

אַוועק מיינע הונגערס, אַוועק,
דאָס פעלד איז פול פון קלאַנג,
אויף מיט פריילעכן סם באַדעקט,
וויקלען זיך פלאַנצן אין גאַנג.

עסט געהאַקטן שאָטער,
געשפּאַלטן פון געשטיין פון קירכן אַלטע
קאָרע פאַרשטיינטע אין מבול־צייטן,
אין גרויע טאָלן ברויט געזייטע.

*

געשריגן האָט דער וואָלף פון אונטער די בלעטער
געשפּיגן פון זיין מאָלצייט די פעדערן די שיינע
איך עס זיך אויף ווי ער
ביז צו הויט און ביינער.

סאַלאָטן און פרוכטן
וואַרטן אויפן שניט,
די שפּין אין איר געוועב
עסט נאָר פייליכער מיט אַפּעטיט.

לאָזט מיך שלאָפן, לאָזט מיך קאָכן
אויף די מזבחות פון שלמה׳ן
און עס וואָלט מיין בלוט פאַרלאָפן
און מיטן קדרון שווימען.

סוף כל סוף. אָ, גליק, אָ, פאַרנונפט, איך האָב אָפּ־געטיילט פונם הימל דעם אזור, וואָס איז שוואַרץ און איך האָב געלעבט, אַ גאָלדענער פונק פונם ליכט, נאַטור: אויס פרייד האָב איך זיך צוגעווויינט צו אַ קאָמישן, און צומישטן לשון:

*

די שעה, זי דערגייט,
צו וואָס, צו אייביקייט.
דער ים האָט אין פרייד
צו דער זון זיך געגרייט.

נשמה אייביקע,
האַלט דיין שבועה טייער
צו איז די נאַכט אַ נעפּליקע
צו ברענט דער טאָג ווי פייער.

דו וואַרפסט אַראָפּ דעם עול
פון מענטשליכער הסכמה
פון המון־עם דעם קול
דו פליסט אַוועק נשמה.

קיינמאָל ניט שטראַל
קיין האָפן, קיין בטחון,
געדולד און וויסנשאַפט
פון מאַטערניש צו זוכן.

ניט קיין מאָרגן מער,
גלוטן גאָלע זייד
און דיין פול באַגער
אחריותן אַ קייט.

די שעה זי דערגייט,
צו וואָס ? צו אייביקייט.
דער ים האָט מיט פרייד
פאַר דער זון זיך געגרייט.

*

איך בין געוואָרן אַ פאַרכישופטע אָפּערע: איך האָב געזען אַלע באַשעפעניש׳ן האָבן אַ פאַטאַליטעט פון גליק: אַקציאָן איז ניט דאָס לעבן, נאָר אַ מיטל צו פּטרן עפּעס כח, אַן אויסברייינגען פון קראַפט. די מאָראַל איז די שוואַכקייט פון געהירן.

עס האָט מיר אויסגעוויזן אַז צו יעדן באַשעפעניש האָבן געדאַרפט באַלאַנגען מערערע לעבנס. דער דאָזיקער הער ווייסט, וואָס ער טוט: ער איז אַ מלאך. די דאָזיקע משפחה איז אַ טשאַדע פון הינט. אין בייזיין פון מערערע מענטשן האָב איך אַמאָל געפּלוידערט מיט אַן אויגנבליק פון זייערע אַנדערע לעבנס. — אַט אַזוי האָב איך ליב געהאַט אַ חזיר.

קיין שום סאָפיזם פון משוגעת׳ן — פון יענער משוגעת וואָס מען פאַרשליסט — איז פון מיר ניט פאַרגעסן געוואָרן. איך וואָלט זיי אַלע געקענט איבערזאָגן, איך האַלט דעם סיסטעם.

מיין געזונט איז געווען אין סכנה. דאָס שרעקליכע איז געקומען. איך בין געפאַלן אין אַ שלאָף אויף עטליכע טעג. און ווען איך בין אויפגעשטאַנען, האָב איך ממשיך געווען די טרויעריקסטע חלומות. איך בין געווען רייף פאַר יענער וועלט. און דורך אַ וועג פול סכנות האָט מיין שוואַכקייט מיך געפירט, צו די גרעניצן פון דער וועלט און קיין כימעריע, דער היים פון די שאָטנס און פון די ווירבל־שטורעמס. איך האָב געמוזט אַרומפאָרן כדי פאַ־נאַנדערצוזיאָגן די אָנגעזאַמלטע פאַרצויבערונגען פון מיין געהירן. אויפן ים וועלכן איך האָב ליב געהאַט, ווי ער וואָלט מיך דאַרפן אָפּוואַשן פון שמוץ, האָב איך געזען זיך דערהויבן דעם טרויסטנדיקן קרייץ. איך בין פאַרשאָלטן געוואָרן דורכן רעגן־בויגן. גליק איז געווען מיין פאַטאַלי־טעט, מיין חרטה, מיין וואָרעם: מיין לעבן וואָלט תמיד געווען צו געוואַלטיק, כדי צו זיין אָפּגעגעבן צו קראַפט און צו שיינקייט.

דאָס גליק! זיין צאָן, זיס ביז צום טויט, האָט מיך געוואָרנט ביים געקריי פון האָן. „צומאָרגנס" ביז „קריס־טוס איז געקומען" אין די פינסטערע שטעדט.

*

אָ, סעזאָנען, אָ פּאַלאַצן!
וועלכע נשמה איז ריין צו שאַצן!

מיין מאַגיש אויספאָרשן פון גליק,
קיינער ווייכט ניט אויף צוריק.

מאַכט אַ ברכה יעדעס מאָל
דער גאַליער־האָן זינגט אין טאָל.

איך פיל שוין מער ניט קיין באַגער,
ער וועבט אויס מיין לעבנס־מער.

ס'האָט כשוף פאַרוויקלט נשמה און גוף,
אין שאַרבן ליגט מיין לעבנס־רוף.

אָ סעזאָנען, אָ פּאַלאַצן,
פון אַנטלויף, די שעה, ווי באַנג
וועט זיין די שעה פון איבערגאַנג.

אָ סעזאָנען, אָ פּאַלאַצן!

*

דאָס אַלץ איז פאַרביי. היינט ווייס איך צו גריסן די שיינקייט.

דאָס אוממעגלעכע

אָ! דאָס דאָזיקע לעבן פון מיין קינדהייט, דער גרוי־סער שליאַך דורך אַלע וועטערן, איבערמענטשליך ניכ־טער, מער דעסאינטערעסירט ווי דער בעסטער בעטלער, שטאָלץ, ניט צו האָבן קיין פריינט, און ניט קיין לאַנד.

וואָס פאַראַ טפשות דאָס איז געווען. — און איך זע דאָס ערשט אַצינד.

— מיט רעכט האָב איך מבטל געווען יענע פיינע לייט וואָס וועלן ניט פאַרזאַמען קיין געלעגנהייט צו שטי־פעריי, פאַראַזיטן אויף דער ריינקייט און געזונדהייט פון אונדזערע פרויען. בפרט אַצינד ווען די פרויען זיינען אַזוי ווייניק אין הסכם מיט אונדז.

איך האָב רעכט געהאַט צו יעדער פון מיינע פאַראַכ־טונגען. ווייל איך מייד אויס. מייד איך אויס?

איך וועל דאָס אויפקלערן: ערשט נעכטן האָב איך געזיפצט: הימל, וואָס פאַראַ חברה פאַרשאָלטענע מיר זיינען דאָ אונטן! איך בין שוין אַזוי לאַנג איינער פון זייער באַנדע! איך האָב זיי אַלע געקענט. מיר דערקענען זיך תמיד, מיר פאַראַכטן איינער דעם צווייטן. רחמנות איז אונדז אומבאַקאַנט. אָבער מיר זיינען העפליך. אונד־זערע באַציאונגען מיט דער וועלט זיינען זייער לייטיש. איז דאָס אַ חידוש? די וועלט! קרעמערס און נאַאיווע! מיר האָבן ניט אָנגעווירן דעם כבוד. אָבער די אויסדער־ווילטע, ווי אַזוי וואָלטן זיי אונדז אויפגענומען? פאַראַן צווישן זיי ברוגזע און פריילעכע. פאַלשע אויסדערווילטע, ווייל מיר דאַרפן האָבן מוט אָדער עניוות כדי צו זיי צוצוטרעטן.

דאָס זיינען די איינציקע אויסדערווילטע. זיי זיינען ניט קיין בענטשערס!

האָבנדיק צוריקגעפונען מיין פאַרשטאַנד פאַר צוויי סו — דאָס פאַרגייט גיך — זע איך, אַז מיין שלעכטער מצב קומט דערפון וואָס איך האָב זיך ניט אין צייט אַרומגעזען, אַז מיר געפינען זיך אין מערב. די מערב־דיקע זומפן! איך גלויב אפילו ניט, אַז דאָס ליכט האָט זיך געביטן. אַז די פאָרם איז אָפּגעשוואַכט, אַז די באַ־וועגונג איז אַראָפּ פון וועג... אָט אַזוי וויל מיין גייסט נעמען אויף זיך אַלע גרויזאַמע אַנטוויקלונגען, דער גייסט

האָט געליטן פון זייט דער ירידה פון אָריענט... אָט דאָס באַגערט מיין גייסט.

...מיינע צוויי סו פאַרשטאַנד זיינען אויסגעגעבן!
דער גייסט האָט די מאַכט און ער פאַרלאַנגט איך זאָל זיין אין מערב. איך וועל אים מוזן ברענגען צום שווייגן, כדי אויסצופירן, וואָס איך וויל.

איך האָב געשיקט צום טייוול די פלאַמען פון די מערטירער, די שטראַלן פון דער קונסט, די גאווה פון ער־פינדער, דעם מוט פון די רויבערס. איך בין צוריקגעקומען צום מזרח און צו דער ערשטער און אייביקער חכמה. זעט אויס, אַז דאָס איז אַ חלום פון אַן אויסטערלישער פוילקייט!

פון דעסטוועגן האָב איך ניט געטראַכט וועגן פאַר־געניגן, צו אַנטלויפן פון מאָדערנע ליידן. איך האָב ניט אין זינען די ממזר־חכמה פון קאָראַן. — אָבער איז דאָס ניט אונזער שטראָף, אַז זייט דער דאָזיקער דערקלערונג פון דער וויסנשאַפט, קריסטנטום, נאַרט זיך דער מענטש, ברענגט זיך אַליין ראיות און לעבט נאָר אויף דעם אופן? סובטילע נאַרישע מאַטערניש: קוואַל פון מיינע גייסטיקע פאַרבלענדעניש. די נאַטור וואָלט אפשר זיך קענען לאַנג־ווייליקן! הער פרודהאָן איז אוודאי געבוירן געוואָרן מיט קריסטוסן.

איז דאָס ניט ווייל מיר כאָוועז דעם נעפּל? מיר עסן דעם פיבער מיט אונזערע וואַסערדיקע קרייטעכצער. און די שכרות! און דער טאַבאַק! און די עם־הארצות און דאָס אינגאַנצן אָפּגעבן זיך. איז דאָס אַלץ גענוג ווייט פונם גע־דאַנק, פון דער חכמה פון אָריענט, דעם פרימיטיוון פאָ־טערלאַנד? צו וואָס טויג אַ מאָדערנע וועלט, אויב אַזעל־כע גיפטן ווערן אַנטפּלעקט!

די מענער פון דער קירך וועלן זאָגן: מסכים. אָבער איר ווילט דאָך ריידן פון גן עדן? ניטאָ גאָר ניט פאַר אייך אין דער געשיכטע פון אָריענטאַלישע פעלקער — דאָס

איז אמת. איך האָב געטראַכט וועגן גן־עדן! וואָס פאַר אַ שייכות האָט אָט די אַנטיקע ריינקייט צו מיין חלום?

די פילאָזאָפן: די וועלט האָט ניט קיין עלטער. די מענטשהייט בייט נאָר איבער איר פאַרבלייב. גאַנץ פשוט, איר זייט אָקצידענט, אָבער עס שטייט אייך פריי, צו לעבן אין אייער אָריענט אין אַזאַ עלטער ווי איר ווילט נאָר — און זיך דאָרט לעבן גוט. זייט ניט קיין באַזיגטער, פילאָזאָפן, איר זיינט פון אייער מערב.

מיין גייסט, היט זיך, לערן זיך, ניט קיין צו העפטיקע אַנטשלאָסנקייט צו דערלייזונג — אָ, די וויסנשאַפט גייט ניט גיך פאַר אונז! אָבער איך באַמערק אַז מיין גייסט שלאָפט. וואָלט ער אצינד און תמיד וואַך געווען, וואָלטן מיר באַלד געווען ביים אמת, וואָס רינגלט זיך אפשר אַרום אונז מיט זיינע וויינענדיקע מלאכים... — וואָלט ער געווען וואכנדיק ביז צו דעם איצטיקן מאָמענט, וואָלט איך מיך ניט אונטערגעגעבן צו די טויטנדיקע אינסטינקטן, צו אַ לאַנג פאַרגאַנגענער תקופה.

וואָלט ער תמיד געווען וואַכנדיק, וואָלט איך געשווו־מען אין פולער חכמה!... אָ ריינקייט! ריינקייט!

אָט די מינוט פון דערוואַכן האָט מיר געגעבן די וויזיע פון ריינקייט.

דורכן גייסט גייט מען צו גאָט!
האַרצרייסנדיקער אומגליק!

דער בליץ

די מענטשלעכע אַרבעט, דאָס איז דער אויסברוך וואָס באַלויכט מיין אָפגרונט פון צייט צו צייט.

„גאָר ניט איז נישטיק. צו דער וויסנשאַפט און פאָ־רויס!" שרייט דער מאָדערנער עקלעזיאַסט, דאָס הייסט, די גאַנצע וועלט. און דאָך פאַלן די קאַדאווער פון רשעים און פון ליידיקגייער אויפן האַרץ פון די אַנדערע... אָ!

גיך! אַביסל גיכער! דאָרט אונטן אויף יענער זייט פון דער נאַכט איז דער דאָזיקער אייביקער שכר פון עולם הבא... צו וועלן מיר פון אים נצול ווערן?...

נו און איך? איך קען די ארבעט: און וויסנשאַפט איז זייער פּאַמעלעך. אַז די תפילה גאַלאָפּירט און דאָס ליכט דונערט... דאָס זע איך גוט. דאָס איז צו איינפאַך און עס עס איז צו וואַרעם. מען וועט אויסקומען אָן מיר. איך האָב מיין פליכט און איך וועל זיין שטאָלץ דערויף, אַזויווי אַנדערע וואָס לייגן זי אַוועק אָן אַ זייט.

מיין לעבן איז אָפּגענוצט. לאָמיר בכן מאַכן אַן אָנשטעל, אַרומגיין פוסט און פּאַס. אָ, באַרעמהאַרציקייט! און מיר וועלן לעבן און זיך ווילן, חלומען וועגן מאָנסטערליבעס און פאַנטאַסטישע אוניווערזן און זיך באַקלאָגן, און ראַנגלען מיט די דערשיינונגען פון דער וועלט. פּאַיאַץ, בעטלער, אַרטיסט, באַנדיט, פּרעדיקער! איבער מיין בעט אין שפּיטאָל איז דער ריח פון ווייערך אַזוי מעכטיק צו מיר צוריקגעקומען: היטער פון הייליקע אַראָמאַטן, ודוי־זאָגער, מערטירער...

דאָ דערקען איך די שמוציקע דערציאונג פון מיין קינדהייט. טאָ איז וואָס? אנגיין מיט מיינע צוואַנציק יאָר, אויב די אַנדערע גייען אָן, צוואַנציק יאָר... ניין! ניין! אַצינד רעוואָלטיר איך אַנטקעגן טויט. די אַרבעט איז פאַר מיין גאווה אויסגעקומען צו לייכט: מיין פאַראַט אַנטקעגן דער וועלט וואָלט געווען צו אַ קורצער עונש. אין לעצטן מאָמענט וואָלט איך אַטאַקירן אויף רעכטס און אויף לינקס... און דאַן, — אָ! טייערע, אָרעמע נשמה, וואָלט די אייביקייט ניט זיין אַנגעווירן פאַר אונז!...

מאָרגן

האָב איך ניט געהאַט אַ יוגנט, ליבהאַרציק, העראָאיש, צויבערהאַפט, אויף גאָלדענע בלעטער צו באַשרייבן? צו־

פיל מזל! דורך וואָס פאַר אַ חטא, דורך וואָס פאַר אַ טעות האָב איך פאַרדינט מיין איצטיקע שוואַכקייט? איר, וואָס איר טענה׳ט, אַז חיות כליפּען פון צער, אַז קראַנקע פאַר־צווייפלען און טויטע האָבן בייזע חלומות, פּרובט דער־ציילן מיין תפילה און מיין שלאָף. איך קען זיך ניט מער אַרויסזאָגן ווי דער בעטלער מיט זיינע שטענדיקע פּאַטער נאָסטערס און אַווע מאַריאַ׳ס. איך קען ניט מער ריידן.

פון דעסטוועגן גלויב איך היינט, אַז איך האָב פאַר־ענדיקט די געשיכטע פון מיין גיהנם. דאָס איז טאַקע גע־ווען אַ גיהנם, דער אַלטער גיהנם, יענער וואָס דער זון פונם מענטשן האָט געעפנט זיינע טויערן.

פון דערזעלביקער מדבר און דערזעלביקער נאַכט זיינען מיינע מידע אויגן תמיד וואַך צום זילבערשטערן, אָבער דערפון ווערן ניט באַרירט די דריי מלכים פון לעבן, די דריי מכשפים, דאָס האַרץ, די נשמה און דער גייסט. ווען וועלן מיר וואַנדערן צו גריסן די געבורט פון ברעגעס און טאָלן, צו גריסן די געבורט פון דער נייער אַרבעט, פון דער נייער חכמה, דעם אַנטלויף פון טיראַנען און דעמאָ־נען, דעם סוף פון אַבערגלויבנס, — און תפילה טאָן אַלס ערשטע — צו ווייַנאַכטן אויף דער ערד?

דער געזאַנג פון הימלען! דער מאַרש פון פעלקער! שקלאַפן! לאָמיר ניט פאַרשטעלן דאָס לעבן.

אָפּשיד

שוין האַרבסט! נאָר פאַר וואָס זאָל אונז באַנג טאָן נאָך אייביקער זון, אויב מיר זיינען פאַרנומען מיט דער אַנט־פלעקונג פון געטלעכן ליכט? — ווייט פון מענטשן וואָס שטאַרבן אין סעזאָנען.

האַרבסט. אונזער לאָדקע, דערהויבן אין די אומבאַ־וועגלעכע נעפּלען, ווענדט זיך צום האַפן פון עלנט, צו דער ענאָרמער שטאָט, מיט אַ הימל, געפלעקט פון פייער און פון בלאָטע. אָ, די פאַרפוילטע לאַכעס, דאָס ברויט צוווייקט

פון רעגן, די שכרות, די טויזנט ליבעס, וואָס האָבן מיך געקרייציקט! וועט זי בכן קיינמאָל ניט נעמען קיין סוף, די דאָזיקע מתים־פאַרשלינגנדיקע האַרנטע איבער מיליאָנען נשמות, און טויטע גופים וואָס וועלן געמשפט ווערן? איך זע זיך ווידער, די הויט צופרעסן פון קויט און פון פעסט, די האָר און די אַקסלען פול פון ווערעם און נאָך אַ סך גרעסערע ווערעם אין האַרצן, אויסגע־שטרעקט צווישן אומבאַקאַנטע, אָן עלטער און אָן געפיל... די גרוילעכע טויטן־באַשווערונג. איך פאַרשעלט דאָס עלענט.

און איך האָב מורא פאַר ווינטער, ווייל עס איז די סעזאָן פון ווילטאָג!

צומאָל זע איך אויפן הימל ברעגעס אָן אַ סוף, באַ־דעקט פון ווייסע פעלקער פול פרייד. אַ גרויסע, גאָלדענע שיף איבער מיר באַוועגט אירע פילפאַרביקע פאָנען, אונטער די בריזן פון מאָרגן. איך האָב באַשאַפן אַלע ימים טובים, אַלע טריומפן, אַלע דראַמעס. איך האָב געפּרובט באַשאַפן נייע בלומען, נייע שטערן, נייע גופים, נייע לשונות. איך האָב געגלויבט אַז איך האָב דערגרייכט אי־בערנאַטירלעכע כחות. ובכן! דאַרף איך באַגראָבן מיין דמיון און מיינע זכרונות! אַ שיינע גלאָריע פון אַן אַר־טיסט און פון אַ התפעלותדיקן דערציילער!

איך! איך, וואָס האָב זיך באַטראַכט פאַר מכשף אָדער פאַר מלאך באַפרייט פון יעדער מאָראַל, איך בין צוריקגע־גאַנגען צו דער ערד מיט אַ פליכט צו זוכן, און ארומצו־נעמען די צוקנייטשטעווירקלעכקייט! פּויער!

בין איך אָפּגענאַרט? וועט רחמים זיין — די שוועס־טער פון טויט פאַר מיר?

נאָך אַלעמען, איך וועל בעטן מחילה, וואָס איך האָב געלעבט פון אַ ליגן. און גענוג. אָבער ניטאָ קיין פריינט־לעכע האַנט! פון וואַנען זאָל קומען מיין הילף?

*

יאָ, די נייע שעה איז לכל הפחות זייער האַרט.

ווייל איך קען זאָגן, אַז דער נצחון איז אויף מיין זייט: דאָס קריצן מיט די ציין, דאָס צישן פון די פייערן די פאַר־סמטע זיפצן האָבן זיך געמינערט, אַלע אומריינע זכרונות לעשן זיך אויס. מיינע לעצטע חרטות טראָגן זיך אָפּ. — די קנאות אויף די בעטלערס, די רויבערס, די פריינט פון טויט, די צוריקגעבליבענע פון יעדן מין, — פאַרשאַל־טענע, ווען איך וואָלט זיך נוקם זיין!

מען מוז אומבאַדינגט זיין מאָדערן.

ניט מער קיין געזאַנגען. זיך האַלטן ביי דעם דער־גרייכטן שריט. האַרטע נאַכט! אויף מיין פּנים רויכערט זיך דאָס פאַרטרוקנטע בלוט, און איך האָב גאָרנישט הינטער מיר אַ חוץ דעם שרעקלעכן קוסט!... דער גייסטיקער קאַמף איז פּונקט אַזוי ברוטאַל ווי דער קאַמף פון דעם מענטשן. די וויזיע פון גערעכטיקייט איז נאָר גאָטס נחת אַליין. פון דעסטוועגן איז דאָס דערוואַכן. לאָ־מיר מקבל זיין, יעדן צושטאַנד פון קראַפט אוןווירקלעכער צערטלעכקייט, ביים זון אויפגאַנג, באַוואָפנט מיט גליענ־דיקער געדולד, וועלן מיר אַריינקומען אין הערלעכע שטעט.

וואָס האָב איך געזאָגט וועגן דער האַנט פון אַ פריינט? אַ שיינער געווין, וואָס איך קען לאַכן פון אַלטע ליגנערי־שע ליבעס, און אָפּשפּעטן פון די פאַלשע פּאָרלעך. איך האָב געזען דעם גיהנום פון די פרויען דאָרט אונטן. און עס וועט זיין רעכט פאַר מיר, צו באַזיצן דעם אמת אין איין נשמה און אין איין גוף.

אַפּריל־אויגוסט 1873.

*
**

אַט איז אַ ודוי. ווו זיינען געוועזן בשעתו די קאַמפּע־טענטע פון דער ליטעראַטור, כדי צו ראַטעווען איינעם, וועמעס נאָמען ס'גליט אפילו אין דער אייז־צייט פון אונ־

זערע טעג? איז די קנאה אויפן עכטן מענטשן אַזוי גיפ־טיק, אַז דער מענטש מוז באַצאָלן מיט זיין לעבן כדי גע־הערט צו ווערן? ער איז געלעגן אויף דער עקדה, אויס־געזעצט דעם חלף און עס האָט זיך ניט באַוויזן דער באַ־רעמהאַרציקער ווידער כדי אים צו ראַטעווען. ער האָט געוואָלט צוריקברייגען די לעגענדע, כדי דער מענטש זאָל זי ווידער לעבן, אָדער לכל הפחות קענען אָנהויבן אויפסניי, און איז אונטערגעגאַנגען אויף זיין „לאָדקע אויף די גלייכגילטיקע וואַסערן״ *), און אויף דעם טויבן קינדערמח פון זיינע צייט־גענאָסן. ערשט ווען דער קרבן איז געפאַלן, האָט די וועלט זיך דערמאָנט.

שטיינער אין דער מדבר האָבן זיך געאַמפּערט פאַר דער זכיה, צו דינען פאַר אַן אַפּרו פאַר יעקב אבינו; זיבן שטעט האָבן געטענה׳ט, אַז אין זייערע מויערן האָט האָמער דערזען דאָס ליכט פון דער וועלט... כמעט יעדע שיטה אין סאָציאַליזם טייטשט מאַרקס׳ן אויף איר אייגענעם אופן. און עס איז קוים פאַראַן אַ שול פון געדאַנק און אמונה אויפן געביט פון שאַפערישער קונסט, צי עס איז מאַלעריי, מוזיק צו דיכטונג, וואָס זאָל ניט פּרובן אַנעק־טירן, אָדער לכל הפחות טייטשן די דערשיינונג אַרטור רעמבאָ.

אין איר „אינטראָדוקטאָרי עסיי״ צו די אילומיניישנס אויף ענגליש, (פון העלען ראָטהאַם), שרייבט די באַקאַנטע דיכטערין עדיט סיטוועל: „זיין השפעה איז געווען אויי־סעראָרנטלעך. מען קען זאָגן, אַז אַרטור רעמבאָ איז גע־ווען פאַר דער ענגלישער פּאָעזיע, פאַר ענגלישע און אַמע־ריקאַנישע פּראָזע־פּאָעמעס, וואָס עדגאַר אַלאַן פּאָ איז געווען פאַר באָדלער און מאַלארמיי. די דאָזיקע השפעה איז צו זען בעיקר אין יוגנטווערק פון אלדיוס האַקסליי, בפרט אין זיינע פּראָזע־פּאָעמעס וואָס געפינען זיך אין

---

*) אַ שכור שיף.

„לעדא", אין אַ טייל פון מיינע יוגנט־ווערק (פערזן ווי „דראָנקערד", „מערי־גאָ־רוינד" „טראמס", האָב איך ניט איינגעשלאָסן אין מיינע געזאַמלטע געדיכטע, ווייל זיי זיינען צו שטאַרק אָנגעלעגט אָן רעמבאָ), און אין „גאַרדנס אָף פלעזשר" וואָס קומט פאַר אין דער אָפטיילונג „טראַי־פּאַרק" פון מיינע געזאַמלטע געדיכטע.

„גערטרוד שטיין איז אויך, באַוווּסט צו אומבאַוווּסט, געווען טיף באַאיינפלוסט פון רעמבאָ׳ס אינטענז־וויזועלער אַקטיוויטעט און פון זיין קראַפט פון אויפלייזונג און ווי־דערפאַרבינדונג — פון זיין פעאיקייט צונויפצוברייננגען, אַלע אַטריבוטן פון דער וועלט, אָן אַ חלוק פון צייט און אָרט.

„אויב מיר נעמען די פאָלגנדיקע באַזונדערע שטעלן פון מר. האקסליי, למשל, וועלן מיר זען ווי טיף ער איז באַאיינפלוסט סיי אין פאָרעם סיי אין וויזועלן איינדרוקס־פאַרמעגן, סיי אין גייסט".

„פאַראַן ווילע שטעט אין דער וועלט — זאָגט האַקס־ליי — מאַנהעטן, עקבאטאנא און העקטאָפּוליס — אָבער אָט די שטאָט טראַיאָ איז די באַצויבערנדיקסטע פון אַלע. רוים איז געווען זיבן היגלען קצב־פלייש, אַטען אַן אַבסטראַקציע אין מאַרמלשטיין — און דער מזרח איז באַפּעלקערט פון מאַסקן, לאַרוון און אַפּן. אָבער די דאָ־זיקע שטאָט טראַיאָ איז די ווירקלעכסטע, די צויבער־האַפטעסטע, מיט איר טויטן־הויז־שיינקייט".

„איז ניט העלענאַ דער סוף פון אונזער זוכן? די קליינע גן עדן־וועלט סימבאָל און עפּיטאָם פון דער גרויסער? באַגינען שלאָפט אין די טראַנספּאַרענטע שאָטנס פון רויזן אינוויניק אין איר אויער, די אומבאַפלעקטע אויפריכטיקייט פון אין סוף. — ווייט אַוועק באַרג־שפּיצן און זומער, און דער מילכוועג — האָט זיך וווּנדערבאַר אין איר געפאָרעמט. די קליינע וועלט האָט אויך אירע מעטאָדן, קאָמעטן און שאָטיגע וואָלקנס פון האָר, שטערן,

וואָס ביי זייער גלאַנץ ווערן מענטשן פּלאַנעט־געטראָפן...״

„די געאָמעטריע פון איר גוף האָט דורכויס איבערגע־טראָפן יוקלידן, און די פילאָזאָפן זיינען געווען פאַרווירט פון די ליניעס פון אַ סובטיליטעט אָן אַ שיעור, טריגערי־שער און יוליזישער פון די אָראַקלישעסטע ספּעקולאַציעס פון פּאַרמענידעס. זיי האָבן זיך באַמיט אויסצובויען אַ צוזאַמענהענגענדיקן סיסטעם פון די אומקאָמפּאַטיבלע, אָבער עמפּיריש פעסטגעשטעלטע פאַקטן וועגן איר. צייט, למשל, איז געווען אָפּגעשאַפט אין עיגול פון אירע אָרעמס״.

„דאָ זיינען פּאַגאָדעס פון פּאַרמינערנדיקע גלאָקן. דער לעמפּערט שלאָפט אין דער טיפקייט פון זיין ראָזע־ווער הייל, און ווען ער עטעמט קומט אויף אַ ריח פון אומווידערשטיילעכער זיסקייט: אין אַלעגאָרישע אָפּהאַנ־דלונגען איז ער דער סימבאָל פון קריסטוס אין זיין קבר. דער האָרכנדיקער שעלפיש האָט אָנגעקליבן אַלע קלאַנגען פון פאַנטעאיזם״.

עדיט סיטוועל ציטירט ווייטער פון גערטרוד שטיינ׳ס „דזשיאָגראַפיע ענד פּלעיס״ (געאָגראַפיע און שפּילן):

(מילדרעדס מחשבות): „איך האָב געטראַכט זייער אַ סך וועגן היץ. אַז עס איז אמתדיק הייס, גייט מען ניט אַרויס אינמיטן טאָג. עס איז בעסער צו טרינקען וואַסער. און אפילו צו קויפן וואַסער, אויב עס איז נויטיק. אַזויפיל מענטשן מינערן זיך. און בלומען, אָ, ווי קענען בלומען זיין נאָרדיש. זיי זיינען אין דער לופט״.

„קען מען דאָס לייכט זען, אַז דאָס לעבן אין דאָרף לאָזט אונז דערקענען פּרויען־ריזן און קליינע נעגערטעס, און די קאָליר פון די פירהענגלעך און כמעט כדאי״.

„קען אַ פּלאַנעט געפעלן ווערן, מילדרעד האָט ניט ליב די היץ פון דער זון.״

„ניט קוקנדיק אויף אַ טאָג, אַ טאָג פאַרלוירן אין דער היץ פונם האָל, ניט קוקנדיק אויף דעם טאָג פאַרלוירן אין דער פולער היץ וואָס מיר קענען זי, ניט קוקנדיק

אויף ווערטער פון שטוינען, ניט קוקנדיק אויף קאַבריצן און יאַגדעס, יאַגדעס אין די וועלדער, ווי חנוודיק האָב איך דיך געלערנט, צו זאָגן וועלדער", —

דערמאָנט דאָס ניט אין אַ פילם פון אַרסן וועלס? אַ קאַליידאָסקאָפּ פון געשעענישן, געדאַנקען, ליכטער, קאָנסטעלאַציעס, פּראָצעסן פעסטגעהאַלטן אין בילד, מיט קליינלעכער טראַדיציע, אומוועזנטלעכער. אָבער מיט אָרסן וועלס האָבן זיך די צבועק'עס פון פילם אויך אַן עצה געגעבן.

די פּרובן פון דזשיימס דזשאָיס צו דערפירן די שפּראַך צו פולער אויסלייזונג, די געוואַלטיקע חבלי לידה פון אוליסעס, דער ווייטערער וועג צו פיניקענס וויק — האָבן דאָ זייער מקור. קיין שום אמת'דיק גרויסער, דער־שרעקט זיך ניט אַז מען וויזט אים נאָך, אַז ער איז ערגעץ ווו געבוירן געוואָרן. אַז ערגעץ־ווו האָט ער זיין מקור. רעמבראַ האָט מיט שטאָלץ און פריידפראָקלאַמירט באַדלער פאַר אַ מייסטער, פאַר אַן „אמת'ן גאָט". מיר אָבער, וואָס מיר האָבן אַצינד די דיסטאַנץ, קענען לייכט דערקענען אַז דער זאָמען, דער ניצוץ קען קומען פון וועלכן קוואַל ניט איז און ער מוז געוואָרטעט ווערן ווי אַן אמת'־דיק דערוואַכן. „דער וועג איז דער עיקר"... דזשאָיס האָט זיך איינגעהערט אין רוישן פון זיבן שטראָמען, כדי דער־הערן אַ פּאַרטיקן קלאַנג פאַרן רוישן, פון שטראָם ליפי, דעם אורפאָטער פון די אירן... ס'איז ניט אונזער אויפ־גאָבע, זיך צו פאַרנעמען מיט דער אויספאָרשונג פון אַ נסיעה אין די לאַבירינטן פון אונטערבאַוווסטזיין, אָט דעם דראַנג, זיך אריינצולאָזן אין אַזאַ מין נסיעה האָט דזשאָיס דערפילט — ווי ער זאָגט אונז אַליין — נאָכן לייענען פון „מאָנאָלאָג אינטעריער" פון דזשאָרדזש דעזשאַרדען; פאַר אונז איז וויכטיק, דזשאָיס'עס ראַנגלעניש, צו געבן די קווינטעסענץ פון דער אידיי פון פולן ווערט פון וואָרט. און פאַראַן אַזאַ מין שטעלע אין אוליסעס:

„פּאַריז דערוואַכט רויטלעך: נאַקעט זון־ליכט אויף אירעליימענע גאַסן. — פּייכטע יאָדערע פון לייבל־ברויט, דאָס פראַש־גרינע ביטער־קרויט, ווײַרעך פון מאָרגן־תפילות פּיעשטשן די לופט."

צו איר ווילט, צו איר ווילט ניט, איר הערט דעם האַרב־נייעם לשון, וואָס רעמבאָ האָט אים געזוכט און געפונען, אָן קאָנווענציאָנעלע גלאַטיקייטן, אָן קאָנווענציאָנעלע שימלען.

דזשאָיס איז געווען רעמבאָ'ס „געוואַלטיקער אַרבעטער" (אין זײַן באַוווסטן בריף צו פּאָל דעמעני, 15טן מאַי 1871) און עס איז אירעלעוואַנט, פון וואַנען דער פונק האָט זיך צוזשאַרעט. עס איז דער הייליקער ווײַרעך, וואָס לאַכט זיך אויס פון גרעניצן און שפּרייט זיך.

ווירדזשיניא וואָלף, איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פון ענגלאַנדס ראָמאַן־שרײַבשטעלערינס — אויך זי איז ניט דערגאַנגען — גיט אונז אַזאַ שטעלע:

„לאַנדשאַפטן, אין וועלכע איינצלהייטן זײַנען ניט צו זען: פנימער אָן ליניעס, די אומבאַוועגטקייט פון מיטערנאַכט אָדער זומער: דער ליאַרם און דער פּחד פון אַנטלויפנדיקע מאַסן: פּײַן, וואָס פּאַלט און שטײַגט און וואַרפט די אָרעמס אין דער הויך אין יאוש".

אָדער אַזאַ שטעלע: „באַטראַכט פאַר אַ ווײַלע אַ געוויינטלעך געהירן אין אַ געוויינטלעכן טאָג. דער מח איז מקבל אַ מיריאַד פון אײַנדרוקן: טריוויאַלע, פאַנטאַסטישע, עפעמערע, אָדער אײַנגעקריצטע מיט דער שאַרפקייט פון אַ שטאָל. פון אַלע זײַטן קומען זיי, א ניט אויפהערנדיק שפּריצן פון איינצלנע אַטאָמען. און ווי זיי פאַלן, און ווי זיי פאָרמען זיך צום לעבן, א מאָנטאָג צו אַ דינסטאָג, פאַלט דער אַקצענט אַנדערש ווי געוויינטלעך: דער מאָמענט פון באַדײַטזאַמקייט איז געקומען ניט דאָ, נאָר דאָרט. אַזוי, אַז ווען אַ שרײַבער וואָלט געווען אַ פרײַער מענטש, ניט אַ שקלאַף, ווען ער וואָלט קענען

שרייבן, וואָס ער וויל און ניט וואָס ער מוז, ווען ער וואָלט קענען באַזירן זיין ווערק, אין הסכם מיט זיין געפיל און ניט לויט קאָנווענציעס, וואָלט ניט אַרויסגעקומען קיין מעשה, און ניט קיין קאָמעדיע, ניט קיין טראַגעדיע און ניט קיין ליבעס אינטערעסן אָדער קאַטאַסטראָפע אין אָנגענו־מענעם סטיל. עס וואָלט אפשר קיין איין קנאָפּ ניט צוגע־נייט געוואָרן, ווי פון שניידער אין באָנד־סטריט. לעבן איז ניט אַ סעריע פון לאָמטערנס, סימעטריש אַראַנזשירט, לעבן איז אַ לייכטנדיקער היליקן־שיין, אַ האַלב־טראַנספּאַ־רענטער באַדעקענס וואָס נעמט אונז אַרום פון אָנהויב פון באַוווסטזיין ביז צום סוף״.

אָדער: ״אַ רואיקייט איז געקומען איבער איר, פריד־לעך ווי איר נאָדל ציענדיק די זייד, ביז צו אַ ווייכער פויזע, קלייבנדיק די גרינע פאַלבן, העפטנדיק זיי לייכט צו אַ גירטל. אַט אַזוי קלייבן זיך כוואַליעס אין אַ זומער־טאָג, איבערשטייגן זיך און פאַלן: קלייבן זיך און פאַלן: די גאַנצע וועלט, דאַכט זיך, איז אַלץ מער און מער פאַר־טראַכט, ביז אַפילו דאָס האַרץ, אַלץ. האָב ניט מורא זאָגט דאָס האַרץ: האָב ניט מער מורא זאָגט דאָס האַרץ, און גוף, וואָס ליגט אין דער זון אויפן ברעג, זאָגט אויך, דאָס הייסט איבערגעבן עפּעס, זיין מאָסע צו עפּעס אַ ים, וואָס טראָגט בהרחבה׳דיק אלע ליידן, און איז מחדש, הויבט אָן, נעמט צונויף, און הויבט אָן און לאָזט פאַלן, און דער גוף אַליין הערט זיך איין צו דער זשומנדיקער בין: די כוואַ־ליעס ברעכן זיך, דער הונט בילט, ווייט אַוועק בילט און בילט...״

— —

דער קאַטוילישער פליגל ציילט צו זיינע מפרשים זיין שוואָגער פאַטער בערישאָן, און זיין שוועסטער איזאַבל רעמבאָ, — זיי זיינען אויסן געווען צו ראַטעווען דעם כבוד פון דער משפחה און צו שלאָגן פון דער דראַמע קאַפּיטאַל

פאַר דער קירכע. אַ סך ערנסטער זיינען אַנהענגער ווי דער באַדייטנדיקער דיכטער פּאָל קלאָדעל, ער פאַרזיכערט, אַז רעמבאָ האָט אים צוריקגעבראַכט צום קאַטוילישן דת — און דער פּראָמינענטער קריטיקער און עסאייאיסט זשאַק ריוויער, מיט זיינע באַצויבערנדיקע השערות און פאַלשע שלוסן.

די סימבאָליסטן האָט עס צו אים געצויגן און זיי האָבן זיך פאַר אים געשראָקן. זיין מעכטיקער דינאַמיזם, זיין מוראדיקער זין פאַר מאַטעריע, — עס איז ניט געווען זייער מעטאַפיזישער חלום וועגן הימלען. אין רעמבאָ׳ס פּאָעזיע זיינען פאַראַן ממשותדיקע הימלען, וואָס האָבן געהאַנגען איבער זיין קאָפּ, פּונקט אַזוי ממשותדיק, ווי די שליאַכן ערד, וואָס ער האָט זיי ממש אויסגעמאָסטן מיט זיינע פיס: וואָס יענע האָבן געחלומט, האָט ער אין מוראַדיקער קאָמפּראָמיסלאָזיקייט געלעבט.

אין פלוג וואָלט מען קענען זאָגן אַז דער סיור־רעאַליזם איז דער אמת׳ער יורש פון אַרטור רעמבאָ. אַ ניצוץ פון דעם איז פאַראַן אין אונז אַלעמען; מיר אַלע פילן אַז די וועלט איז פול מיט גראָטעסקן, אַז שטריק־טענצער זיינען דראַמאַטישע פיגורן, קלוינס זיינען טראַגיש, און יעדער ווינקל אויף דער ערד איז סיי קוליסע, סיי טעאַטער, ווו מיר ריכטן אָפּ עבודה. אַ ראָג פון וואַלד איינגעדעקט אין שאָטנס, באַוועגט פון שטילקייט, אַן אָפּגעזעגטער שטאַם מיט ווייסלעכע רינדן, צוגעווענדט צום ליכט, איז פול מיט דראַמאַטישער באַדייטונג, פול מיט באַוועגטקייט. הימל, בלומען, שטערן קרייזן. פאַרבן און רוישן, אַלץ קלינגט, אַלץ וואָס מען זעט קלינגט; רוישט און קלינגט. רוסישע פעלדער באַדעקט מיט חורבות, בר־מנן׳ס פאַר־קאָוועט פון ווייסן פראָסט, זיינען פול פון גרימיקער רעאַ־ליטעט, פון היינט, פול פון שאַפערישן געהאַלט פאַר מאָרגן. אַזוי גייט אַן אַן אייביק בויען פון בויגנס און קאָנ־טורן, אַן אייביק מתיחד זיין זיך פון געשען, פון ענינים,

פון רויש און פון קלאַנג. אָט דאָס איז דער טייטש פון דער אַלכעמיע פון וואָרט.

די סיורעאַליסטן באַנוצן זיך מיט זיין גאַנצן וואָקאַבולאַר, — עס הויבט זיך אָן ביי אַנטרעגלונג פון די זינען און ענדיקט זיך ביים: „אַזויוי יעדעס וואָרט איז פול צאַל, וועט די דאַזיקע צוקונפט זיין מאַטעריאַליסטיש...‟ אַנדריי ברעטאָן ברענגט שטענדיק אַ באַרג פון ווערטער און לאָזונגען, און נעמען, אויך מאַרקס און העגל און — דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט זיינען פאַראַן. עס זעט עפּעס אויס ווי קלישיי. דער רוח הקודש איז אַהינגעקומען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַרטור רעמבאָ מאַכט דורך אַ שטרענג ביגאָטישע דערציאונג אין דער היים, אַ ברילי‍אַנטענע, הומאַניסטישע אין שול.דאָס ביבל לייענען יעדן זונטאָג מאַכט אים היימיש מיט ביבלישע פּייזאַשן, און זיי ווערן די פּייזאַשן אין זיין סעזאָן אין גיהנם. ער רופט ישו צום בית דין און באַווייזט אים, ווי לאָם ער האָט די וועלט געמאַכט, מיט די דאַזיקע שווערע קייטן פון רעכט און אומרעכט, מיט זיינע גרעַנעצן און ענגשאַפטן. די ריין פּאָעטישע אימאַזשן, וואָס רעמבאָ באַנוצט זיך מיט זיי, די מיסטישע כונה, דער דערשיטערנדיקער יאוש, גיבן חיונה פאַר כל־המיני קאָנצעפּציעס אין דער קונסט און לכל הפחות אין לעבן. — וואָס ס׳איז געווען פאַר רעמבאָ אַ סך וויכטיקער, ווייל ער האָט געוואָלט אויסלייזן, די וועלט האָט ער געוואָלט אויסלייזן פון די פּענטעס פון דער וועלט. ער האָט אַרומגענומען דער אוניווערס, האָט זיך מיט אים געאַמפּערט, געבאַרעט זיך אַנטקעגן דער אָפּשוואַכונג פון דער וועלט, וואָס איז צוטיילט געוואָרן אין טאָג און נאַכט, אין וואָכן, חדשים; אנטקעגן דעם אייביקן אומקערן זיך פון סעזאָנען, וואָס האָט די וועלט געבראַכט צום אָפּגרונט. דאָס וווּנדעראיז אַהינגעקומען, די רוטין האָט פאַרנומען דעם אָרט פון

נס! בכן: אויסשאַלטן דעם באַוווסטזיין, כדי צו באַנייען דאָס אויג. מיט'ן נייעם אויג זען, אויפנעמען, איבערלעבן.

אַ נייע וועלט. אומבאַשטימט, אַן גרעניצן, אַן סעזאָנען. די עלעמענטן באַפרייט, דער גוף צוריקגעבראַכט צום סטאַטוס פון עלעמענט.

— —

עס איז איינע פון רעמבאָ'ס מעלות טובות, וואָס ער גיט זיך ניט איין פאַר מוזיק. צוליב זיין אויסעראָרדנטלעכער אינערלעכער מוזיקאַליטעט איז ער מבטל די אויסערלעכע, פאָרמאַליסטישע. ער הערט דאָס קרייזן פון די מילשטראָמס, די דערשיטערונג פון אייזבערג און שטערן, ער נאָטירט די שטילקייטן און הערט „דאָס נייע וואָרט וואָס איז פול פון ציפער און געהאַלט".

א נייע, אַן אויסטערלישע וועלט. אַ נייע, אַ וויסנדיקע שפּראַך. ווערטער, וואָס שאַפן אימאַזשינערע חידושים, זעלטזאַמע אַסאָציאַציעס, וואָס קריצן זיך איין, טיילן זיך מיט אַלע זינען מיטאַמאָל. די זאַכן רעאַגירן אויף אונזער פּערצעפּציע, דער בוים זעט מיך, ווי איך זע אים. די שויבן ענטפערן דעם זון־אונטערגאַנג מיטן לויטערסטן גאָלד. „איך האָב געוואַנדלט, זאָגט רעמבאָ אין „זונאויפגאַנג", אויפוועקנדיק לעבהאַפטיקע און לויע אָטעמס; דאָס געשטיין האָט זיך איינגעקוקט, און די פליגלען האָבן זיך געהויבן אָן גערויש".

דאָס וואָרט איז דער עיקר. די וואַל פון וואָרט און די צוזאַמענשטעלונג, ברענגט דאָס בילד אין אַ לעבעדיקער באַוועגונג. „די בלומיקע זיסקייט פון שטערן און פון הימל און פון אַלעמען איז יורד אַנטקעגן די בערגלעך . . ."

טעם, פאַרב, קלאַנג און באַוועגונג. אינסטינקטיווע ריטמען.

„וואַסערן, טרויעריקייטן שטייגט, אַנטפּלעקט די מבולן . . ."

„דער נעפל אין נאָכמיטאָג, פייכט און גרין"

„בולוואַרן פון קרישטאָל שטיגן, קרייצן זיך,"
„שעה'ן פון זילבער און פון זון"
„די קאָרידאָרן שוואַרצער טיול",
„די קוסטן פון שפּיצן, געמאָלט אויס עמעראַלד"..."

אין דעם וואָרט „ל'אר פון ל'אר" האָבן די פּאַרנאַ־סיסטן אויסגעדריקט די פאָרמולע פאַר זייער שיטה. רעמ־באָ זאָגט: „לא לאנג דע ל'אם פור ל'אם" — די שפּראַך פון דער נשמה פאַר דער נשמה.

דאָס וואָרט, דאָס רעזומירן אַלץ, ריח, קלאַנג, פאַרב, עיקר און געדאַנק: בכן דאָס וואָרט פון דער וועלט־נשמה, „דעריבער וועלן מיר פאָדערן פון דיכטער אופּס־ניי: געדאנקען און פאָרמען..."

אָנקומען צו די רויע מקורות, אומגעפאָרעמט, ניי צו די שרשים, איידער זיי מאַכן דורך די מדרגה פון ווערן, צו געוואָרן. רעמבאָ האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דעם וואָס ער האָט אָנגעטראָפן, מיט דער איבערגרייטער און סענילער וועלט, ניט מיט דער האַלברויער און האַלבגעבאַקענער וועלט, ווו דער געשריי נאָך שלימות רייסט זיך פון יעדער שפּאַרע, — אַ פאַרכאַפּטער, אַ דערשטויגטער, אַ דורכ־דרינגענדיקער צו די יסודות צו די רויקייטן — אָדער זאָלן מיר זאָגן מיט געטע צו די מוטערס — האָט ער, דער זוכער געפאָרשט אין מדרגות פון אירראעאלן, פון אין סוף, מיט אַזאַ איינגעשפּאַרטער עקשנות, ביז אַלץ איז געוואָרן אירראַאַלע דערשיינונג.

„אנטשלייערן אַלע מיסטעריעס, רעליגיעזע און נאַ־טירלעכע, טויט, געבורט, צוקונפט, קאָסמאָגאָני, חלל."

ער האָט געשטרעבט צו צערייסן אַלע באַנאַלע קאַלי־בערס און קאַטעגאָריעס פון לעבן. ניט ממשות און ניט אַבסטראַקציע דאַרף זיין דאָס קריטעריום: אפילו נישט דער אמת. „די פּאָעזיע האָט נאָר זיך אַליין פאַר אַן אָב־יעקט", זאָגט באָדלער. די אַלטפרענקישע מאַניר צו דער־ציילן באַנאַלע אַנעקדאָטן, מעשה'לעך, חנדלעך. אָט דאָס

אַלטוואַרק און צוקעריקייט איז פאַר רעמבאָ געווען אַן אָפּגעריבענע מטבע. ער שרייבט זיינע „דערלויכטונגען", אַלס אַ פולשטענדיקן איבערייס מיט דער קאַזיאָנער ליטעראַטור. אין „סעזאָן אין גיהנם" זאָגט ער: „איך האָב זיי געפונען קאָמיש אָט די שם־דברס פון דער מאָדערנער מאָלעריי און פּאָעזיע..." דעם לוואָור האָט ער געהאַלטן פאַר באַנאַל און אידיאָטיש. במילא האָלט ער פאַר ווערט־פול וואָס ס'איז נאָך ניט דערגאַנגען צו דער מדרגה פון ליטעראַטור: פאָלקסליד, גאַסן־ליד, וויגליד, בורלעסק, פרימיטיווע מאָלעריי. ער שיילט אָפּ אַלע פאַרהאַרנטע הויטן, און דערגייט צו דעם, וואָס איז איינפאַך און קלאָר, ווי דאָס וואָרט וואָס איז געווען ביים אָנהויב.

אַלץ איז אין אַלעמען, אַלץ דערזעצט אָדער באַזעצט זיך אויף אַלעמען. אַזוי רעדט דער זעער, אַזוי ריידן זיינע תלמידים (לאַפאָרג, מאַלאַרמיי) און אַזוי דאַכט זיך, קומט ער אָן צו דער לעצטער באַפרייאונג. ווען ער דערמאָנט זיך פלוצים אָן די „אָקצידענטאַלע זומפּן", טראַכט ער, אַז ער מוז זיך אומקערן „צום מִזרח, צום קוואַל פון ערשטער און אייביקער חכמה".

לעבן איז באַוועגונג, קרייזן. דער ים איז אייביקע באַוועגונג, באַוועגט דורך קרייזן: אַזוי איז שפּראַך, געשען, געשיכטע. עס קומט אָפּטמאָל צו עקסצעסן פון געשיכטע, פון געשען. די אייביקע באַוועגונג וואָס רופט זיך אָן שפּראַך, מאַכט דורך ווי לעבן אַליין, קרייזן, מעטאַמאָרפאָזן, שטילשטאַנד. אַנטוויקלונג סובלימירט זיך אין וואַקסן, ווערט ראַפינירטער, סובטילער און קען דרגרייכן, אומגעאַנטע מדרגות דורכן מעדיום פון אירע וואָרטפירער, דורך פאָלק און דיכטער. פאַראַן אַ מדרגה וואָס איז סובלים און איז שטילשטאַנד. זשעני ווערט ווירטואָזיטעט, וואָרט ווערט קלישיי, עס איז דערגאַנגען צו אַ טויטן פונקט. דאָס לעבן אָבער, וואָס איז קרייזן, וואָס איז איבערקערעניש, ברעכט זיך אַריין מיט אימפעט אין יעדן

שטילשטאַנד. עס פאָדערט דאָס גאַנצע וואַכזיין פון פאָלק און פון דיכטער, ארויסצוברענגען די שפּראַך, די דיכטונג וואָס איז געווען אין סכנה צו ווערן קלישיי, פון איר טויטן פונקט, איר צוצופירן דאָס נייע בלוט פון איבערקערע־נישן, פון אינדוסטריעלע, טעכנישע, אַנאַליטישע אַנטפּלע־קונגען, פון אַנדערע רעוואָלוציעס, וואָס זיינען גורם צו אייביקער באַוועגונג.

אָט דאָ איז, לויט אונזער מיינונג, געלעגן איינער פון רעמבאָ׳ס גרויסע אויפטועך, ער האָט זיך באַנוצט מיט אַר־כאַאיזמען, מיט פּראָווינציאַליזמען פון די ארדענער, האָט ער איינגעפירט וויסנשאַפטלעכע טערמינען אין דער ליריק, עפּעס וואָס איז אין די געכאָוועטע וויינגערטנער פון פּאַר־נאַס זיכער געווען דיינסטע הערעזיע. ער האָט איינגעפירט חידושים קוריאָזן, ווונדערלעכקייטן. „אַ לאַכן פון קריש־טאַל" איז אַפילו נאָך היינט, לאָמיר זאָגן אומגעוווינט. (מאלארמיי האָט דעם פּאָדעם ווייטער געפירט), פון אייגנ־שאַפטן געפאָרמטע סובסטאַנטיוון: בלאָנדקייטן, ווייסקייטן, ווייכקייטן, בלויקייטן — לאַפאָרג, מאָרעאַ, מאַלאַרמיי, אַלע פּרובן זיך אויף דעם וועג צו באַנייען די שפּראַך מיט אי־דיאָמען, פּראָווינציאַליזמען. ער לאָקערט די מעטריק, גראַ־מען לאָזט ער פאַלן, ער שטרעבט זיך אויסצודריקן, אָן וועלכן עס איז צוואַנג פון פאָרמולעס. ער איז אַ פאָרלויפער פון סימבאָליסטישער אַפּיקורסות בנוגע מעטריק, אָבער ער מאַכט ניט קיין טעאָריע דערפון. ער באַנוצט זיך מיט דיסאָנאַנצן ניט צוליב וועלן זיין אַנדערש — דער טראָפּ ליגט אויפן וויאַזוי אַם בעסטן און נויטווענדיקסטן אויס־צודריקן זיין ברענענדיקע דינאַמיק, זיין אויסטערלישע אינספּיראַציע. דער קענער פון זיינע געבונדענע פערזן ווייסט, וואָס פאַר אַ מייסטער ער איז געווען אין דער מלאכה, אבער עס איז אים געגאַנגען דערינען, אויסצודריקן די אָרגאַנישע ליידנשאַפטלעכע באַוועגונג, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער פּאָעזיע. ער איז דיכטער, צו־

ברעכט יעדן צוואַנג. זיין ציל אָבער איז, ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, געווען גאָר אַן אַנדערער.

„אויף דער וועלט איז ישו געווען אַ מלך״ — זאָגט ערגעץ ערנסט רענאַן — אין נצרת קוים אַ קליינער רבי. אין זיין צייט, אין זיין דור ד. ה. דעמאָלט, ווען עס וואָלט פאַר אים אַליין געווען געהאַט עפּעס אַ באַדייטונג, און דערמיט פאַר דער וועלט, האָט ער געשפּילט גאָר אַ קליינע ראָלע. אַזעלכע אפילו, וואָס זיינען געגאַנגען זיינע וועגן, וואָס האָבן זיך אָפּט כמעט ווערטלעך באַנוצט מיט זיין טערמינאָלאָגיע, לאַפאָרג, מאַלאַרמיי, אפילו זיי האָבן זיך עפּעס ווי פּריקרע צו אים באַצויגן, אָדער וואָס איז אפשר ערגער, זיי האָבן זיך גרינטלעך וועגן אים אויסגעשוויגן. און דאָך איז מאַלאַרמיי אפילו אידייאיש, מיט זיין באַזעסנקייט פון חלל און ניִשט געווען נאָנט צו רעמבאָ מיט זיין דראַנג צו דערגיין דאָס אומבאַקאַנטע. מאַלאַרמיי׳ס באַזעסנקייט איז צו שאַפן אַ ריינע אומבאַפלעקטע שפּראַך, ווי רעמבאָ׳ס צו שאַפן אַן אוניווערסאַלע, וואָס זאָל זיין צוגענגלעך אַלע זינען מיטאַמאָל און גלייכצייטיק — די אַלכעמיע פון וואָרט, וואָס דאַרף אויסדריקן גלייכצייטיק קלאַנג, פאַרב, געדאַנק און געפיל...

אַרטור רעמבאָ איז געבוירן געוואָרן אויף דער שוועל פון דער מעכאַנישער תקופה. די לאַבאָראַטאָריעס פון דער וויסנשאַפט זיינען געווען פול מיט טעכנישע עקספּעריי־מענטן, זיי האָבן באַרעכטיקט צו יעדער האָפנונג און מיט אַ פאַנאַטישער כוונה רופט רעמבאָ אויס: „די וויסנשאַפט! דער נייער יחוס! דער פאָרטשריט! די וועלט מאַרשירט! פאַר וואָס וואָס זאָל זי זיך ניט דרייען?... דאָס איז די וויזיע פון די צאָלן, מיר גייען אַנטקעגן דעם גייסט״.

אָט דאָ קומט פאָר דער פאַנטאַסטישסטער אויסשפּרוך פון אַ גלויבנדיקן הערעטיקער. ווייל ניט, ווי לא פאַנטען מיינט, צוליב אַ פּאַראַדאָקס, זאָגט רעמבאָ פאַרויס אַ מאַטעריאַליסטישע צוקונפט. „דאָס איז די וויזיע פון די

צאָלן, מיר גייען אַנטקעגן דעם גייסט״... אַ האָפנונג געפינט דאָ איר אויסדרוק, וואָס איז פונקט אַזוי גליענדיק ווי זי איז אומבאַרעכטיקט, אַ חלום, וואָס איז אַזוי אַבסורד ווי ער איז עקסטאַטיש. ער געפינט זיך אויפן וועג צו דערגיין, צוריקצוגיין צוויטויזנט יאָר פון אַ פאַלשן וועג... דער אַלמעכטיקער פּראָגרעס, פאַר וואָס זאָל ער ניט גורם זיין, אַז די וועלט זאָל זיך אַ דריי טאָן אויף צוריק און מיר זאָלן טאַקע קענען אָנהויבן אויפסניי?...

*

ניט קוקנדיק אויף דער אומגעהייערער, באַפרייענדיקער און פאַר אַלעמען פאַרטיפנדיקער השפעה, וואָס אַרטור רעמבאָ האָט אויסגעאיבט אויפן אייראָפּעאישן שאַפן, איז ער ביז צום היינטיקן טאָג אין דער בצימצום׳דיקער קווינטעסענץ פון זיין ווערק געבליבן דער גייסטיקער באַזיץ פון אַ קליינעם קרייז, פון אפשר עטלעכע הונדערט מענטשן. און דאָך האָבן ימים פון טינט געפּרובט דערקלערן, טייטשן די דאָזיקע דערשיינונג. ער איז איבערזעצט געוואָרן אין אַלע אייראָפּייאישע און אַ טייל אַזיאַטישע שפּראַכן. אפילו פאַר די ווייניקע אין זיין צייט איז ער אויך ערשט מפורסם געוואָרן, ווען ער איז שוין געווען „אַן אַנדערער״, אַ הענדלער פון וואָפן פאַרן אַבעסינישן מלך מענעליק, אַן אונטערהענדלער, אַן אַרבעטער — אויפן אַנדערן ברעג, אין פּראָצעס צו ווערן זונפאַרברענט „מיט שטאָלערנע גלידער און מיט גאָלד אין קעשענע״.

ווי ווייט ער איז דערגאַנגען צו דעם גילגול, מיט דער זייט פון פענאָמען וועלן מיר זיך שפּעטער ווייניגסטנס אין קורצע שטריכן פאַרנעמען.

עס וועט בלייבן איינער פון די קוריאָזן אין דער דראַמע רעמבאָ, וואָס פאַל ווערלען, טייל און באַטייליקטער און דעריבער וויכטיקסטער עדות פון דער גאַנצער דערשיינונג, האָט געשריבן אַ מיטלמעסיק בוך וועגן אים. עס

באַשטייט פון עטלעכע ביאָגראַפישע קאַפּריסן, בריף, דער פּיסטוילן־דראַמע אין בריסל, עטלעכע געדיכטע און דעם שיר „קרימען־אַמאָריס", געשריבן אין תּפיסה אין מאָנס, זייער אויפשלוסרייך פאַר זייערע באַציאונגען, אָבער עס איז ניט פאַראַן קיין סימן פון ווערלענס השגה, פון פאַר־שטיין זיין אומגעוויינטלעכן פּריינט. פונדעסטוועגן איז כדאי, צו ברענגען עטלעכע ציטאַטן, וואָס באַווייזן דעם יראת הכבוד, וואָס ווערלען האָט געפילט פאַר רעמבאָ: זיי באַווייזן מער ווי דער שאַרפזיניגסטער עסיי, מער ווי די אַרבעט אין זשורנאַל "Les Poetes Maudits'

אין דער הקדמה פון דער דערמאָנטער צייטשריפט שרייבט ווערלען: „מיר האָבן געהאַט די פרייד, צו קענען אַרטור רעמבאָ. היינט זיינען מיר פאַנאַדערגעשיידט, אָבער עס פאַרשטייט זיך, אַז די טיפע באַוווּנדערונג פאַר זיין זשעני און פאר זיין כאַראַקטער האָט אונז קיינמאָל ניט פאַרלאָזן. אין דער תּקופה פון אונזער אינטימיטעט, וואָס ליגט ווייט צוריק, איז אַרטור געווען אַ קינד צווישן זעכצן און זיבעצן יאָר. און שוין באַלאָדן מיטן גאַנצן פּאָעטישן באַגאַזש... עס איז נויטיק, אַז דער אמתדיקער עולם זאָל זיך דערפון דערוויסן און מיר וועלן פּרובן אַנאַליזירן און ציטירן אויף וויפיל עס לאָזט זיך..."

„ער איז געווען גרויס, גוט געוואַקסן, כמעט אַטלע־טיש מיט אַ פּערפעקט אָוואַלן פּנים פון אַ מלאך אין גלות. מיט צושויבערטע ליכטיק שאַטינע האָר, און אויגן פון אַ באַאומרואיקענדיקן בלאַסן בלוי. ער האָט זיך באַ־נוצט מיט אַן ארדענעזער אַקצענט, וועלכן ער האָט ליידער צו גיך פאַרלוירן, — אָט דאָ דרך אגב: אויב די דאָ־זיקע שורות זאָלן על פּי צופאַל אַריינפאַלן אין זיינע הענט, זאָל אַרטור רעמבאָ וויסן, אַז מיר באַאורטיילן ניט די טרייבקראַפט פונם מענטשן, און זאָל ער זיין פאַרזי־כערט פון אונזער פולשטענדיקער הסכמה, פון אונזער שוואָרצער טרויעריקייט אויך, — ווייל ער האָט פאַרלאָזן

די פּאָעזיע — מיר צווייפלען ניט דערינען, אַז דאָס אוועק־גיין איז פאַר אים לאַגיש, ערלעך און נויטווענדיק".

די ביאָגראַפן פון ווערלען האָבן געמוזט אָפּגעבן אַ חשובען פּלאַץ פאַר רעמבאָ און פאַרשטייט זיך פאַראַן רעמ־באָ'איסטן און ווערלעניסטן, וואָס שיצן, אָדער פאַרענט־פערן זייערע העלדן, איינעם אויף די קאָסטן פון צווייטן. פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען אַנטקעגןביידן.

אַנדריי פאַנטאַן איז איינער פון די אַפּיקורסים בנוגע רעמבאָ. על גלויבט ניט, לאָזט זיך ניט פאַרבלענדן די אויגן און רייסט איין אַלע טירן, כדי צו באַווייזן, אַז רעמ־באָ איז ניט געווען קיין מיסטיקער.. ער גלויבט ניט אין זיינע ליידן, ניט אין זיינע עקספּערימענטן, און פּרובט אים אָפּשאַצן אויף וויפל ער איז ווערט — קאַלט, ניכטערן. „עס ווייזט אויס, זאָגט ער, אַז דער כלומרשטער „אָן אַ האַרץ" (אַזוי האָט רעמבאָ זיך איינמאָל אונטערגעשריבן אין אַ בריף צו איזאַמבאַר) האָט געזען אינם זשעני, אין זיין אייגענעם זשעני, די צוקונפט, די רעגענעראַציע פון דער מענטשהייט, — ניט דורכ'ן מיטל פון פאַרלוירענעם רחמים, נאָר דורך אוניווערסאַלן אויפשטייג. אויסגעפירט דורך איי־נעם און דערמיט אַליין שוין רעאַליזירט. באַזעסן פון זיין חלום, האָט ער אים געלעבט. ער איז נישט מקבל קיין חסד פון אויבן. גאווה, גאווה און פאַל. רעמבאָ וועט ניט דער־גיין דאָס אומבאַקאַנטע, וואָס וועט בלייבן פאַר אים אומ־באַקאַנט, ווי פאַרן גרעסטן עניו צווישן אונז, — דאָס אומ־דערקענבאַרע. אָבער ער וועט האָבן באַגרינדעט די גרוי־סע באַוועגונג פון הערעמעטיזם פון וועלכע די פּראָפּאַגע ליטעראַטור ליפערט אונז ניט קיין שום פּרוב ביז צו אים. פון וועלכן דאָס אויפבליען, און שפּעטער אפילו מיט גלאַנץ, וועט ווערן דער גרויסער מיסטישער אַנהויב. אָבער אַזויווי אַלץ איז ווידערשפּרוך ביי רעמבאָ, וועט ער אַליין פאַרויסזאָגן אַ מאַטעריאַליסטישע צוקונפט". דאָס איז, זאָגט פאַנטאַן ווייטער, אַ דערלויכטענער, וואָס האָט זיך אָן אַ

ברעקל אמונה, געזעצט אין קאָפּ אַריין צו זען דאָס אומ־זיכטבאַרע, צו דערגיין צום מיסטעריום, פון וועלכן ער האָט זיך געפילט אַרומגענומען, פּטרנדיק דערביי טאָג־טעגלעכע באַדינגונגען פון לעבן".

מיר האָבן בכיוון געבראַכט אַן אויספירלעכע ציטאַטע פון אַ „מתנגד" וועגן רעמבאָ. ער האָט משפּיע געווען אפילו די, וואָס האָבן ניט געגלויבט אין אים. אַט דער גאַנצער דור, וואָס טראַכט אַנדערש — אָדער בעסער וואָס פילט אַנדערש, ווערט ניט מיד צו פאַרצייכענען, וואָס עס בינדט אונז און מער נאָך וואָס עס צושיידט אונז, ווי ווייט האָבן מיר געהאָט דעם מוט, דעם ערנסט פון „אויסהערן זיך אַליין". דאָס פּרובן זיך איינהערן אין קלאַנגען פון מחוץ, דאָס איז די ירושה פון אַרטור רעמבאָ.

ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך ניט אריינגעלאָזט אויף קיין אויסוועגן, וואָס האָט זיך אָפּגע־זאָגט פון צו גיין דעם באַקוועמען וועג פון המשך, וואָס האָט דורכגעשניטן אַלע געוועבן וואָס האָבן זיך אַזוי פאַר־פּיינערט, ביז זיי זיינען געוואָרן סטעבלע אָדער גלאַט אַן אַ נשמה. ער האָט אַן רחמנות דורכגעהאַקט אַלע שיכטן און לאַגערונגען און דערגאַנגען צו אורשפּרינגלעכקייט, צום צענטער, צו ערשטקייט און עיקר און צו אַ ווידער־באַגינען, אין וועלכן די קונסט האָט זיך ביטער געניויטיקט. אַט דאָס איז געווען דער זין פון דער אַנטרעגלונג פון די זינען, אַט דאָ איז דער כאַאָס, צו וועלכן ער האָט גע־שטרעבט, אַט דאָ איז פאַר אים געלעגן די גאולה — אַט דאָ איז ער געשטרויכלט געוואָרן...

ער האָט מחדש געווען דאָס וואָרט ווען עס האָט גע־האַלטן אין פאַרביינערט ווערן, האָט ער דאָס געריפּ אי־בערגעצויגן מיט פלייש און הויט, אין די אָדערן, וואָס האָבן געהאַלטן אין גליווערן האָט ער אַריינגעגאָסן אַ שטראָם פון בליענדיקן בלוט פון אמונה. דער נייער רוח־חיים האָט דערפולט די ליטעראַרישע אָדער בעסער, די

וועלט פון קונסט, און דער קוואַל איז געווען טיף, הגם אַלע שעפּן פון אים עד היום, די וואָס ווייסן ניט שעפּן אויך, — שטראָמט דער קוואַל אָן אויפהער, שטראָמט מיט ממשות און עיקר, און אַלע צען פינגער קענען פילן די ממשות, די קאָסמישע באַדייטזאַמקייט.

— —

כמעט יעדער פון רעמבאָ׳ס ביאָגראַפן, פּרובן זיך טייטשן, פאַר וואָס ער האָט פאַרלאָזן די לעטראַטור. ווייל עס זאָגט ריכטיק זיין פריינט דעלעאַהיי: „אין אַ שרייבער איז געוויינטלעך פאַראַן איין אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט, די וואָס שרייבט. ביי דעם דיכטער, מיט וועלכן מיר פאַרנעמען זיך אַצינד זיינען פאַראַן צוויי, די וואָס האָט געשריבן, און די וואָס שרייבט ניט מער״.

נאָכ׳ן בית דין סעזאָן אין גיהנם אין וועלכן רעמבאָ איז אַליין שופט און אַליין געמשפּטער, און ווו ער איז זיך מודה ומתוודה אויף אַ וויווי־סעקטאַרישן אופן, ווי נאָר ער אַליין איז פּעאיק דערצו אין חטאים במעשה און חטאים במחשבה — לאָזט ער זיין פאַרלעגער צושיקן קאָפּיעס צו פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן אין דער ליטע־ראַטור, און פאָרט קיין פּאַריז. דאָס איז געווען אין נאָ־ווועמבער 1873. געוויינג שטאָלץ זיך ניט צו פאַרקריכן, זיצט ער איינער אַליין ביי אַ טיש אין ליטעראַרישן קאַפע, דער רעש אַרום אים איז פריילעך, געהויבן, ער אַליין איז אומבאַמערקט, פאַרלאָזן, איינער פון דער חברה פּרובט זיך אים נענטערן, דרייט ער זיך שטאָלץ אַוועק. — שטאָלץ און פאַרניכטעט.

דאָס קומט פאַר תיכף נאָך דער אָפּער אין בריסל, און קיינער האָט זיך אפשר נאָך גאָר ניט געהאַט געגומען די מי, זיין ודוי, וואָס ער האָט אין די בלעטער אַזוי אָפנהאַר־ציק אַנידערגעלייגט, אפילו איבערצולייענען.

בכן, ווייל די ליטעראַטור ניט ווייסן פון אים. אויך

גוט. נאָכדעם ווי זי האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי „אומגע־ניגנד״, צו ראַטעווען דעם מענטשלעכן גייסט, צוריק פירן אים צו זיין אינטעגריטעט, האָט די ליטעראַטור אויך פאַר אים אויפגעהערט צו זיין אַ קוואַל פון אינספּיראַציע... און דאָך, ער האָט געשריבן צו דעלאהיי, אַז זיין גאַנצער גורל הענגט אָפּ פון דעם בוך.

אַצינד קען אים גאָר ניט מער צוריקהאַלטן. און דער „מאַן מיטן ווינט אין די זוילן״ לויט ווערלען, לאָזט זיך אין וועג. ווידער הויבט עס זיך אָן מיט לאָנדאָן. אַצינדערט אינאיינעם מיטן דיכטער זשעראַר די נערוואַל.ביידע פּרובן מאַכן אַ לעבן פון געבן פראַנצויזישע לעקציעס און ביידע שטודירן אין רידינג רום (לעזע זאַל) פון בריטישן מוזעאום. רעמבאָ ווערט קראַנק פאַר הונגער און דחקות, און מוטער און שוועסטער קומען קיין לאָנדאָן, אים אהיימ־נעמען. די דריי וואָכן אין וועלכע ער פירט זיינע קרובים איבער לאָנדאָן, און שטודירט יעדע פרייע מינוט אין ברי־טישן מוזעאום זיינען אפשר די פרידלעכסטע אין זיין לעבן. רעמבאָ פאַרבלייבט נאָך אַ ווילע אין ענגלאַנד, קריגט אַר־בעט אין גלאַזגאָ צו אין עדינבורג אַלס לערער. אויף ווייַ־נאַכטן פאָרט ער קיין שאַרלעוויל ווו ער פאַרבלייבט ביז פעברואַר 1874.

דערווילע באַשליסט ער צו גיין קיין דייטשלאַנד. מאַדאַם רעמבאָ שיקט אויף צו שטאַרבן צו פיל, אויף צו לעבן צו ווייניק. מיט עפּעס שוואַרצער אַרבעט האַלט ער זיך איבערן וואַסער, ווערלען ווערט צוליב מוסטערהאַפטער אויפירונג באַפרייט פון תפיסה. פרום איז ער דערווילע אויך געוואָרן. ער רוט ניט ביז ער ווערט געוואָר רעמבאָ׳ס אַדרעס. ער קומט צו פאָרן און פּרובט זיך, צו פירן רעמבאָ אויפן גלייכן וועג, ד. ה. אויפן וועג פון דער קירכע. רעמבאָ איז זיך נוקם אויף זיין כאַראַקטעריסטישן אופן, ברענגט אים דערצו זיך אָנצושכורן, אָבער ווערלען הערט ניט אויף צו וועלן אים איבערצייגן, ביז עס קומט צו אַ ביי־

טער געשלעג. ווערלען בלייבט ליגן צוהרג׳עט אויף די ברעגעס פון נעקאר, און רעמבאָ גייט אַוועק פול פאַר־אַכטונג און צאָרן.

ער האָט געגנוג פון דייטשלאַנד. אַצינד איז עס אי־טאַליע, וואָס ער וויל זיך מיט איר באַקענען און לערנען די שפּראַך. אַ זייפן־פאַבריקאַנט זאָגט אים ערגעץ־ווו צו אַרבעט; לאָזט ער זיך אין וועג אַריין. אין ווין כאַפּט ער אַ טרונק מיטן פיאַקער־קוטשער, וואָס באַגנב׳עט אים אויס לויטער פריינטשאַפט, און רעמבאָ לאָזט זיך צופוס איבער די אַלפּן, ברעכט ערגעץ ווו אויפן וועג צוזאַמען און ווערט אויפגעקליבן פון אַן איטאַליענישער סינאָרא, וואָס זאָרגט פאַר אים עטלעכע טעג, ביז ער קומט צו זיך. אומגעוווינט צו דער איטאַליענישער זון, קריגט ער אַ זו־נען־שטאָך און ווערט דעפּאָרטירט קיין מאַרסיי. דאָרט אַרבעט ער עטלעכע טעג אין די דאָקס, און פאַלט אַריין אין די הענט פון אַ שפּאַנישן רעקרוטירונגס־אָפיצער, וואָס רעקרוטירט אים פאַר די קאַרליסטן. רעמבאָ מאַכט אַ ויברח קיין פּאַריז, נאָכדעם ווי ער באַקומט זיין באַנוס, פאַרטרינקט דאָס געלט מיט עטלעכע פריינט און גייט אין אויגוסט אויף אַ נאָווינע, צוריק קיין שאַרלעוויל. דער מצב אין דער היים איז פּונקט אַזוי פריינטלעך ווי דער ברוך הבא, אָבער ער קריגט אַלץ נאָך קאָסט און קוואַרטיר, הגם אביסל איבער דאַנק. ער דרייט זיך אַרום אָן אַ סענט ביי דער נשמה און, אָפּגעטעמפּט אין דעם פּרט שוין פון לאַנג, זוכט ער צו באַקומען עטלעכע גראָשן, ווו עס לאָזט זיך. אפילו ווערלען איז מיד געוואָרן בייצושטיין, זיין נשמה וויל ער אַלץ נאָך ראַטעווען, און רעמבאָ האַלט דאָס פאַר אויסעראָרנטלעך ווולגאַר. זיי האָבן זיך ניט מער געזען.

ער ווייסט דערווייל ניט וואָס צו טאָן, לערנט אָבער פלייסיק רוסיש, אַראַביש, הינדוסטאַניש, רוסיש אויס אַ רוסיש־גריכישן ווערטער־בוך!

דעם אָכטצעטן דעצעמבער 1874 שטאַרבט זיין שוועס־טער וויטאַלי, און די טרויעגדיקע מוטער ווערט טרויעריקער; אָבער ניט פריינטלעכער. ער האַלט עס אויס ביז צום פרילינג און הויבט ווידער אָן וואַנדערן, וויל דערגרייכן רוסלאַנד, קומט אָן ביז ווין און ווערט דעפּאָרטירט צו דער פראַנצויזישער גרעניץ, פון וואַנען ער טרעמפּט ווידער אַ־היים. בניה וביה האָט ער זיך פיזיש שטאַרק אַנטוויקלט, און דעלאהיי כאַראַקטעריזירט אים, אַז ער האָט אַ בליק, פּעאיק צו אַלעמען, אָן כעס און אָן מורא. ס'איז אַלץ נאָך פרילינג און ער וויל דערגיין צום אָריענט, פאַרדינגט ער זיך צו דער האָלענדישער אַרמיי צו גיין קיין יאַוואַ. אין יוני 1876, שיפט ער זיך איין און די נסיעה נעמט זעקס וואָכן. דאָס איז ניט צו זיין געשמאַק און ער דעזערטירט, בלאָנדזשעט וואָכנלאַנג אין דזשונגל, געפינט על פי צו־פאַל אַ שיף, קומט צוריק קיין ליווערפּול אין הערבסט, כדי צו בלייבן ווינטער אין דער היים.

אַלע די פאַראומגליקטע פרובן האָבן געדויערט ביז אָק־טאָבער 1878, ווען ער קלויבט זיך ווידער צו דערגרייכן האַמבורג. ער קריגט אַ צוזאָג, אַז אויב ער וועט קומען קיין גענוא, וועט ער קריגן אַ שיף קיין מצרים. אין אַלט־דאָרף, נאָכדעם ווי ער איז געגאַנגען צופוס איבער גאַנץ פראַנקרייך, ווערט ער געוואָר, אַז די אַלפּן זיינען ניט מער דורכגאַנגבאַר פאַר קיין וועהיקל. אין אַ הוליענדיקן שניי־שטורעם, לאָזט ער זיך צופוס איבער די אַלפּן איבער אָפּ־גרונטן, איבער געפערלעכע שלוכטן און באַרג־ריזן, גע־בלענדט פון אַ ווייסער ווילדקייט, אָן אַ מעגלעכקייט צו דערקענען אַ ריכטונג; ער מוז זיך אָפּט מיילנווייט דורכ־גראָבן דורך לאַווינעס און קומט האַלב־פאַרפרוירן, ביים סוף פון זיינע כחות אָן צו אַ האָספּיץ. געראַטעוועט! אי־בער לוגאַנאָ קיין גענוא און מיט אַ שיף קיין אַלעקסאַנדריע. דאָ האָט ער אַ געוויסע צייט געאַרבעט אַלס פאַרמער. אין דעצעמבער 1878 איז ער אין סועץ, ער איז באַשעפטיקט ביי

עפּעס אַ צווייפֿלהאַפֿטער אַרבעט. שפּעטער דערגרייכט ער ציפֿערן ווו ער האָט דערהערט, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַן אויסזיכט צו קריגן בעסער באַצאָלטע אַרבעט. אונטער אומברחמנותדיקע באַדינגונגען לעבט ער דאָרט אַנטקעגן אַ האַלב יאָר אַלס איינציקער אייראָפּייער, וואָס איז ניט געשטאָרבן פֿון מאַלאַריאַ. אַנטקעגן יוני 1879 ווערט ער קראַנק אויף טיפֿוס און מוז זיך ווידער אומקערן אַהיים, כדי צו קומען צו זיך. ווען דעלאַהיי באַגעגנט אים דאָס־מאָל, דערקענט ער אים ניט, אַזוי פֿאַרענדערט זעט ער אויס. אַוועק די ראָזעווע הויט. ער ווערט צוביסלעך גרוי און לאָזט זיך וואַקסן אַ סימן פֿון אַ בערדל, וואָס פֿאַר־שטאַרקט נאָך דעם עקזאָטישן איינדרוק, וואָס ער מאַכט. די אויגן זיינען אַלץ נאָך „טיפֿבלוי ווי זומערנאַכט״. ער איז קראַנק יענעם גאַנצן ווינטער אוןליידט פֿון קעלט, אין קאָרג באַהייצטע שטובן, נאָך דער היץ פֿון ציפֿערן. און ער איז אַצינד אַלט 25 יאָר און ווערט זיך קלאָר, אַז די אַרומוואָגלעניש איבער דער וועלט, האָט ביז אַצינד ניט געפֿירט צו קיין שום פּעולה. דעלאַהיי, וואָס זעט אים אין יענער צייט, גיט אַ פֿרעג ווי פֿון דער האַנט: און וואָס איז מיט פּאָעזיע וכדומה? רעמבאָ ווערט עפּעס ווי אי־בעראַשט און ענטפֿערט ברוגז: „אָ, איך טראַכט קיינמאָל וועגן דעם ניט אַצינד״. נאָך איינמאָל זיצן די פֿריינט, דעלאַהיי, פּיערקין, (וואָס איז אַמאָל געווען איינער פֿון זיינע לערער) מיללאַ, אין קליינעם קאַפֿע אויף פּלאַס דוקאַ אין שאַרלעוויל. דאָסמאָל גייט ער אַוועק אויף אַ לאַנגער צייט מקריב צו זיין אַ שטיק פֿון לעבן פֿאַר דער כימערע, שפּע־טער צו זיין פֿריי. ווי אַ פֿויגל פֿריי, „מיט גאָלד אין קע־שענע און מיט אַ געברוינטער הויט...״

ווען אַרטור רעמבאָ האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין דאָס ערשטע מאָל, אויף צו דערגיין די גרעניצן פֿון אומבאַקאַנטן איז ער לכל הפּחות געווען עקוויפּירט, מיט די פֿרימערסטע כלי זיין פֿאַר זיינע עקספּערימענטן,

מיט אַ גלענצענדער שולבילדונג וואָס האָט אים דערמעג־לעכט צוצוגיין צו אַלע קוואַלן, אַ ברענענדיק שאַרפן מח, אַן אייזערנערווילנסקראַפט, — און אַ היים. דאָס אַלץ האָט געקענט דינען פאַר אַ געוויסן גרונט־יסוד פאַר זיינע נסיונות און דערגרייכונגען און — דעם הפוך פון זיי.

מאָסשטאַב האָט גאָר ניט צו טאָן מיט אָנמאָס און פאַרבאָרגענע וועגן לאָזן זיך ניט איינצוימען אין אַ מע־טאָד. עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף איין מאָמענט פון צידה לדרך פאַר זיין צווייטער נסיעה, פאַר דער נסיעה אין באַקאַנטן און דערגרייכבאַרן. קינדישע אומדערפאַרנ־קייט, פאַנטאַזיע וואָס האַלט אין איין איבערכאַפּן די מאָס און פאַרלירן די פעדעם, צוויי לײדיקע הענט און אַן איי־זערנע ווילנסקראַפט. די ערשטע מעלות זיינען געווען שטיינער אויפן וועג, די לעצטע, זיין אייזערנע ווילנסקראַפט האָט זיך פשוט אַרויסגעוויזן פאַר פאַטאַל.

אַנטקעגן דעם דאָזיקן טיראַנישן ווילן, גייען אינע־וויניק אַן שטרעמונגען, אונטערשטרעמונגען, וואָס קול־מינירן אין מאָדנע דערשיינונגען.

ער איז געווען אַ פאַרשאָלטענער, וואָס האָט פאַר־מאָגט אַ צויבערשטעקעלע צו ציען וואַסער פון אַ שטיין אין דער מדבר: אַ פאַרדאַמטער וועלכן גאָט האָט צווייאַמאָל באַשאָנקען מיט זיין חסד: ווען ער האָט אים געבענטשט מיט פאָעטישן כח פון אַ הויכער מדרגה און דאָס צווייטע מאָל ווען ער האָט אים געלאָזט אַנטפּלעקן געגנטן וואָס קיין מענטשלעכער פוס האָט זיי נאָך ניט געהאָט באַטראָטן.

אין עקשנותדיקער גאוה האָט ער זיך ביידע מאָל דער־פון אָפּגעווענדט. מיט דערזועלביקער בטלנות, מיט דער־זעלביקער וועלטפאַרעמדקייט ווי מנחם מענדל. אויב אפילו מאָטיוון און שטייגער זיינען אַנדערע.

ער קומט קיין ציפּערן, ווו ענגלאַנד פאַרגרעסערט דעם פאָרט אין לימאַזאָל און ווו עס ווייזט זיך אַ געלעגנ־הייט צו פאַרדינען. ער געפינט אַרבעט אַלס פאַרמאַן

פאַרן בוי פון גאָוועדנערס הויז, האָט אונטער זיך פופציק מענער, און פאַרדינט צוויי פונט אַ וואָך... די צרה איז אָבער, וואָס ער לעבט צווישן ענגלענדער, וואָס מיינט אַ העכערער לעבנס שטאַנדאַרד, און ווייניק מעגלעכ־קייטן צו שפּאָרן...

איבעריגנס צעקריגט ער זיך מיט די בעלי הבתים און אין יוני פאַרלאָזט ער ציפּערן, מיט אָפּגעשפּאָרטע 16 פונט, באַזוכט אַלע פּאָרטן פון רויטן ים, כדי צו געפינען אַרבעט. פאַרשידענע אייראָפּייאישע מלוכות הויבן אָן אוועקשטעלן אַ פוס אין סאָמאַלי־לאַנד. רעמבאָ האָפט, ערגעץ ווו עפּעס אין דעם צוזאַמענהאַנג צו געפינען. דאָס גיט זיך ניט איין, אָבער ער ווערט אויפגעקליבן, קראַנק מיט פיבער, ערגיץ אויף די זאַמדן פון אַדען, ווהין דער עקספּאָרטער פּיער באַרדיי, ברענגט אים און גיט אים אויס רחמנות אַ פּאָסטן אין זיין פירמע. גאָר באַלד געווינט ער דעם צוטרוי פון זיין שעף, און דורך זיינע הענט גייען ביכער, געלט, סחורה, און באַלד באַשליסט באַרדיי אויס־צופאָרשן דאָס אינערע פונם לאַנד, בכדי צו זען צו איז כדאי צו עפענען נאָך אַ ברענטש פון דער פירמע (זיי עקספּאָר־טירן קאַווע, גומי, און ווען ראַאוף פּאַשאַ קומט צו דער מאַכט — עפנט האַראַר די טויערן פאַר אייראָפּייאישן האַנדל). באַרדיי דערשפּירט די מעגלעכקייט, בויט מאַגאַ־זינען, קערט זיך אום קיין אַדען, העכערט רעמבאָ׳ס לוין פון צוויי שילינג טעגלעך מיט קאָסט, אויף ניין, אַ חוץ פּראָצענטן פון די רוחים... זיין אַרבעט באַשטייט אין איינ־קויפן קאַווע, הויטן, עלפאַנטביין, און פּאַרפיומען פון די איינגעבוירענע, און אויסבייטן אַלץ פאַר אייראָפּייאישער לייוונט.

נאָוועמבער 1880 פאַרלאָזט ער אַדען איבערן רויטן ים קיין זיילאַ. אין אָנהויב דעצעמבער קומט ער אָן, צוואַנ־ציק טעג רייטנדיק אויף אַ פערד, קיין האַראַר. פול מיט האָפענונגען, פול דערוואַרטונג, סוף־כל־סוף צו דערגרייכן,

וואָס עס האָבן באַוויזן וויניקער פעאיקע פאַר אים. האראר איז געווען אַ שטאָט 6000 פוס איבערן ים, אַרומגע־רינגלט פון הויכע, דיקע מויערן פון רויע שטיינער, צע־מענטירט מיט ליים, געגוג ברייט פאַר דער וואָך צו שפּאַ־נען אַרויף און אַראָפּ, כדי צו איבערוואַכן די איינגאַנגען. אַ שטאָט, וואָס איז באַשטאַנען פון ליימענע הייזער. אַ חוץ דער טערקישער, שנייווייסער מאָשיי מיט אירע קור־יאָזנע מינאַרעטן, און דעם פּאַלאַץ וואָס איז בשעתו גע־בויט געוואָרן פאַר ראאוף פּאַשאַ. באַרדיי האָט דעם פּאַלאַץ געדונגען פאַר זיינע געשעפטס־מאַגאַזינען. דער איינצי־קער פראַנצויז אין שטאָט איז געווען אַרטור רעמבאָ. אַ יאָר שפּעטער איז באַרדיי נאָכגעקומען, מיט אים, פּאַטער טוירין קאהאני, — אַ מיסיאָנער. רעמבאָ האָט געזען גרוי־סע מעגלעכקייטן פאַר זיך און מיט זיין געוויינטלעכן פלוג אין הימל אַריין, האָט ער געוואָלט אויס ביכער לערנען אַלע מעגלעכע מלאכות, כדי זיי שפּעטער איינצופירן. מיט אַ שווערן האַרץ האָט די פּראַקטישע מאַדאַם רעמבאָ מסכים געווען, אויסצוגעבן דאָס שווער דערוואָרבענע געלט אויף ביכער.

ער איז מיד געוואָרן פון לערנען מלאכות. צושענקט די ביכער. געוואָרן איינזאַם ווי אין אַ מדבר, — און גע־חלומט וויאַזוי צו ווערן רייך. נאַכט נאָך נאַכט ווערן די שטאָטמויערן געשלאָסן, ווילדע הינט פאַנאַנדערגעלאָזן, אָפּצוהיטן די שטאָט פאַר היענעס, פּאַנטערס, אפילו לייבן. די שליסלען ווערן געבראַכט צום גאָווערנער. קיינער טאָר ניט פאַרלאָזן זיין היים אָן אַ דערלויבניש. צומאָרגנס נעמט די וואָך די שליסלען ביים גאָווערנער, עפנט די טויערן און דער רעש הויבט זיך אָן. קאַראַוואַנען וואַרטן שעה׳ן לאַנג, ביז זיי ווערן אַריינגעלאָזן, דער יאַריד הויבט זיך אָן מיט קולות און געשרייען און מיט אַ פיבערהאַפטער טע־טיקייט. קאַפע־הייזער האָבן זיך געעפנט, אַלץ שפּילט זיך אָפּ אויפן מאַרק־סקווער אַרום באַרדיי׳ס געשעפט. דע־

מאָלט האָט רעמבאָ פאַר אַ וויל פאַרגעסן זיין אומרו און איינזאַמקייט, האַנדלענדיק, וואַנדלענדיק אין דער בונטער חבריה, כדי צו ווערן רייך.

באַלד האָט ער זיך אַרומגעזען אַז ער קומט ניט ווייטער. די בריף צו זיין מוטער ווייזן, ווי דערשלאָגן ער איז געווען. דערצו איז ער געוואָרן ערנסט קראַנק, משמעות אויף סיפּיליס, און צו קריגן געהעריקע באַהאַנדלונג איז געווען זייער שווער. ער האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט, אַזוי לאַנג עס איז געווען אַ סכנה אָנצושטעקן אַנדערע.

ער האָט געוואָלט פאַרלאָזן האַראַר. באַרדיי זאָגט צו אַ בעסערע פּאָזיציע און ער בלייבט. אין דעצעמבער גייט ער צוריק קיין אַדען, מיטן באַשלוס, צו זוכן אַ פּאַסיקערע אַרבעט. אָבער באַרדיי גיט אים איבער אַ וואַזשנע פּאָזיציע און ער נעמט דערווייַלע אָן, ניט האָבנדיק גענוג קאַפּיטאַל עפּעס אָנצוהויבן אויף אייגענע הענט.

ער בלייבט אין אַדען, און מאַכט אויף זיין אומטעמאָדישן אופן, געאָגראַפישע אַנטפּלעקונגען, שרייבט אַן אַרטיקל צו דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט, וואָס נעמט ניט ערנסט די אַנטפּלעקונגען פון אַ אומבאַקאַנטן קאַווע־עקספּאָרטער אין אַדען. דער געדאַנק פון אויספאָרשונג איז אים געפעלן געוואָרן און שוין פּלאַנט ער אַן עקספּעדיציע, קיין שאאָ, „כדי צו זען וואָס קיין מענטש האָט נאָך ניט געזען"... נייע באַשטעלונגען פון ביכער און אינסטרומענטן. דאָס געלט צערינט זיך און ס'פאַלט באַרדיי נישט שווער, אים צו בינדן אויף ווייטערע צוויי יאָר. זיין געהאַלט איז געוואָרן אַזוי געהעכערט, אַז ער האָפט ביים סוף צו האָבן אָפּגעשפּאָרט אַ גרויסע סומע. ער הויבט אָן מאַכן נסיעות אין אינערן פון אַבעסיניע. עס איז די צייט, ווען אַבעסיניע האַלט מלחמה מיט מצרים, פאָרט ער אַרום אין ערטער, ווו אַ ווייסער האָט זיין פּנים נאָך ניט באַוויזן. באַרדיי וויל פאַרגרעסערן זיין אָפּזאַצמאַרק, און רעמבאָ איז פאַרנומען אויסצופאָרשן די מעגלעכקייטן, האַלט זיך

אויף אין די בושן, און קומט אָן צום טייך וועב. דער באַ־ריכט איז לויט סטאַרקיע — אפילו היינט אינטערעסאַנט, ווייל די געגנט האָט זיך קוים געענדערט זייט רעמבאָ׳ס צייטן.

רעמבאָ׳ס באַריכט איז געוואָרן געדרוקט פון דער „געאָגראַפישער געזעלשאַפט״. די צייטשריפט בעט אַ בילד און ביאָגראַפישע דאַטן. אָט איז ווידער אַ געלגנהייט צו קאָנגעניאַלער אַרבעט, — רעמבאָ אָבער ענטפערט אפילו ניט. אַנדערע האָבן דעם פאַדעם אויפגענומען און האָבן פאַרנומען אַ זייער חשובן פּלאַץ אין דער וויסנשאַפט און אין לעבן. רעמבאָ איז אַלס פאַרשער פאַרגעסן געוואָרן.

שטרעמונגען, אונטערשטרעמונגען גייען אָן. דער פאָרשער־אינסטינקט איז דערוואַכט. ער בעט האַנטביכער וועגן הידרוליק, אַסטראָנאָמישע אינסטרומענטן, ווערק וועגן אייזנבאַן־בוי און טונעלן. ער האַלט אין בויען וועלטן; ווי בשעת זיין דיכטערישן פעריאָד האָבן אים די דימענז־יעס ניט געלאָזן רוען... ער האָט כמעט פאַרגעסן צו פילן דאָס גליק פון זיין אומאָפּהענגיקייט, פון לעבן אין אומ־דערפאָרשטע, עקזאָטישע געגנדן. אַ פאַרוואַנדלונג גייט אָן אין אים. עס בענקט זיך אים צו זיין אַ מענטש, מיט מענטשן גלייך.

די דערווישן זיגן און מצרים מוז זיך צוריקציען קיין סודאַן. לויט ענגלאַנדס עצה ווערט דער זון פון לעצטן עמיר גוווערנער פון שטאָט. ער איז אַ פאַנאַטישער מחמד׳־אַנער מיט אַ הייסער שנאה צו אַלע פרעמדע און ער פלאַנט צו פאַרשליסן די שטאָט. באַרדיי און די אַנדערע פאַרלאָזן האַראַר. רעמבאָ פאַרט קיין אַדען, קריגט געהאַלט פאַר דריי חדשים, און מוז טראַכטן וואָס ווייטער. ער טוט אַלץ נאָך שוואַרצע אַרבעט פאַר דער פירמע. דער פרעס־טיזש פון מצרים פאַלט אין אַבעסיניע. פאַראַן צוויי אַספּי־ראַנטן פאַר דער מאַכט, דזשאַן דער קעניג פון טיגרע און מענעליק, דער קעניג פון שאָא. אייראָפּייאישע מלוכות זייי־

נען שטאַרק פאַראינטערעסירט, וואָס אינווייניק טוט זיך. ביידע אַספּיראַנטן צו דער מאַכט נויטיקן זיך אין וואָפן, און אייראָפּעאישע מלוכות פּרובן צו שטערן אָדער צו אַנימירן דעם האַנדל... ס׳אַנטוויקלט זיך אַ וואָפן־האַנדל־פיבער און רעמבאָ איז אין דער מיט. זיין קאַפּיטאַל איז הונדערט פונט אין קעשענע און אַ וועלט מיט פאַנטאַזיע.

אין יאָר 1885 געפינט ער זיך אין אַ שמוציקן העק מיטן נאָמען טאַדזוראַ, אַ נעסט אַרומגענומען מיט אויסגעלאָשענע ווולקאַנען. דאָרט צייכנט ער קאָנטראַקטן מיט אַ פינאַנסיר מיטן נאָמען לאַבאַטוט. ענגלאַנד פּראָטעסטירט אַנטקעגן וואָפן־ליפערונג צו מענעליק, און די גרעסטע שוועריקייט איז, וואָס די איינגעבוירענע זאָגן זיך אָפּ צו פירן די קאַראַוואַנען.

— — — — — — — — — — — — — — —

דער וועג פון טאַדזשוראַ צו אַנקאָבער האָט גענומען פיר חדשים. אַן אַ טראָפּן פרישן וואַסער, אויסגעזעצט טאָג און נאַכט אַן אומבאַרמהאַרציקן הימל, מאָנסטער־געבערג, וואָס דערמאָנען רעמבאָ — דעם שרעקן פון לענדער אויף דער לבנה. דער שווערסטער נסיון זיינען די ווילדע שבטים, די דאַנאַקילס, פאַר וועלכע די אַבעסיניער אַליין האָבן מורא. די וואָפן האַלטן זיי אין צוים. דער קאַשמאַר־וועג ציט זיך ביז צו אַן אָזערע מיטן נאָמען אסאל. זי ציט זיך מיילן־לאַנג אַרומגענומען מיט אַ קרוסט פון ווייסן זאַלץ. אַזויווי אַ ריזן־ליקע אַרומגענומען מיט אַ קראַנץ פון ווולקאַנישע בערג. נאָך דער געשפּענסטיקער אָזערע ציט זיך אַלץ נאָך דער וועג איבער לאַוואַ און בלענדיק־ווייסן קאַלך־שטיין. דער וועג קיין האַראַר ווערט אַלץ אומוועגזאַמער, און דאַן קומט ענדליך דער טייך האַוואַש, פון וואַנען עס דאַרף נאָך נעמען אַכט ביז ניין טעג קיין שאָאַ.

דאָ וואַרט ערשט די גרעסטע אַנטוישונג. מענעליק איז פאַרנומען צו מאַכן ענטאַטאַ צו זיין הויפּטרעזידענץ און איז ניט אין שאָאַ. עס איז לאַנגווייליק און אפילו צו

שמערצלעך איבערצוגעבן וויאַזוי דער נאַאיווער רעמבאָ איז געוואָרן באַשווינדלט פון דעם כיטרען אַפריקאַנער. אלע שבטים פון שאַאָ האָבן געבראַכט דאָקומענטן, אַז רעמבאָ׳ס שותף איז זיי שולדיק געלט. ער איז קוים לעבעדיק געקו־מען קיין אַדען.

אפילו די פּליטה איז ניט געווען אָן באַדייטונג. ווייניקסטנס פאַר פראַנקרייך. ער האָט אויסגעפּרובט אָ קורצערן, פריינטלעכערן וועג קיין שאַאָ, קיין האַראַר דורך ענטאָטאַ, ווו פראַנקרייך האָט געבויט אַ באַן, וואָס איז באַנוצט געוואָרן פון מענעליקן פאַר אימפּאָרט און עקספּאָרט. דאָס זיינען געווען די ערשטע אָנהויבן פון פראַנצויזישן איינפלוס אין יענעם ווינקל פון דער ערד. רעמבאָ׳ס באַריכט איז אויך געווען אַ ווערטפולער ביי־טראַג צו דער געשיכטע פון דער אַבעסינישער אימפּעריע, און פון אירע באַציאונגען מיט אייראָפּייאישע מלוכות.

רעמבאָ מאַכט נאָך צוויי פּרובן צו קומען צו אַ קאָנגעניאַלער באַשעפטיקונג. איינעם, ווען ער לייגט פאָר דער סאָסיעטע זשעאָדראַפיק, צו שרייבן אַרטיקלען איבער אַבעסיניע אין קריטישן מאָמענט פון איר אַנטוויקלונג; זי איז ניט אינטערעסירט און מאַכט אָן אויסרייד, אַז דער האָנאָראַר איז צו הויך. די עצה, זיך צו פאַרבינדן מיט „ל׳אינטריקסיאָן פּובליק“, וואָס וואָלט אים מסתם אַנגאַזשירט פאַר אויספאָרשונגס־רייזן, נעמט ער ניט אָן. ער זאָגט זיך אויך אָפּ, צו שרייבן רייזע־נאָטיצן וואָס וואָלטן דערוויזן זיין קאָמפּעטענץ פאַר אַזאַ וויכטיקער אויפגאַבע. זיי גיבן אים צו פאַרשטיין, אַז זיי וועלן זאָרגן פאַר פאָנדן, וואָס זיינען נויטיק פאַר אַזעלכע פאָרשונגען — ער וואַרפט אַלץ אָפּ.

ער פּרובט אָנקומען אַלס קריגס־קאָרעספּאָדענט ביי דער דעמאָלדיקער אַבעסיניש־איטאַליענישער מלחמה, און גיט אָן אַן אַמאָליקן שול־פריינט פאַר אַ רעפערענץ. ווען

ער רעאַגירט ניט — בלייבט רעמבאָ, בכן, ביים האַנדל.
נאָך גרויסע שוועריקייטן קריגט ער קאָנצעסיעס דערצו.

— —

דאָס איז זיין גאַנצער נדן. די קאָנצעסיע. וויכטיק, אַזוי וויכטיק אַז צוויי וואַזשנע וואָפן־פאַבריקאַנטן מאַכן שותפות מיט אים... ער איז צוריק אין האַראַר, און עס ווייזט אים אויס אַ גן־עדן נאָך די שרעקלעכע זומערן אויפן ברעג ים. ער אָרדנט איין אַ שטיקל היים פאַר זיך, עס ווערט אַ צענטער פון איראָפּייער און פאַרבייקומענדיקע רייזענדע. ניט קוקנדיק אויף זיין גאַנצן באַמיען זיך, צו זיין טרוקן און ניכטער, רייסט זיך דאָך צומאָל אַרויס, רעמבאָ, דער דיכטער.

ער בענקט נאָך פראַנקרייך. נאָך דער מוטער, נאָך די וואָס זיינען אים באמת נאָנט. נאָך גייסטיקער אָנרע־גונג. ער איז זיך ניט מודה. אָבער אין בריף צו דער מוטער פרעגט ער אָן, צו גלויבט זי, ער וואָלט קענען געפינען אַ פרוי וואָס וואָלט גרייט געווען אים צו פאָלגן, מיט אים צו גיין, וווהין ער פילט, ער מוז גיין: „ווייל די וועלט איז אַזוי פול מיט וווּנדערבאַרע זאַכן, אַז דאָס גאַנצע לעבן פון טויזנט מענטשן וואָלט ניט גענוגטע זיי אַלע צו זען...״

דער גורל הויבט אָן אָפּצולויפן זיין רינג. ער ווערט קראַנק מיט אויסטערלישע ווייטאָגן אין קני. אין אָנהויב טראַכט ער, עס איז אַ האַרמלאָזער רעומאַטיזם. פּרובט זיך היילן מיט גימנאַסטיק און מאַסאַזשן. פּרובט אַ מעדי־ציניש זאַק, און האָפט אַז די וואַרעמקייט וועט ברענגען לינדערונג. ער באַמערקט שוועלונגען און דאָך איז ער ממשיך אין דער אַרבעט, אין רייטן, דיסציפּלינירט זיך, ווי ער האָט דאָס געטאָן זיין לעבן לאַנג, זעקס וואָכן לאַנג פּרובט ער איגנאָרירן ווייטאָגן, שלאָפלאָזיקייט, אָפּצערונג, און אַרבעט, אַרבעט.

דער מצב ווערט ערגער און ער ליגט אַציגנד אויף אַ

סאָפּע און איבערוואַכט ווי דער פּערסאָנאַל גייט אָן מיט דער אַרבעט. קיין דאָקטאָר איז ניטאָ, דער פוס שוועלט און ער זעט זיך אַרום, ער מוז ליקווידירן, אי דאָס תיכּף און מיט גרויסע פאַרלוסטן.

זעכצן מענער טראָגן אים קיין זיילא, פערצן טעג לאַנג.

דעם 2טן אַפּריל 1891 פאַרלאָזט ער האראר. טאַרטורן. ער פּרובט רייטן אויף אַ מוילעזל, און עס ווערט ערגער. אַ שטורעם ברעכט אויס, דער קאַראַוואַן צולויפט זיך און ער בלייבט ליגן 14 טעג אונטער טראָפּישן רעגן, אויף דעם טראָג־ברעט. די שרעקלעכע רייזע גייט ווייטער דעם 11טן אַפּריל. די טרעגער ווערן מיד, וואַרפן אַראָפּ דאָס טראָג־בעט און פאַראורזאַכן אים ווייטאָגן. מיט שטראָפן זיי, האַלט ער דיסציפּלין. ער קומט אָן קיין זיילא באַוווסטלאָז פון ווייטאָג.

אין אייראָפּייאישן שפּיטאָל אין אַדען, ווערט ער געווואָר, אַז מען וועט מוזן אַמפּוטירן דעם פוס.

אַלץ ווערט ליקווידירט און רעמבאָ שיפט זיך איין קיין אייראָפּא. אין מאַרסיי ווערט ער אויפגענומען אין שפּיטאָל „קאָנסעפּסיאָן אימאַקילייי". די מוטער ווערט אינפאָרמירט וועגן דעם צושטאַנד, און ענטפערט: איך קום. מוט און געדולד.

דער פוס האָט געמוזט אַראָפּגענומען ווערן.

די צרות און יסורים האָבן זיך ערשט געדארפט אָנהויבן. צוויי טעג נאָך דער אָפּעראַציע פאָרט מוטער רעמבאָ אַהיים און רעמבאָ איז זיך וועגן דעם זייער מצער. אין ווייטער דיסטאַנץ, אין אַפריקע, בייט זיך זיין אָפּשאַצונג און איינשטעלונג צו זיין מוטער, און דאָס ווידערזען מיט איר איז אין דער בענקשאַפט נאָך היים און מענטש, אַ קוואַל פון חלומות. זי פאָרט אַוועק נאָך צוויי טאָג פון זיין ביטערסטער מפּלה.

ער ווענדט זיך צו זיין שוועסטער איזאַבעל. אַלע בריף זיינען אַצינד געווענדט צו איר, אין זייער גאַנצער צוריק־

האַלטונג, דריקן זיי אפשר אויס מער לייד, ווי דאָס וואָלט געטאָן האַרצרייסנדע לאַמענטאַציע.

עס איז 1891, צוועלף יאָר זייט ער האָט פאַרלאָזן פראַנקרייך, מיטן באַשלוס צו מאַכן קאָנצעסיעס צום לעבן, צו געפינען אַ וועג זיך איינצואָרדנען, שאַפן זיך אַ פּאָזי־ציע, וואָס פּאַסט פאַר אים. אין פּאַריז ווערט ער געפייערט אַלס דער גרעסטער דיכטער פון נייַנצטן יאָרהונדערט, און זיי ווייסן ניט, אַז זייער נביא געפינט זיך עטלעכע שעה נסיעה פון זיי... ווען זיין דאָקטאָר דערמאָנט גאַנץ פאַר־זיכטיק דעם ענין פּאָעזיע, ענטפערט ער מיט בטול.

ער איז ווידער אין ראָש, וואָס ער פלעגט תמיד אָנ־רופן וואָלפסהייל. אַצינד האָט זיין שוועסטער איזאַבעל צו־געגרייט פאַר אים אַ שטוב, פאַרפּוצט מיט בלומען, — עס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס עמעץ גרייט צו בלומען פאַר אים.

ער הויבט אָן גרייטן זיך, ווי צו בלייבן אַ לענגערע צייט, הויבט אָן אַרויסנעמען אַלע צאַצקעס, וואָס ער האָט געזאַמלט אויף זיינע וואַנדערונגען, און מאַכט אַ פּרוב זיך פילן אין דער היים. איזאַבעל שפּאַרט אָפּ יעדע פרייע מינוט זיך צו ווידמען איר ברודער. דאָס פילט אים אָן מיט דאַנק־באַרקייט און צערטלעכקייט פאַר איר. אָבער אים גייט עס ניט גוט. ווייטאָגן הויבן זיך אָן באַווייזן אין רעכטן אָרעם, — דאָס האַרץ שטעלט זיך אים אָפּ פון שרעק — ער הויבט אָן פילן דיזעלביקע ווייטאָגן אין לינקן קני, ווי ער האָט בשעתו געפילט אין רעכטן. ער פאַרלירט דעם שלאָף.

אין פרייערע מינוטן חלומט ער אַלץ נאָך וועגן חתונה האָבן, וועגן צוריקגיין קיין האַראַר, ווידער אָנהויבן זיינע אַקטיוויטעטן. צומאָל באַווייזט זיך אפילו אַ פונק פון זיין סאַטירישן, בייסנדיקן וויץ. צומאָל דערציילט ער איזאַ־בעל וועגן אַבעסיניע, וועגן פרויען, מיט וועלכע ער איז געווען פאַרבונדן, וועגן דזשאַיאַמי זיין קנעכט, וואָס איז אים אַזוי געטריי געווען. ווען ער האָט געהאַלטן ביים פאַר־

לאָזן אַבעסיניע איז דזשאַמי אים געפֿאַלן צו די פֿיס, געוואָלט איבערלאָזן פֿרוי און קינד און פֿאָרן מיט אים. רעמבאָ האָט דאָס אָפּגעלענט.

עס ווערט ניט בעסער. די ווייטאָגן ווערן אין לשער. דער שלאָף גייט אַוועק. דער דאָקטאָר הויבט אָן אַרבעטן מיט שלאָפֿמיטלען, אָבער ער ציט פֿאָר איזאַבעלס מאָן־געטראַנק, וואָס זי קאָכט פֿאַר אים און וואָס ברענגט אים אין אַ צושטאַנד פֿון האַלב־שלאָף און דעליריעס. ער פֿלעגט פֿאַרשליסן טיר און טויער אינמיטן העלן טאָג נעמען אַ קאַטאַרינקע אָנצינדן ליכט און מיט אַ וויכן קול פֿלעגט ער אויסזינגען די געשיכטע פֿון זיין לעבן, די חלומות פֿון זיין צוקונפֿט. זיין שפּראַך איז געווען דורכגעפֿלאָכטן מיט אָריענטאַלישע וואָרטשפּילן, אָריענטאַלישע ווענדונגען, פּונקט ווי אין די טעג פֿון זיין יוגנט אויף דער שוועל פֿון זיין קינסטלערישער תּקופֿה.

איזאַבעל איז געווען מיט אים. דער מאָן־טיי האָט אים געבראַכט אין אַ צושטאַנד פֿון האַלבוואַכן חלום, און איינמאָל, זייענדיק אַליין, האָט ער פֿאַרגעסן ווו ער האַלט, און איז אַראָפּ פֿון בעט, וואָס האָט פֿאַראורזאַכט אַ שווערן פֿאַל. ער איז אויף דעם אופֿן געוואָר געוואָרן פֿון דערווירקונג פֿון מאָן־טיי, און ער האָט פֿון דעמאָלט אָן דעם טיי ניט מער אָנגערירט. — ער האָט אַצינד געפּרובט אַלע אַנדערע מיטלען, דער צושטאַנד איז געוואָרן אַלץ ערגער. איזאַבעל פֿלעגט אים. שלאָפֿט ניט גלייך מיט אים. צומאָל זינגט זי לידער טרויעריקע, ווי זי איז אַליין. דער הימל אפֿילו אין יענעם יאָר 1891 איז אויך געווען פֿול כּעס און שטורעמס. אַ פֿריער פֿראָסט מאַכט קלאַפּן איין צאָן אָן אַנדערן. ער האָט אויספֿאַרזוכט, דער זון פֿון דער זון די קווינטעסענץ פֿון בייזן אין פֿולער מאָס.

ער מוז דאָך אַוועק. כאָטש קיין מאַרסיי. פֿון דאָרט, אויב עס וועט נאָר ווערן אַביסל בעסער, וועט ער זיך אומקערן קיין מזרח, קיין האַראַר. דעם 23טן אויגוסט 1891

לאָזט ער ער זיך אַרויס אויף זיין לעצטער נסיעה, קעגן דעם ווילן פון דער מוטער, וואָס זעט ווו ס׳האַלט מיט אים. איזאַבעל באַגלייט אים.ביים געזעגענען זיך האַלט ער מוטער און שוועסטער איןביידע אָרעמס, און דערפילנדיק, ער זעט די היים צום לעצטן מאָל, רופט ער אויס מיט טרערן: „אָ גאָט איז טאַקע ניט פאַראַן קיין שטיין פאַר מיר ווו אויסצורוען מיין קאָפּ, אָדער אַ אינדערהיים, אַוו צו שטאַרבן?“ אָבער אַז איזאַבעל בעט אים בלייבן, רופט ער אויס: ניין! איך מוז פּרובן געזונט ווערן.

דער גאַנצער וועג איז איין לאַנגער טאָרטור. לאַכנדיקע מענטשן, בליענדיקע גערטנער, יונג און אַלט פאַרנומען מיט עפּעס אַ ציל, דערפולט פון עפּעס אַ דראַנג, און דאָ א שברי כלי, וואָס איז אַמאָל געווען אַרטור רעמבאָ. אַ קרבן פון אויסטערלישע קוואַלן.

אין אָוונט זיינען זיי אָנגעקומען קיין מאַרסיי און ער איז תיכף געבראַכט געוואָרן אין שפּיטאָל. ער האָט עס לעבעדיק ניט מער פאַרלאָזן.

די דיאַגנאָזע פון די דאָקטוירים איז געווען קרעבס. עס איז אָבער אויך מעגלעך, אַז עס איז געווען דאָס דריטע סטאַדיום פון סיפיליס. ביאָגראַפן פאַרנעמען זיך זייער מינוציעז מיט דעם פּראָבלעם, פאַר אונז איז דאָס אירעלעוואַנט. די לייִמונג פּראָגרעסירט, הגם כדי דעם פּאַציענט צו דערמוטיקן, מאַטערט מען אים מיט אַלע מינים עלעקטרישע קורן. אין אַ שיינעם טאָג קומט אפילו אָן אַ קינסטלעכער פוס, וואָס איז באַשטעלט געוואָרן, נאָך דער ערשטער אָפּעראַציע. ער קען אים אפילו ניט אָנמעסטן. ער געפינט זיך נאָנט צום ים התיכון, שיפן שטייען גרייט, ניט פאַר אים. „איך וועל גיין אין פינצטערניש בעת דו וועסט נאָך זען דאָס ליכט“, זאָגט ער צו איזאַבעל. זי האָט אים געפלעגט מיט אויסטערלישער איבערגעבנקייט, און מיט אַן אינערער באַפרידיקונג, וואָס איז געווען מאָדנע. זי איז געווען גליקלעך, וואָס ער איז געווען אַזוי אָפּהענגיק

פון איר, און זי האָט אים געקענטביישטיין ביז צו דער לעצטער רגע. אין אָוונט ווען די וויטאָגן זיינען געווען לייכטער, האָט זי גאַנץ פֿאַמעלעך אָנגעהויבן אים צוגרייטן פֿאַר יענער וועלט. גאַנץ פֿאַמעלעך. ער האָט זיך ניט גע־קענט ווערן. אָנגעהויבן אויסמאָלן פֿאַר אים דאָס מיסטעריום פון מעסע, פון קאָמוניע, פון ודוי און פֿאַרגעבונג פון זינד. דערציילט מיט אַ שטילן קול וועגן וווּנדערבאַרען פֿראָווען פון הויכער מעסע, און פון תפילות אין וועלכע זי פלעגט גיין אַנטיילנעמען אין קאַפּליצע פון שפּיטאָל, וועגן די כאָר־יינגלעך; צו דערמאָנט זיך רעמבאָ — אָן זיינע כאָר־יינגלעך פון „די אָרעמע אין קלויסטער״? די ריינקייט פון זייערע שטימען האָבן זי דערמאָנט אָן אַ כאָר פון מלאכים.

זי האָט צעברעקלט זיין ווידערשטאַנדסקראַפט. וויי־ניקער ווי צוויי וואָכן פֿאַר זיין טויט האָט זי געקענט שרייבן צו איר מוטער: אַז דאָס גרעסטע גליק האָט זי געטראָפֿן.

רעמבאָ איז א בעל תשובה. אָנגעטאָן גאָט אַן אוי־רינגל. — און מער קען מען פון איר ניט פֿאַרלאַנגען. אַ גייסטלעכער פלעגט אים באַזוכן צוויי וואָכן, איידער ער האָט זיך אונטערגעגעבן. הפּנים אַז ער האָט ניט געהאַט קיין מוט, צו ריידן מיט אים וועגן קאָמוניע. אָבער איינמאָל, ווען ער האָט אויסגעזען רואיקער, האָט ער אים געפרעגט, צו וואָלט ער וועלן, ער זאָל אויסהערן זיין וידוי. און רעמבאָ האָט מסכים געווען.

לכתחילה איז ער געווען זייער טרויעריק נאָך דעם אַקט, עס איז דערשיטערנדיק ווי ער קלאַמערט זיך ווי אָן אַ שטרוי. ער פרעגט: „דו ביזט דאָך מיין פלייש און בלוט, און דו גלויבסט? זאָג מיר, אַז דו גלויבסט״.

דעם צענטן נאָוועמבער 1891 איז אַרטור רעמבאָ געשטאָרבן.